STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05734

IN GERANGL FUN IDEYEN

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

אין געראַנגל פון אידייען

(עסייען)

*

בוכגעמיינשאַפט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
בוענאָס איירעס, 1957

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
A. ALMI, Ney York

INDUSTRIA ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

א י נ ה אַ ל ט :

טויט און אומשטאַרבלעכקייט — 7
מאַרקס און זיין תורה — 48
פּרווידיאַניזם און יודאַיזם — 63
דער איבערמענטש פון פרייען ווילן — 74
פאַראויסזעאונג און פאָראויסבאַשטימטקייט — 83
די עטישע געזעלשאַפט — 91
אַהאַספער, יודאַס און שיילאָק — 97
משה נאַדיר — דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט זיין אַנדערש — 104
פּרץ הירשביין — דער מענטש, וואָס איז געוואָרן אַנדערש — 109
י. י. זינגער — 121
אידייע און טענדענץ — 125
קינסטלערישע מיסיעס — 130
פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט — 135
לייכט און שווער — 141
קונסט, קינסטלער און קונסט־געניסער — 145
אין וואָס איך גלויב — 156
עדגאַר אַלען פּאָו — 162
דאָס געהיימניש אַרום ספּינאָזאַס טויט — 169
בודאַ און ספּינאָזאַ — 163
אַנרי בערגסאָנס טעות — 191
סאַנטאַיאַנאַ און די גריכישע געטער — 199
דיאָגענעס און באָנטשע שוויַיג — 206
סאָקראַטעס — אַ היסטאָרישע פיגור אָדער אַ לעגענדע? — 210

טויט און אומשטאַרבלעכקייט

(לויט פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט)

I

דאָס לעבן איז אַ פּראָצעס פון שטאַרבן. באַלד ווי דער מענטש ווערט געבוירן, הייבט ער אָן צו שטאַרבן. ס׳איז אַ כסדרדיק ווערן, וואָס ווערט כסדר — אויס. דער מענטש שטאַרבט שוין מי־יודע ווי לאַנג — אפשר אַ מיליאָן יאָר און אפשר מער. איז עס דעריבער מערקווירדיק, וואָס ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צום טויט, נישט שלום געמאַכט מיט אים, און דער טויט ווערט נאָך אַלץ אויפגענומען ווי אַ מוראדיקע טראַגעדיע, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומגע־ריכטע, אומדערוואַרטע קאַטאַסטראָפע, וואָס טרעפט נישט אַלעמאָל און נישט אַלעמען.

ספּינאָזאַ זאָגט אין זיין „עטיק״ (פערטער טייל), אַז „אַ פרייער מענטש טראַכט ווייניקער ווי אַלץ וועגן טויט... זיין חכמה באַשטייט אין מעדיטירן נישט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן״. דאָך פאַרנעמט זיך ספּינאָזאַ אַליין יאָ מיטן טויט און אין דער „עטיק״ קערט ער זיך כסדר אום צו די פּראָבלעמען פון טויט און השארת הנפש, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען... אויב מיר זאָלן אָננעמען ספּינאָזאָס מיינונג, אַז ס׳איז אַ חכמה נישט צו מעדיטירן וועגן טויט, זענען די מייסטע מענטשן, צווישן זיי וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער — חכמים... דאָס הייסט, אויב מיר זאָלן טאַקע גלויבן זייער פאַרזיכערונג, אַז זיי טראַכטן קיינמאָל נישט וועגן טויט.

אַ באַקאַנטער שרייבער האָט אַמאָל דערציילט, אַז אין זיינע ייִנגערע יאָרן, זעענדיק ווי מענטשן שטאַרבן, האָט ער געמיינט, אַז עס איז דאָ אַזאַ חברה

שטאַרבערס. מיט אים פערזענלעך האָט עס, הייסט עס, גאָרנישט צו טון... דאָס קלינגט ווי אַ וויץ. בכלל איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ מענטש, אויב ער איז נישט קיין אידיאָט, זאָל באמת קיינמאָל נישט אַ טראַכט טון פון טויט. יענע, וואָס פאַרזיכערן אונדז אין דעם, מיינען אפשר אַזוי, מחמת זיי טרייבן דעם טויט־געדאַנק צוריק אין זיין רו אַריין — צום אונטערבאַוווסטזיין — יענעם עסמאָל, וואָס ער רייסט זיך אַריין אין די מחשבות.

„וואָס מער אונדזערע געדאַנקען ראַנגלען זיך, צו פאַרטרייבן דעם טויט פון זיך, אַלץ ענגער פרעסן זיי זיך אַרום אים“, — זאָגט מעטערלינק אין זיין פראַכטפולער עסיי וועגן טויט[1]. „וואָס שטאַרקער מיר שרעקן זיך פאַר אים, אַלץ אימהדיקער ווערט ער, מחמת ער פיטערט זיך אויף אונדזער פחד; ער פאַלט ווי אַ משא אויפן זכרון פון דעם, וואָס באַמיט זיך אים צו פאַרגעסן... הגם מיר טראַכטן פון טויט אומאויפהערלעך, טוען מיר דאָס אומבאַוווסטזיניק, נישט לערנענדיק צו באַקענען זיך מיטן טויט. מיר צווינגען זיך אָפּצוקערן זיך פון אים, אָנשטאָט אים אַנטקעגנצוגיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ... מיר גיבן איבער דעם טויט אין די שוואַכע הענט פון אינסטינקט און מיר שענקען אים נישט קיין איין שעה מיט אונדזער שכל. דאַרף מען נישט שטוינען, וואָס די אידייע פון טויט, וועלכע דאַרף זיין די פערפעקטסטע און די אויפגעקלערטסטע — שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי איז די צודרינגלעכסטע און די אומפאַרמיידלעכסטע — פאַרבלייבט די שוואַכסטע פון אונדזערע אידייען און די איינציקע וואָס איז צוריקגעשטאַנען?“

דאָ איז כדאי אָנצוווייזן (ווי אַ צוגאָב צו מעטערלינקס באַמערקונגען) אויף יענע לייט, וואָס זיי באַליידיקן אייך ממש אויב איר ברענגט אַריין די טעמע טויט אין אַ שמועס. איר האָט שוין נישט וועגן וואָס צו ריידן, נאָר וועגן טויט אין מיטן־דרינען? בייזערן זיי זיך. אַנדערע אַזוינע חכמים סטעמפּלען אייך פאַר אַ מרוק, אַן אַנטלויפער פון לעבן און, אויב זיי זענען ראַדיקאַלן פון אַ געוויסן מין, שטעלן זיי אַרויס אַ דיכטער, אָדער אַן עסייאיסט, וואָס פאָעטיזירט, אָדער פילאָסאָפירט וועגן טויט, ווי אַ מוסטער פון רעאַקציע, פון איינעם, וואָס פרעדיקט טויט, בעת זיי שרייען הוראַ פאַרן לעבן, קאַמף, אויפבוי און ווי זייער פראַזעאָלאָגיע גייט דאָרט. גלייך ווי דער טויט וואָלט נישט געווען אַן אינטעגראַלער טייל און דער סך־הכל פון לעבן; גלייך ווי דער טויט וואָלט געווען עפּעס אַ רעאַקציאָנערע דערפינדונג, וואָס האָט צו ראַדיקאַלן קיין שום שייכות נישט...

מיר דאַכט זיך, אַז די, וואָס זענען אַזוי טויט־דערשראָקן פאַרן טויט, אַז זיי פילן אַ פחד אַפילו בלויז צו דערמאָנען אים, טוען זיך די גרעסטע רעה

1) *Maurice Maeterlinck*: Death, New York, 1912.

דערמיט, וואָס זיי טרייבן פון זיך די מחשבות וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן סוף און פאַרבלייבן אַזוי־אַרום פּסיכאָלאָגיש פרעמד דעם גאַסט, וואָס וועט סיי־ווי קומען און זיי טרעפן נישט־צוגעגרייט, מיט צעשראָקענע אויגן. דער טויט איז דאָך נישט בלויז דער פינאַל פון (ערדישן) לעבן, נאָר ער שפּילט אויך אַ וויבטיקע ראָל אין אונדזער גאַנץ לעבן, נישט נאָר צוליב דעם טויט פון אייגענע און נאָענטע, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס דער טויט לייגט זיין באַשטימטע חתימה אויף אונדזערע מעשים, אויף אַלץ, וואָס מיר טוען. דער געדאַנק, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט מיט יאָרן צוריק אין אַן עסיי 2), אַז נישט סעקס, נאָר דער טויט איז די טרייב־קראַפט פון לעבן, דער כוח, וואָס באַוועגט אונדז צו זוכן אייביקייט דורך ממשיך זיין זיך אין קינדער, אין קינסטלערישע ווערק און אויף אַנדערע אופנים — דאָס הייסט, אַז סעקס איז נישט די סיבה, נאָר דער פועל־יוצא פון אַ גרעסערער קראַפט, — אָט־דער געדאַנק בעט זיך ממש פאַרטיפט און אויסגעברייטערט צו ווערן אין אַ פּסיכאָסאָפישער שיטה.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דאָס אַנטלויפן פון טויט, דאָס אויסמיידן צו ריידן אויף אַזאַ אומהיימלעכער טעמע, נישט מער ווי אַ קינדיש־אומבאַהאָלפענע באַהעלטעניש פון אַ דערשיינונג, וואָס רינגלט אונדז אַרום פון אַלע זייטן און וואָס איז אַזוי אומפאַרמיידלעך ווי די נאַכט, וואָס קומט נאָכן טאָג. צי דער טויט איז אַן אינדזל אין דעם אייביקן ים פון לעבן, אָדער דאָס לעבן איז אַן אינדזל אין דעם אייביקן ים פון טויט, אָדער ביידע זענען פאַקטיש איינס, נאָר אין פאַרשיידענע פאָרמען, — דאָס איז ספּעקולאַטיוו. דער עיקר איז, אַז אַנשטאָט אויסמיידן די טויט־מחשבה, דאַרפן מיר, אַדרבא, זי אַרויסרופן, פלעגן, אַרומטראַכטן זי, מעדיטירן און פילאָסאָפירן וועגן דעם, אַזוי, אַז דאָס, וואָס איז ביאָלאָגיש און פיזיאָלאָגיש אינטעגראַל אין אונדז, זאָל דאָס אויך ווערן געדאַנקלעך, אינטעלעקטועל. אַזאַ דערנענטערונג מיטן טויט, מיט דער אידייע פון טויט אין לויף פון לעבן, וועט אונדז ראַטעווען פון צער, פון טראַגישער שאָקירונג ווען דער טויט לייגט אַרויף די האַנט אויף די אויגן פון אַ נאָענטן, אָדער ווען מיר אַליין דערשפּירן זיין אָטעם אויף אונדזער פּנים.

מיר הערן כסדר וועגן שלום מאַכן מיטן לעבן, וועגן גייסטיקער מנוחה, ביכער אויף ביכער ווערן וועגן דעם געשריבן און דער עולם צעכאַפּט זיי. מיר קענען אָבער דאָס נישט האָבן, אויב מיר האָבן פריִער נישט שלום געמאַכט מיטן טויט. עס קען נישט זיין קיין שלום מיטן לעבן אָן שלום מיטן טויט, ווי מיר קענען נישט געהעריק דערקענען דאָס לעבן, אויב מיר דערקענען נישט דעם

2) *A. Almi*: Eternal Frontiers (Art and Death), New York, 1939.

טויט. דער באַוווּסטער ענטפער, וואָס קאָנפוציוס האָט געגעבן אויף דער פראַגע פון זיינעם אַ תלמיד, וואָס דער טויט איז, דער ענטפער, וואָס איז אויך אַ פראַגע: „ווי קענען מיר וויסן וואָס דער טויט איז, ווי באַלד מיר ווייסן נישט וואָס לעבן איז?" איז בלויז אין פלוג אמת, אָבער נישט אין תוך, ווען מיר האָבן אין זינען אַ רעלאַטיוו וויסן. ווען אַ ציטונגס־רעפּאָרטער האָט געפרעגט דעם פראַנצויזישן מלוכה־מאַן קלעמאַנסאָ'ן, אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, צי ער האָט מורא פאַרן טויט, האָט דער „טיגער", ווי מען האָט אים גערופן, צוריקגעפרעגט: „האָט איר מורא זיך צו לייגן שלאָפן?" דאָס דערמאָנט אָן אַ סטראָף פון לאָרד בייראָנס „דאָן זשואַן", ווו דער פּאָעט זאָגט, אַז „דער אַזויגערופענער טויט מאַכט אונדז וויינען, און דאָך פאַרגייט אַ דריטל פון אונדזער לעבן אין שלאָף"... שלאָף — האָב איך אַמאָל געשריבן, — איז אַ טויט־הפסקה אין מיטן קאָך פון לעבן.

די מדרשים און אגדות וועגן משה רבינוס טויט האָבן אויף מיר געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די מחברים פון דידאַזיקע לעגענדעס, וואָס זענען זיכער אויסן געווען צו דערהויבן דעם אב הנביאים, האָבן אומגערן פאַרשוועכט דאָס קאָלאָסאַלע משה־געשטאַלט מיט זייערע שילדערונגען ווי משה האָט זיך מיט עקשנות געוועַרט קעגן גאָטס גזר, גערופן פאַר עדות די תורה און דעם הימל און די ערד און דעם ים, איבערצוציגן דעם בורא־עולם, אַז ער דאַרף זיין גוט צו אים און אים שענקען דאָס לעבן, מאַכנדיק דערביי אַ קרייז אַרום זיך, אַז דער מלאך־המות זאָל צו אים קיין דריסת־הרגל נישט האָבן. גאָט לאָזט זיך אָבער נישט איבערצייגן און מיט אַ קוש אויף משהס שטערן, ציט ער פון אים אַרויס די נשמה. אַז משה, דער געטלעכער מענטש, וואָס איז, על־פי מסורה, אַ היימישער אין הימל און וועַר־וועַר, ווי ער, ווייסט אַז ערשט נאָכן טויט הייבט זיך אָן דאָס אמתע און דאָס אייביקע לעבן — אַז ער, דער איש אלוהים, זאָל אַרויסווייזן אַזאַ פחדנות פאַרן טויט און מיט אַלע כוחות זיך אָנהאַלטן אָן לעבן — דאָס איז אַזאַ ווילדע פאַנטאַזיע, אַז עס האָט מיך פשוט טיף דערשיטערט, און נאָך איצט קען איך נישט פאַרשטיין ווי אַ שכלדיקער ייִד קען פון אָט־די אגדות הנאה האָבן.

דער פאַקט איז, אַז פרומע, גאָטפאַרכטיקע לייט, וואָס אויב איר וועט פאַר זיי אויסדריקן אַ ספק אין השארת הנפש און עולם הבא, וועלן זיי אייך מיט פאַראַכטונג סטעמפּלען פאַר אַן אַפּיקורס, ווייזן אַרויס אַזאַ גרויסע שרעק פאַרן טויט, ווי נישט־פרומע, וואָס דערוואַרטן נישט קיין עולם־הבא. זייער פחד פאַרן טויט רופט אַרויס אַ חשד אויף דער עכטקייט פון זייער גלייבן אין דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה. מיר פרעגן זיך צי זיי האָבן בלויז געגלויבט, אַז זיי גלויבן און אין אמתן איז עס ביי זיי געווען אַן אילוזיע פון גלויבן, אָדער

„ווישפול טהינקינג", ווי מען רופט עס אין ענגליש, אַ זעלבסטאײנרײדעניש. דער פּאָעט פרידריך העבעל האָט, אין אַ ליד, חוזק געמאַכט פון די פרומע קריסטן, וואָס טוליען זיך צום לעבן און האָבן מורא פאַרן טויט. מען קען אויף פרומע פון אַלע אמונות אָנווענדן זיינע סאַטירישע פערזן:

וועמ׳ס ווינטשט זיך לאַנג צו לעבן
אין ערדישן געווימל —
פאַרקירצט זיין עולם־הבא,
זיין יענע וועלט, אין הימל!...

אָבער דער חשד אויף פרומע לייט פאַרשווינדט אין אָנבליק פון קידוש־השם, ווען מיר זעען ווי רעליגיעזע מענער און פרויען גייען מיט שטאָלץ־געהויבענע קעפּ, עקזאַלטירטע, צום שייטערהויפן, אָדער תליה, כאָטש זיי וואָלטן לייכט געקענט ראַטעווען זייער נפש דורך פאַרלייקענען זייער אמונה. נאָר מענטשן, טראַכטן מיר, וואָס גלויבן אַזוי שטאַרק אין השארת־הנפש, אין עולם־הבא, אין בורא־עולם, קענען אַזוי שטאַרבן, הגם זיי האָבן פריִער נישט געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון טויט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די מיינסטע מענטשן. זעען מיר דאָך אָבער, אַז אויך אַזעלכע, וואָס זענען ווייט געווען פון רעליגיע, אַזוינע ווי דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ און איבערצייגטע אַטעאיסטן, ווי עס זענען געווען דאָס רוב רעוואָלוציאָנערן, זענען געגאַנגען פונקט אַזוי שטאָלץ צו דער תליה, כאָטש אויך זיי האָבן געהאַט די ברירה צו ראַטעווען זייערע לעבנס דורך עפנטלעך אָפּזאָגן זיך פון זייערע פּרינציפּן. איז מען נישט באַרעכטיקט צו טראַכטן, אין שייכות צו די לעצטע, אַז אויב זיי האָבן באַוווּסטזיניק נישט געגלויבט אין גאָט און אין השארת־הנפש, האָבן זיי אָבער אונטערבאַוווּסטזיניק, אָדער אינטואיטיוו, יאָ געגלויבט? אין אַ מאָמענט פון עקזאַלטאַציע איז, הייסט עס, זייער פאַרבאָרגענער גלויבן געקומען צום פאָדערגרונט.

מען קאָן זיך אויך פאָרשטעלן, אַז איןביידע פאַלן האָט די אַנטשיידנדיקע ראָל געשפּילט דאָס לאַנגע גרייטן זיך צום טויט. אין די לאַנגע טעג און נעכט דורך וואָכן און חדשים אין תפיסה, ווו דער אָטעם פון אָנקומענדיקן טויט האָט אויף זיי געהויכט אומאויפהערלעך, האָבן זיי זיך אינטים באַקענט מיטן טויט, זיך איינגעוווינט צו אים און אויפגעהערט פאַר אים מורא צו האָבן.

II

שווער צו פאַרשטיין די רעאַקציעס פון דער קאָמפּליצירטער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, בפרט אין אַזאַ מאָמענט ווי דער איבערגאַנג פון איין צושטאַנד.

וואָס מיר רופֿן לעבן און ווי מיר האָבן זיך היימיש געמאַכט, פֿאַרוואַרצלט, פֿאַמיליעס אויפֿגעשטעלט, געחלומט, געהאָפֿט, געליטן און געפֿרייט זיך, צו אַן אַנדער צושטאַנד, וואָס מיר רופֿן טויט און וואָס איז איינגעהילט אין דער מיסטעריע פֿון דעם אומבאַוווסטן, כאָטש דער טויט איז אַזוי אַלט און אַזוי היימיש ביי אונדז, ווי דאָס לעבן. מעטערלינק באַשולדיקט די גייסטלעכע און די דאָקטוירים, אַז זיי העלפֿן אַרומרינגלען די לעצטע שעהן און דעם טויט מיט אימה ופחד. בעת עס איז טאַקע ריכטיק, וואָס ער זאָגט, אַז די דיזיקע שרעק, ווי די יסורים פֿון קראַנקייט און פֿון גסיסה (וואָס קוקן אונדז אַזוי אויס און וואָס דער שטאַרבנדיקער שפּירט זיי אפֿשר גאָרנישט), וואָס ווערן צוגעשריבן צום טויט, זענען דאָך אין אמתן נאָך אַלץ די נאָכווייענישן פֿון לעבן, איז אָבער זיכער, אַז די שרעק פֿאַרן טויט איז איבערהויפּט צוליב דעם געהיימניש אַרום קבר, דאָס נישט וויסן צי דער קערפּערלעכער טויט איז טאַקע דער סוף פֿון דער עקסיסטענץ, אָדער אַ נייער אָנהייב און אויב אַ נייער אָנהייב — וואָס איז ער?

ביי אָט־דעם פּונקט שטעלן זיך פֿאַר אונדז פֿיר קשיות, מכוח וועלכע די חכמים זענען זיך מפלפּל שוין טויזנטער יאָרן. די פֿיר קשיות זענען:

1. האָט דער מענטש אַ נשמה?
2. קען די עקסיסטענץ פֿון דער נשמה באַוויזן ווערן?
3. בלייבט די נשמה לעבן נאָכן טויט פֿון דעם גוף?
4. אויב יאָ, איז זי זעלבסטבאַוווסט פֿון איר עקסיסטענץ?

אַלע רעליגיעס, פֿון די פּרימיטיווסטע ביז די העכסט־אַנטוויקלטע, ווי דאָס זענען בודיזם, זאָראָאַסטיאַניזם און ייִדנטום (און דורכן ייִדנטום דאָס קריסטנטום און איסלאַמיזם) נעמען אָן, אַז דער מענטש האָט אַ נשמה און אַז די נשמה איז אומשטאַרבלעך. אמת, אין תנ״ך ווערט נישט אויסדריקלעך דערמאָנט השארת־הנפש און עולם־הבא, אַ חוץ דעם סעאַנס פֿון שאולן מיט דער פּרוי פֿון עין־דר; אָבער אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון ייִדנטום — אין תלמוד, אין מדרש, אין קבלה און ביי די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע פֿילאָסאָפֿן — איז דאָ אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער אמונה אין דער אומשטאַרבלעכקייט פֿון דער נשמה אויף „יענער וועלט“. שאולס סעאַנס מיט דער פּרוי פֿון עין־דר, וואָס זי האָט „אַרויסגערופֿן“ שמואל הנביא פֿון קבר, האָבן אַזעלכע רעליגיעזע ייִדישע דענקערס, ווי רב האי, סעדיה, שמואל בן־חפֿני און רלב״ג, געפּרוווט מסביר צו זיין על־פּי שכל, אָבער דער אברבנאל איז מיט זיי נישט מסכּים, האַלטנדיק, אַז עס איז יאָ דאָ אַזאַ געהיימער כּוח, דורך וועלכן לעבעדיקע קענען קומען

אין קאָנטאַקט מיט די נשמות פון פאַרשטאָרבענע. באַזונדערס אויסגעשפּראָכן איז דערין בן־סירא (מ״ו). אָבער אין דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה האָבן אַלע מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָסאָפן געגלויבט.

מיר איז אַלעמאָל געווען אַ חידוש, וואָס צווישן די פאַרשיידענע השערות און דערקלערונגען פון דעם פאַקט, וואָס אין „תורת משה״ ווערט נישט גערעדט וועגן השארת־הנפש און עולם־הבא, איז נישטאָ דער, דאַכט זיך, איינציקער לאָגישער ענטפער — און דאָס איז, אַז די ענינים פון טויט און אומשטאַרבלעכקייט זענען בכיוון אויסגעלאָזט געוואָרן פון חומש צוליב דעם קולט פון טויט, וואָס האָט געהערשט אין מצרים און מיט וועלכן די בני־ישראל האָבן זיך אָנגעשטעקט. פונקט ווי עס ווערט אָנגעזאָגט: לא תעשה לך פסל וכל תמונה, מיט דער כוונה אָפּצוהיטן פרעהס געוועזענע שקלאַפן פון געצנדינסט בכלל. אַזוי איז דאָס אויסמיידן השארת־הנפש און עולם־הבא געווען, לויט מיין מיינונג, אַ קלוגע אויסרעכענונג, כדי צו באַפרייען די יוצאי מצרים און דערמיט די קומענדיקע יידישע דורות פון דעם עגיפּטישן טויט־קולט, וואָס זיין „ביבל״ איז געווען „דאָס בוך פון די טויטע״. ערשט שפּעטער, ווען דער עגיפּטישער פּאַגאַניזם, די מ״ט שערי טומאה, אין וועלכן די יידן זענען געווען פאַרזונקען, האָט זיך שוין געהאַט אויסגעוועפּט פון די נעכטיקע „עובדי עבודה זרה״, האָט זיך דער יידישער געדאַנק געקענט דערלויבן זיך אָ קער צו טון צו די פּראָבלעמען פון אומשטאַרבלעכקייט און עולם־הבא, פּראָבלעמען, וואָס קיין רעליגיע קען נישט אויסמיידן.

אָבער ביי דער רעליגיע איז השארת־הנפש אַן ענין פון אמונה, פון אַ גלויבן, וואָס ווערט אָנגענומען אָן קשיות. דער פאַרשנדיקער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס זוכט באַווייז, עווידענץ, קען זיך דערמיט נישט באַפרידיקן. ער וויל דווקא ראַציאָנאַלע, לאָגישע אויפקלערונגען און באַשטעטיקונגען — ערשט דעמאָלט וועט ער גלויבן...

דעריבער איז ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון טויט, נשמה, אומשטאַרבלעכקייט נייטיק דער עיקר צו כאַפּן אַ בליק אין די ענטפערס, וואָס די פילאָסאָפיע, פאַרצייטישע און היינטיקע, און די וויסנשאַפט, גיבן אונדז אויף זיי און צו אַנאַליזירן דידאַקטיקע ענטפערס אויף וויפל זיי קענען צופרידנשטעלן אונדזער קריטישן פאַרשטאַנד, אויסער אונדזער געפיל און ווונטש. לאָמיר אָנהייבן דווקא מיט אונדזערן אַ מיטצייטלער, וואָס ער איז שוין דאָ פריער דערמאָנט געוואָרן, מאָריס מעטערלינק. הגם מעטערלינק איז מער דיכטער ווי פילאָסאָף און מער פילאָסאָף ווי וויסנשאַפטסמאַן, איז אָבער זיין רעזומע פון די ענטפערס אויף די פריער־געבראַכטע פיר קשיות באַזירט אויף דער אַרגומענ־

טאַציע פון אַ פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעכער שולע, וואָס גייט אויפן האַלבן וועג — ביז אַ געוויסן פונקט — צו אומשטאַרבלעכקייט. עס איז כדאי זיך פריער צו באַקענען מיט דעמדאָזיקן האַלבן וועג און דערנאָך זען, אויב מיר קענען גיין ווייטער. אין זיין שוין־דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג („טויט״) שרייבט מעטערלינק:

אויסער דער רעליגיעזער לעזונג (פון דער פראַגע וועגן אומשטאַרבלעכקייט), זענען דאָ פיר באַגרייפלעכע לעזונגען און נישט מער: פולשטענדיקע פאַרטיליקונג; השארת־הנפש מיטן איצטיקן באַוווסטזיין; השארת־הנפש אָן וועלכן־ס׳איז באַוווסטזיין; השארת־הנפש מיט אַ קאָסמיש באַוווסטזיין, אָן אַנדערשדיקן ווי דער, וואָס מיר באַזיצן אין דער ערדישער וועלט.

טאָטאַלער אומקום איז אוממעגלעך. מיר זענען די געפאַנגענע אין אַן אייביקייט אָן אַן אַרויסגאַנג, ווו גאָרנישט פאַרשווינדט... נישט קיין קערפּער, נישט קיין געדאַנק קען זיך אַרויסרייסן פון אוניווערס, אַרויס פון צייט און רוים. נישט קיין אַטאָם פון אונדזער פלייש, נישט קיין ציטער פון אונדזערע נערוון וועלן אַוועק ערגעץ, ווו זיי וועלן אויפהערן צו זיין, וואָרן ס׳איז נישטאָ אַזאַ אָרט, ווו עפּעס־וואָס הערט־אויף צו זיין. דאָס ליכט פון אַ שטערן, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָשן מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, וואַנדערט נאָך אַלץ אין עטער, ווו אונדזערע אויגן וועלן אים אפשר זען היינט ביינאַכט און אים מיט אונדזער בליק באַגלייטן אויף זיין אומענדלעכן וועג... כדי צו קענען אַ יש פאַרוואַנדלען אין אַ גאָרנישט, וואָס דאָס מיינט: אַוועקוואַרפן עס אין גאָרנישט אַריין, וואָלט דאָך דאָס גאָרנישט געמוזט עקסיסטירן; און אויב דאָס גאָרנישט עקסיסטירט אין וועלכער־ס׳איז פאָרם, איז עס דאָך מער נישט קיין גאָרנישט...

באַלד ווי מעטערלינק איז זיכער, אַז ער האָט ראַציאָנאַל עטאַבלירט דעם איבערבלייב פון דער נשמה נאָכן פיזישן טויט, גייט ער איבער צו די אַנדערע פראַגן וועגן דעם כאַראַקטער פון השארת־הנפש, מיט פּערזענלעכער אידענטיטעט, אָדער אָן איר, און דאָ קומט ער צום אויספיר, אַז השארת־הנפש מיט אונדזער איצטיקן באַוווסטזיין איז פונקט אַזוי אוממעגלעך ווי טאָטאַלע פאַרניכטונג. אונדזער „איך״, ווי מיר קענען אים — און וואָס דאָס מיינט אונדזער זעלבסטבאַוווסטזיין — איז, וועדליק מעטערלינקן און די אַלע, וואָס האַלטן אַזוי ווי ער, נישט אונדזער גייסט און נישט אונדזער גוף. אונדזער זעלבסט, אַרגומענטירט ער, באַשטייט פון אַ ריי צונויפגעקניפּטע אידייען, אייגנשאַפטן און זכרונות, און וויבאַלד דער גוף, וועלכער האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן און דורך וועמענס חושים זיי האָבן פונקציאָנירט, פאַלט פאַנאַנדער, איז עס אויך דער סוף פון דעם „עגאָ״. וואָס בלייבט לעבן? די נשמה, וואָס רעפּרעזענטירט אין אונדז דאָס אייביקע, דאָס קאָסמישע, אָבער אָן זעלבסטבאַוווסטזיין.

ווי אויסגעהאַלטן אַזאַ אַרגומענטאַציע איז — ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער געניייער אַרומריידן — קען מען זען שוין דערפון, וואָס בנשימה אחת מיט דער באַהויפּטונג וועגן דער אוממעגלעכקייט פון השארת־הנפש מיט זעלבסטבאַוווסט־זיין, גיט זיך מעטערלינק אַ זאָג, אַז „ס'איז מעגלעך, אַז ער (דער עגאָ) טרייערט נאָך אַלץ (באַלד נאָכן טויט) אויף די ליידן פון די, וואָס ער האָט געלאָזט הינ־טער זיך".

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט מעטערלינקס וועגן השארת־הנפש אָן דעם זעלבסטבאַוווסטזיין, אָן דער פּערזענלעכער אידענטיטעט, איז נישט בלויז זיינער און נישט קיין נייער. ער איז שוין געווען פאַרשפּרייט צווישן פאַרציייטישע חכמים. צום שטאַרקסטן קומט דערדאָזיקער רעיון צום אויסדרוק אין דער לערע פון גאָוטאַמאַ בודאַ, דער גרעסטער שונא פון „אַטמאַן" (זעלבסט). עס איז דאָ אַ ווידערגעבורט פון כאַראַקטער, — ענטפערט בודאַ אויף די קשיות פון אַ בראַה־מין, — אָבער נישט קיין איבערוואַנדערונג פון „איך". דיינע געדאַנקען־פאַרמעגן דערשיינען ווידער, אָבער דער זעלבסט ווערט נישט איבערגעשטאַלטיקט. די סטראָף, וואָס דער לערער קנעלט אַריין אין דעם תלמיד, ווערט ווידערגעבוירן אין תלמיד, וואָס חזרט איבער זיינע ווערטער... דערדאָזיקער גוף וועט אויפגע־לייזט ווערן און קיין שום קרבנות וועלן אים נישט ראַטעווען, דעריבער זוך דאָס לעבן פון דער מחשבה. ווו עס איז דאָ דער זעלבסט (איך), דאָרט קען נישט זיין דער אמת; ווען דער אמת קומט, ווערט דער עגאָ פאַרשווונדן... דאָס האַלטן זיך ביים זעלבסט איז אַ באַשטענדיק שטאַרבן, בעת באַוועגן זיך אין אמת, איז נירוואַנאַ, וואָס דאָס איז דאָס אייביקע לעבן 3).

מעטערלינק האָט זיין עסיי וועגן טויט געשריבן מיט אַרום דריטהאַלבן טויזנט יאָר נאָך בודאַן, אין אַ צייט, ווען אַזעלכע גרויסע וויסנשאַפטלעכע פאָר־שערס אויף די געביטן פון אַסטראָ־פיזיק, פּסיכאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, ווי סער דזשיימס אַרטור היל, סער אָליווער לאָדזש, לאָמבראָזאָ, פרעדריק מייערס, פלאַמאַריאָן, אַלעקסיס קאַרעל און פיל אַנדערע זענען, אויפן יסוד פון זייערע פאָרשונגען, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אויף אַזאַ דעליקאַטן געביט, דערגאַנ־גען דעם גאַנצן וועג — צו השארת־הנפש מיט פּערזענלעכן זעלבסטבאַוווסטזיין, באַפרייט פון די ערדישע צייטווייליקייטן. אָבער אַזוי ווי מעטערלינקס אידייע פון אומפּערזענלעכער אומשטאַרבלעכקייט רעפּרעזענטירט אויך, ווי געזאָגט, אַ באַשטימטע פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעכע „ליניע", איז כדאי צו געבן אַ קריטישן איבערבליק איבער איר אַרגומענטאַציע.

---

3) א. אלמי: די רייד פון בודאַ, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1927.

איך האָב שוין פריִער אָנגעדייט אויף איין סתירה אין מעטערלינקס באַהויפּ־טונג וועגן איבערבלייב פון דער נשמה אָן אינדיווידועלער אידענטיטעט, ווו ער רעדט פלוצלינג מכוח דער מעגלעכקייט, אַז דער עגאָ טרויערט נאָך אַלץ (באַלד נאָכן טויט פון גוף) אויף די ליידן פון די, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך. ווי איז מעגלעך אַזאַ מעגלעכקייט, אויב דער עגאָ עקסיסטירט נישט מער? אָבער דידאַזיקע „קליינע סתירה" וואַקסט אַרויס פון דער אַלגעמיינער סתירה, וואָס זיין אויספיר וועגן דעם אומקום פון דעם זעלבסטבאַוווסטזיין איז צו זיין פריִערדיקער מסקנה וועגן השארת־הנפש. אויב מיר נעמען אָן, אַז אין דעם געשלאָסענעם קרייז פון אוניווערס ווערט גאָרנישט פאַרלוירן, נישט אַפילו קיין ציטער פון די נערוון, ווי ער דריקט זיך אויס, איז דאָך אוממעגלעך אָנצונעמען, אַז אַזאַ וויכטיקער יש ווי זעלבסטבאַוווסטזיין, דער איינציקער קען־צייכן פון אונדזער עקסיסטענץ, זאָל יאָ פאַרלוירן ווערן, לחלוטין אויפהערן, פאַרשווינדן. אין דעם פּיצעלע „איך", וואָס מעטערלינק איז אַזוי מבטל, ליגט דאָך דער גאַנצער אונטערשייד צווישן יאָ־זיין און נישט־זיין, צווישן נעגאַטיווער און פּאָזיטיווער עקסיסטענץ.

אויב נאָך מיין טויט זאָל מיין נשמה, אָדער גייסט, צי דער זכרון, אָדער ווי מיר זאָלן דאָס נישט רופן, נישט געדענקען און נישט וויסן, אַז ער איז דאָס געזעסן אין דעם גוף, אין דעם „איך", וואָס האָט געשריבן דידאָזיקע שורות וועגן טויט און אומשטאַרבלעכקייט — איז דאָס אַ המשך פון מיר? מיינט דאָס, אַז דאָס גייסטיקע, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דעם געשטאָרבענעם גוף, האָט אַ שייכות צו מיין באַשטימטער פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען איך און נישט עמעצער אַנדערש, אָדער עפּעס אַנדערש? בשום אופן נישט. אַזאַ עקסיסטענץ איז נישט קיין סוביעקטיווע און נישט קיין פּאָזיטיווע עקסיסטענץ, נאָר אַן אָביעקטיווע און נעגאַטיווע עקסיסטענץ. דער בוים און דער שטיין עקסיסטירן אָביעקטיוו — פאַרן מענטשלעכן באַוווסטזיין. מיר ווייסן, אַז זיי זענען דאָ. זיי אַליין ווייסן דאָס נישט. דאָס הייסט, אַז פאַר זיך גופא עקסיסטירן זיי נישט. דאָס האָט, אייגנטלעך, דעקאַרט געמיינט מיט זיין „קאָגיטאָ ערגאָ סום", וואָס איז אַזוי פיל מאָל אַזוי פאַלש אינטערפּרעטירט געוואָרן. „איך דענק — אַ סימן, אַז איך עקסיסטיר". מיר זענען דאָ אויף וויפל מיר ווייסן פון אונדזער זיין און די וועלט עקסיסטירט פאַר אונדז אויף וויפל מיר ווייסן פון איר זיין. דער בוים און דער שטיין, וואָס ווייסן נישט פון זייער אייגענער עקסיסטענץ, ווייסן, נאַטירלעך, אויך נישט פון דעם דרויסנדיקן זיין — פון דער וועלט.

נאָכאַמאָל: אָן דעם באַוווסטזיין פון אונדזער אייגענער עקסיסטענץ, איז קיין עקסיסטענץ נישט שייך — נישט דאָ, נישט דאָרט... דאָס ברענגט אויפן

זינען דעם שמועס, וואָס אַלבערט איינשטיין און ראבינדראנאט טאַגאָר האָבן געפירט, מיט יאָרן צוריק, מכוח אַ היפּאָטעטיש שטיבל, וואָס שטייט ערגעץ אין אַ ווּיסטעניש און קיינער ווייסט נישט דערפון — עקסיסטירט עס? טאַגאָר, דער רעליגיעזער פּאָעט און מיסטיקער, האָט געהאַלטן, אַז אויב קיין שום ילוד אישה ווייסט נישט דערפון, עקסיסטירט עס נישט; דאַקעגן איינשטיין, דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן, וואָס זיין רעליגיע איז, לויט זיין אייגענער דעפיניציע, דאָס ווּנדערן זיך, האַלט גראַד, אַז דאָס שטיבל עקסיסטירט יאָ — עס עקסיסטירט אין העכסטן, אין „איבערמענטשלעכן באַוווסטזיין".

זאָל מען אָבער דעם משל מיטן שטיבל אָנווענדן אויף אַ מענטש — ס'הייסט: אויפן אָרט פון דעם היפּאָטעטישן שטיבל אַוועקשטעלן אַ היפּאָטעטישן מענטש — און ביידע, טאַגאָר און איינשטיין, וואָלטן לייכט געקומען צו אַ הסכם. ערגעץ אויף אַ וויסטן, פאַרוואָרפענעם אינדזל, איז דאָ אַ מענטש, אַ נזיר, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט און קיינער ווייסט פון אים נישט. עקסיסטירט ער? אוודאי עקסיסטירט ער! מכוח זיין עקסיסטענץ קען אַפילו קיין פראַגע נישט זיין — מחמת דערדאָזיקער נזיר איז דאָך זעלבסטבאַוווסט פון זיין עקסיסטענץ. וואָס ס'איז שייך דעם „איבערמענטשלעכן באַוווסטזיין" — איז דאָס שוין אַ פראַגע פון איינעמס רעליגיעז-פילאָסאָפישן איינשטעל, און ווי מיר האָבן געזען האָט דער „אומרעליגיעזער" איינשטיין זיך דאָ אַרויסגעוויזן רעליגיעזער פון דעם רעליגיעזן טאַגאָר... אָבער איינשטיין וואָלט אין פאַל פון אַ היפּאָטעטישן נזיר נישט געדאַרפט אַרויפברענגען דאָס „איבערמענטשלעכע", אָדער קאָסמישע באַוווסטזיין, וואָרן דער עיקר פון דעם פּראָבלעם איז דאָך געווען צו עטאַבלירן דאָס יאָ-זיין, אָדער נישט-זיין פון דעם אָביעקט, אָדער סוביעקט אין דעם משל.

בקיצור: דער איינציקער באַדינג פון אומשטאַרבלעכקייט פאַר אונדז איז, אַז די נשמה, ווי איינער זאָל אָט-דעם באַגריף נישט פאַרשטיין, בלייבט לעבן נאָכן טויט פון גוף מיט דער אויפבאַוואָרעניש פון כאָטש אונדזער זכרון, אַז מיר זאָלן וויסן ערשטנס, אַז מיר עקסיסטירן; צווייטנס, אַז מיר זענען אַ המשך פון זיך אַליין, אָדער מיר מוזן מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז דער סוף פון גוף איז דער טאָטאַלער סוף פון אונדזער קיום. יאָ-זיין און נישט-זיין אין איין-און-דערזעלביקער צייט (וואָס אומשטאַרבלעכקייט אָן אינדיווידועלן באַוווסטזיין מיינט) איז אַ סתירה אין זיך אַליין, וואָס איז להיפוך יעדער מענטשלעכער לאָגיק. דער מענטש קאָן מיט אַזאַ געדאַנק נישט שלום מאַכן איצט, ווי ער האָט עס נישט געקענט מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

„זאָג מיר, מיין האַר, — האָט אַ בראַמין געפרעגט בודאַן, — ווי קען זיין אומשטאַרבלעכקייט אָן זעלבסט?" און בודאַ ענטפערט אים: „אונדזער דענקען

הערט אויף, אָבער אונדזערע געדאַנקען פאַרבלייבן. דאָס אורטיילן שטעלט זיך אָפּ, אָבער דאָס וויסן פאַרבלייבט... ס'איז אַזוי ווי איינער שרייבט ביינאַכט אַ בריוו. ער צינדט אָן די לאָמפּ און שרייבט אָן אַ בריוו. דערנאָך, אַז ער איז שוין פאַרטיק, פאַרלעשט ער די לאָמפּ. כאָטש די לאָמפּ איז שוין אויסגעלאָשן, איז דאָס פאַרשריבענע נאָך דאָרט פאַראַן. אַזוי הערט אויף דאָס דענקען, אָבער די געדאַנקען און דאָס וויסן פאַרבלייבן".

אַזאַ אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה, ווי בודאַ מאָלט זי, איז פאַקטיש אַ מין פאָנאָגראַף־פּלאַטע, וואָס האָט רעקאָרדירט געדאַנקען און קענטעניש, וואָס זענען פריִער דערגרייכט געוואָרן, בעת דער ערדישער עקסיסטענץ, און וואָס זיי פאַרבלייבן אויף אַלעמאָל סטאַטיש, אין דעם אייגענעם צושטאַנד, בעת אין דער השערה, וואָס מעטערלינק רעפּרעזענטירט, איז דער לעבנגעבליבענער גייסט, הגם אָן זעלבסטבאַוווסטזיין, אַקטיוו און זיין קאָסמיש באַוווסטזיין ווערט כסדר באַרייכערט מיט וויסן. יענע (און דאָס זענען פאַקטיש אַלע מענטשן, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען), וואָס מיט אומשטאַרבלעכקייט מיינען זיי — און זוכן אין איר — די קאָנטינויִטעט פון זייער זעלבסט און זעלבסטבאַוווסטזיין, קענען נישט געפינען קיין טרייסט און קיין צופרידנקייט נישט אין דער השערה, וואָס מעטערלינק רעפּרעזענטירט, און נישט אין בודיזם, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ ווי אַ פילאָסאָפיע, וואָס ער איז עס פאַקטיש געווען, און נישט ווי אַ רעליגיע, אין וואָס ער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך תלמידים, וועלכע האָבן בודאַס רייד מיספאַרשטאַנען, אָדער מיסרעפּרעזענטירט.

III

אין כמעט דער אייגענער צייט — צווישן דריטהאַלבן טויזנט און דריי טויזנט יאָר צוריק — ווען בודאַ האָט געוואַנגלט מיט זיין וואָרט איבער די הייסע זאַמדן און שטיינער פון אינדיע, האָבן די חכמים אין גריכנלאַנד ספּעקולירט איבער דיזעלביקע פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, גאָט און אומשטאַרבלעכקייט, אָבער זענען געקומען צו אַנדערע און כמעט־אַנדערע אויספירן.

דעמאָקריטוס, דער שעפער פון דער אַטאָמישער פילאָסאָפיע, דער ערשטער, וואָס האָט "דערזען", אַז דער גאַנצער באַשאַף איז צונויפגעשטעלט פון אַטאָמען, די "ציגל פון אוניווערס", וואָס האָבן נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף; וואָס זענען קיינמאָל נישט געוואָרן און קענען קיינמאָל נישט ווערן אויס — ער, דעמאָקריטוס, איז געווען איבערצייגט, טאַקע אויפן יסוד פון זיין אַטאָמיזם, אַז די נשמה איז אַ קאָמפּאָזיציע פון די קלענסטע, פיינסטע און פּערפעקטסטע אַטאָ־

מען. אַזוי ווי אַטאָמען קענען נישט אויפהערן, נישט שטאַרבן, זיי זענען אייביק און דאָס גאַנצע קאָסמישע געשען איז דער פועל־יוצא פון זייער באַוועגונג, ווי אַלע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס זענען צונויפגעשטעלט פון די זעלביקע אותיות פון אלף־בית, מיינט עס ממילא, אַז די נשמה איז אומשטאַרבלעך.

פּלאַטאָנס השערה וועגן אומשטאַרבלעכקייט האָט געוויסע ענלעכקייטן צו דער לערע פון די אינדישע חכמים, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די „אופּאַ־נישאַדן" און „וועדאַס", דער עיקר אין שייכות צו רעאינקאַרנאַציע (גלגול הנפש). לויט פּלאַטאָן נידערט די נשמה אַראָפּ פון די העכערע ספערן אין ערדישן גוף אַריין. דער גוף איז דער קבר און דאָס געפענגעניש פון דער נשמה. די אמתע מיסיע פון דעם מענטש איז דעריבער צו אַנטלויפן פון דערדאָזיקער וועלט. אויב דער מענטש האָט געווידמעט זיין לעבן צו הויכע ענינים, קערט זיך זיין נשמה צוריק, נאָכן טויט, צו דער העכערער וועלט, פון וואַנען זי איז גע־קומען; אויב אָבער אַ מענטשנס לעבן איז געווען אומריין, וואַנדערט זיין נשמה דורך די גופים פון מענטשן און חיות.

אַריסטאָטל, וואָס ער ווערט באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן גריכישן פילאָסאָף, דער ערשטער, וועלכער האָט פון לאָגיק געמאַכט אַ ספּעציעלע וויסנשאַפט, איז געווען איבערצייגט, אַז די נשמה איז די פאָרם פון גוף. איר שייכות צום גוף איז ווי דער פון פאָרם צו מאַטעריע. אַזוי ווי די נשמה איז שפּירונג, זכרון און ווילן, איז זי אונטערגעוואָרפן דעם גורל פון אַלע ערדישע זאַכן און זי שטאַרבט מיטן גוף. אָבער... די נשמה איז דאָך פון אַן אַנדער קוואַליטעט: אין פלאַנצן איז עס די נערונג; אין חיות — די סענסיטיווקייט און אין מענטש — דער ראַציאָ־נאַלער פּרינציפּ. די ראַציאָנאַלע נשמה אין מענטש האָט, ווי אַ צוגאָב צו איר שטאַרבלעכן טייל, אויך אַן אומשטאַרבלעכן און געטלעכן עלעמענט. בעת דער פּאַסיווער און שטאַרבלעכער חלק טיילט דעם גורל פון גוף, איז דעם אַקטיוון און אומשטאַרבלעכן טייל, וואָס ער שטאַמט פון דער געטלעכקייט, באַשערט זיך צוריקצוקערן צו זיין מקור, נאָכן מענטשנס טויט.

ווען מיר מאַכן אַ שפּרונג איבער אַ מהלך פון איבער צוויי טויזנט יאָר, פון די פאַרצייטיקע גריכישע פילאָסאָפן צו ברוך ספּינאָזאַ, דעם „פאָטער פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע", געפינען מיר ביי אים, אין שייכות צו השארת־הנפש, באַריר־פּונקטן סיי מיט פּלאַטאָנען, סיי מיטן רמב"ם — מיטן ערשטן אין זיין גלויבן, אַז די נשמה עקסיסטירט אידער זי נידערט אַראָפּ פון די העכערע ספערן אין גוף אַריין; מיטן צווייטן (רמב"ם) אין זיין גלויבן, אַז השארת־הנפש איז בלויז פאַר יחידי־סגולה, פאַר די צדיקים, וואָס דערין קומט דער רמב"ם צו

אַ פולער סתירה מיטן ייִדיש־רעליגיעזן באַגריף פון כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא 4).

„דער מענטשלעכער גייסט, — זאָגט ספּינאָזאַ, — קען נישט ווערן אינגאַנצן צעשטערט מיטן גוף, נאָר עס פאַרבלייבט פון אים עפּעס, וואָס איז אייביק". די נשמה (וועלכע איז דער דענקנדיקער טייל פון גוף און קומט פון דער געדאַנק־לעכער רעאַליטעט אין דער נאַטור) קען ווערן באַהאַפטן מיטן גוף, פון וועלכן זי איז די אידייע, אָדער מיט גאָט, וואָס אָן אים איז זי נישט מעגלעך — נישט זי קען זיין און נישט זי קען דערקענט ווערן.

„דערפון, — זאָגט ספּינאָזאַ ווייטער, — קען מען לייכט איינזען (א), אַז אויב זי פאַראייניקט זיך מיטן גוף, מוז זי אומקומען צוזאַמען מיטן גוף; אָבער (ב), אויב זי פאַראייניקט זיך מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז און פאַרבלייבט אומ־פאַרענדערלעך, דעמאָלט מוז זי אויך פאַרבלייבן אומפאַרענדערלעך און באַשטענ־דיק" 5).

איבערגעזעצט אין דער טאָג־טעגלעכער פאָלקסשפּראַך, קען מען דידאָזיקע אידייע ספּינאָזאָס איבערגעבן אין דעם באַקאַנטן פאָלקסווערטל: „ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפט ער".

ספּינאָזאַ האָט, ווי געזאָגט, געהאַלטן ווי פּלאַטאָן, אַז די נשמה נידערט אַראָפּ אין מענטשלעכן גוף אַריין פון דער אייביקייט, פון די העכערע ספערן, וואָס דאָס דערמאָנט אָן רעליגיעזן באַגריף פון „אוצר הנשמות". „די אידייע, וועלכע דריקט אויס דעם עסענץ פון קערפּער אין דער פאָרם פון אייביקייט, — לערנט אונדז דער אַמסטערדאַמער פילאָסאָף, — איז... אַ געוויסער מאָדוס פון דענקען און איז נייטיקערווייז אייביק. דאָך איז נישט מעגלעך פאַר אונדז צו געדענקען, אַז מיר האָבן עקסיסטירט פאַר אונדזער גוף, מחמת אונדזער קער־פּער קען נישט טראָגן קיין שפּור פון אַזאַ עקסיסטענץ, אויך קען אייביקייט נישט דעפינירט ווערן אין טערמינען פון צייט, אָדער האָבן וועלכע עס איז שייכות צו צייט. אָבער טראָץ דעם פילן מיר און ווייסן, אַז מיר זענען אייביק, וואָרן

---

4) מורה נבוכים, פרקים מ"ג — מ"ה. (על־פּי קבלה באַשטייט דאָס מענטשלעכע וועזן פון דריי חלקים, אָדער מדרגות: נפש, רוח, נשמה (נרן). נפש איז די נידעריקסטע פון די דריי; רוח איז דער געטלעכער לעבנסשטראָם. אָבער די נשמה איז די העכסטע מדרגה, וואָס צו איר דערגרייכט בלויז דער צדיק. נאָכן טויט קערט זיך די נשמה, גאָטס ליכט (בוצינא קדישא) צוריק צו איר קוואַל, צו גאָט, און באַהעפט זיך מיט אים. אָבער אויך רוח בלייבט לעבן און גייט אַוועק אין דער וועלט פון גייסט, אין גן־עדן, בעת נפש ווערט פאַרטיליקט. דאָס הייסט, אַז לויט קבלה (אין זוהר) האָט דער מענטש בכלל אַ בעסערע מערכה נאָכן טויט, ווי ביים רמב"ם)...

5) *B. Spinoza*: The Ethics (v).

אונדזער גייסט פילט אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער געדענקט. די אויגן פון גייסט, מיט וועלכע זיי זעען און אָבסערווירן זאַכן, זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי באַווייזן. דאָס הייסט, אַז הגם מיר געדענקען נישט, אַז מיר האָבן עקסיסטירט פאַר אונדזער גוף (איידער מיר זענען געבוירן געוואָרן א. אַל.), פילן מיר דאָך, אַז אונדזער גייסט, אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות צום עסענץ פון אונדזער קערפּער, אין דער פאָרם פון אייביקייט — איז אייביק 6).

ספּינאָזאַ חזרט איבער עטלעכע מאָל — אין זיין שווערן, אָפט אוממעגלעכן סטיל — אַז „אַזוי קען דער עסענץ (פון דער נשמה) נישט דעפינירט ווערן אין טערמינען פון צייט" אאַז"וו — איבערחזרונגען, וואָס זענען גאָרנישט מוסיף אין פאַרשטאַרקן נישט דעם אַרגומענט — און דאָס אפשר דערפאַר, וואָס ספּינאָזאַ אַליין זאָל האָבן געפילט, אַז דאָס וועלן באַווייזן אין היפּאָטעזע מיט אַן אַנדער היפּאָטעזע (אַז דאָס פילן, אַז מיר זענען אומשטאַרבלעך, איז אַ באַווייז, אַז מיר זענען אומשטאַרבלעך), איז נישט איבערצייגנדיק... דער קריטישער שכל וועט דאָ פרעגן: פילט טאַקע דער מענטש די אייביקייט? און ער וועט מוסיף זיין: נו, אויב אַפילו יאָ — איז מאַלע וואָס אַ מענטש פילט אַלץ, אָדער רעדט זיך איין!

לאָמיר ספּינאָזאָס מסקנה רעדוצירן צו אַזאַ קורצער דעפיניציע: „איך פיל די אייביקייט, דעריבער בין איך אייביק" און זי אַוועקשטעלן קעגנאיבער דע־קאַרטס שוין דערמאָנטער דעפיניציע: „איך דענק — אַ סימן, אַז איך עקסיסטיר" — און לאָמיר זיי ביידן פאַרגלייכן אין ליכט פון קריטישן אַנאַליז. ביי דעקאַרטן (וואָס ביי אים האָט ספּינאָזאַ אַ סך גענומען און אַ סך מער פאַרוואָרפן) האָבן מיר קודם־כל דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז מיר דענקען, טראַכטן, ווייסן — דערפון דרינגט ממילא, אַז מיר עקסיסטירן; ספּינאָזאָס באַהויפּטונג, דאַקעגן, אַז מיר פילן אונדזער אייביקייט, איז נישט קיין פאַקט (אין יעדן פאַל נישט קיין אומבאַדינגטער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער פאַקט), איז שוין דעריבער פאַלש דער־פון צו דרינגען, אַז דאָס דאָזיקע פילן באַווייזט, אַז מיר זענען אייביק. בדרך־כלל איז עס פאַרקערט: מיר פילן, אין אָנבליק פון כסדרדיקן טויט — צייטוויי־ליקייט, קורצווייליקייט, פאַרגאַנגלעכקייט — און פּונקט ווי אָט־דאָס פילן איז בשום אופן נישט קיין ראיה, אַז מיר זענען (וואָס ס'איז שייך אונדזער גייס־טיקייט) טאַקע שטאַרבלעך, אַזוי וואָלט דאָס פילן אייביקייט (דאָס הייסט: אויב ספּינאָזאַ וואָלט גערעכט געווען, אַז מיר פילן אַזוי) קיין באַווייז נישט געווען, אַז מיר זענען באמת אומשטאַרבלעך.

6) The Ethics (Part v) God (Book 2).

ספּינאָזאַס הנחה וועגן „קאָנדיציאָנעלער אומשטאַרבלעכקייט" (ווי דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות באַצייכנט עס), איז פּונקט אַזאַ סתירה אין זיך זעלבסט. וויבאַלד די נשמה איז אייביק און זי עקסיסטירט נאָך איידער דער מענטש ווערט געבוירן — ווי אַזוי איז דעם מענטשנס אויפפיר בעת זיין קורצן לעבנסשפּאַן בכוח אומצוברענגען די אייביקע נשמה, זי מיטשלעפּן אין קבר אַריין? ווי קען בכלל צייטווייליקייט טויטן — אייביקייט? איז דאָך אין דעם פּרט אומגעהייער לאָגישער דער רעליגיעזער (און אויך פּלאַטאָנס) שטאַנדפּונקט, אַז אַלע זענען און בלייבן אומשטאַרבלעך. דעם מענטשנס הנהגה ביים לעבן איז בלויז גורם די מדרגה פון זיין נשמה נאָכן טויט.

אַנרי בערגסאָן, וועלכער ווערט פון זיינע אָנהענגער באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן פילאָסאָף זינט ספּינאָזאַן און וואָס ער איז אין יעדנפאַל און פון אַלע שטאַנדפּונקטן געווען אַ גרויסער גייסט, איז געווען איבערצייגט נישט בלויז אין דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, נאָר אויך אין דער מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן מיט פאַרשטאָרבענע (ספּיריטואַליזם).

נאָך אין יאָר 1886 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן „אומבאַוווּסטזיניקער סימולירונג", וווּ ער ווייזט אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס אין פענאָמענאַלע פּסיכישע דערשיינונגען. די ענגלישע געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג האָט מיט באַגייסטערונג זיך אָפּגערופן און אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן מחבר. אין אַ צייט אַרום איז בערגסאָן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט. אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „פאַנטאַזמען פון די לעבעדיקע" („געדאַנק־ענערגיע"), וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט יאָרן שפּעטער, שרייבט בערגסאָן צווישן אַנדערן:

„וואָס מער מיר לעבן זיך אַריין אין דער אידייע פון אַ באַוווּסטזיין, וואָס פאַרפלייצט דעם אָרגאַניזם, אַלץ נאַטירלעכער ווערט פאַר אונדז זיך פאָרצושטעלן, אַז די נשמה לעבט איבער דעם גוף. אויב דאָס מענטאַלע וואָלט געווען אַקוראַט אויסגעפורעמט אויפן מאַרך; אויב עס וואָלט געווען גאָרנישט מער אין אַ מענטשלעכן גייסט ווי דאָס, וואָס איז איינגעקריצט אין אַ מענטשלעכן מוח, וואָלטן מיר דעמאָלט געדאַרפט מודה זיין, אַז דאָס באַוווּסטזיין מוז טיילן דעם גורל פון גוף און שטאַרבן מיט אים. אויב אָבער די פאַקטן, וואָס זענען אונטערזוכט געוואָרן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט וועלכע־ס׳איז סיסטעם (די אונטערזוכונגען פון דער געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג, א. אַל.), פירן אונדז, דאַקעגן, צו באַטראַכטן דאָס מענטאַלע לעבן פאַר אַ סך גרעסער ווי דאָס מאַרך־

לעבן, ווערט השארת־הנפש אַזוי וואָרשיינלעך, אַז דער עול צו ברענגען באַווייזן פאַלט גיכער אויף דעם, וואָס לייקנט דאָס אָפּ, ווי אויף דעם, וואָס נעמט דאָס אָן״.

ביי בערגסאָנען איז, ווי מיר זעען, השארת־הנפש פאַר אַלעמען, אָן אויסנאַם, וואָס דאָס איז זיכער לאָגישער פון ספינאָזאַס „קאָנדיציאָנעלער אומשטאַרבלעכ־קייט״. דערפאַר איז אָבער ביי אים די אומשטאַרבלעכקייט גופא אויסגעזעצט צו אַ תנאי — אויב דאָס מענטאַלע איז מער — און אומאָפּהענגיק — פון דעם מאַרך. דער דאָזיקער תנאי וואַקסט אַרויס פון בערגסאָנס איבערצייגונג (אין „מאַטעריע און זכרון״), אַז דאָס גייסטיקע איז דורכויס אָפּגעזונדערט פון מאַ־טעריע, כאָטש זיי מישן זיך אין לעבן. אַזוי ווי די מוח־צעלן, ווי די אַנדערע צעלן פון קערפּער, שטאַרבן כסדר און אַנדערע ווערן כסדר געבוירן אויף זייער אָרט, איז בכן אוממעגלעך, אַז אונדזערע דערפאַרונגען, זכרון וכו׳, זאָלן רעקאָרדירט ווערן אין די מוח־צעלן, ווי פּסיכאָלאָגן האַלטן. פאַרוואָס אוממעגלעך? אויב עס איז מעגלעך, אַז פאָרם, אייגנשאַפטן, כאַראַקטער און קאָליר זאָלן גענעטיש אַריבערגיין פון עלטערן צום קינד אין משך פון דורות און דורות — פאַרוואָס זאָל זיין אוממעגלעך, אַז די „אַוועקגייענדיקע״ צעלן זאָלן איבערגעבן זייערע אייגנשפטן די נייע צעלן?

אפשר האָט בערגסאָן צום סוף איינגעזען, אַז ווען אַפילו דאָס מענטאַלע ווערט יאָ רעקאָרדירט אין די מוח־צעלן, איז אַלציינס אויפבאַוואָרט די אומ־שטאַרבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה... אפשר — ווייל פאַרצייכנט אַזאַ געענדערטע מיינונג אין שייכות צו דעמדאָזיקן ביאָ־פּסיכישן פּראָבלעם האָט ער אינערגעץ נישט, אויף וויפל דאָס איז אונדז באַקאַנט, זינט ער האָט געשריבן די אָקאָרשט־ציטירטע שורות זיינע...

ביי אָט־דעם פּונקט איז כדאַי, כאָטש פאַרבייגייענדיק, צו דערמאָנען די פאַנטאַסטישע טעאָריע פון דעם פראַנצויז פיגיע. לויט אָט־דער טעאָריע, וואָס דער העברעיִשער שרייבער מיכל וועבער ברענגט זי אַרויס אין זיינס אַ ווערק 7) זענען די פּלאַנעטן באַפעלקערט מיט די נשמות פון פאַרשטאָרבענע. ער טיילט איין די פּלאַנעטן אין אַלערליי מדרגות. פון גאָר נידעריק ביז גאָר הויך. דער גייסטיקער און מאָראַלישער מעמד פון אַ מענטש דעטערמינירט די מדרגה פון זיין נשמה נאָכן טויט, אָבער אַ נשמה פון אַ נידעריקער מדרגה בלייבט נישט אייביק אין דער נידער, זי גייט דורך אַ ריי טראַנספאָרמאַציעס...

---

7) מיכל וועבער: חיי עולם הבא על פי דרכי הטבע והבריאה, ורשה, 1889.

א. אַלמי

*

איך האָב זיך פריִער אַזוי באַריכותדיק פאַרנומען מיט ספּינאָזאָס מסקנה וועגן דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה סיי צוליב דער אומגעהייערער וואָג, וואָס זײַנע מיינונגען האָבן בדרך־כלל אין דער אינטעלעקטועלער וועלט; סיי כדי צו באַטאָנען, אַז אין געזוך פון אומשטאַרבלעכקייט, ווי פון וועלכער־אַנדערער אידייע, טאָרן מיר נישט זיך צופרידנשטעלן מיט הנחות בלויז צוליב דעם, וואָס זיי באַפרידיקן אונדזער ווונטש, אָן אַ קריטישן אַנאַליז פון אונדזער פאַרשטאַנד.

אַ סך, אויב נישט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די מענטשן, וואָס ווילן דווקא אַ המשך פון זייער זעלבסט אויף יענער זייט קבר, נישט קענענדיק שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון אייביקן שלאָף (דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז נישט איינער פון זיי), וועלן שוין ווי־נישט־איז געפינען אַ וועג צום גלויבן אין אַזאַ עולם־הבא, ווי זיי געפעלט, אויב נישט דורך רעליגיע, אָדער דורך אַזעל־כע באַוועגונגען ווי די אָקולטיסטישע, אָדער טעאָסאָפישע, איז דורך זעלבסט־היפּנאָז, אויטאָסוגעסטיע. אַזעלכע דאַרפן נישט אָנקומען צו פילאָסאָפיע און וויסנ־שאַפט, און אויב זיי ווענדן זיך יאָ צו זיי, איז עס בלויז כדי צו געפינען אַ באַ־שטעטיקונג אויף דעם, אין וואָס זיי זענען שוין פאָרויס איבערצייגט און זיי וועלן אין דעם גרויסן געדאַנקען־אוצר וועגן די פּראָבלעמען פון לעבן און טויט אויסזוכן — און אָננעמען — בלויז דאָס, וואָס איז אין הסכם מיט זייער גלויבן און אָפּוואַרפן אַלץ, וואָס שטימט נישט מיט אים אינגאַנצן, אָדער כאָטש טיילווייז.

אָבער פאַר מענטשן מיט ספקות — און נישט דווקא געשווירענע סקעפּ־טיקער, — וואָס הגם זיי שטרעבן צו דעם אייגענעם ציל וואָס די גלויביקע, קענען זיי פונדעסטוועגן נישט צופרידנשטעלן זיך מיט אַן אילוזיע, אָדער אַן אימאַזש און זיי וועלן זיך נישט באַרויִקן, סיידן די לייזונג פון זייער פּראָבלעם האַלט אויס דעם קריטישן אַנאַליז פון זייער שכל, פאַר זיי זענען די ענטפערס פון דער רעליגיע, צי אַפילו פון דער פילאָסאָפיע, וואָס באַזירט זיך אויף אַבסט־ראַקטער געדאַנקלעכער ספּעקולאַציע, קיין ראיה נישט. זיי ווענדן זיך דעריבער צו דער וויסנשאַפט, צו עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָרישער פאָרשונג. הגם מען קען אָנציילן אַ ריי ראיות פון פילאָסאָפישע אידייען, וואָס האָבן זיך אַרויס־

געשטעלט פאַר פעסטע פאַקטן, בעת גרויסע וויסנשאַפטלעכע קאַלקולאַציעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע חשבונות — האָט דאָך דאָס סאַמע וואָרט וויסנשאַפט אַ מאַגישן עפעקט אויף זיי.

ווען עס קומט אָבער צו אַזעלכע דעליקאַטע ענינים ווי גאָט, נשמה, השארת־הנפש, קען מען זיי נישט אַרויפלייגן אויף דער וויסנשאַפטלעכער וואָגשאָל און זיי וועגן, אָדער מעסטן זיי, ווי מען טוט דאָס מיט מעטאַלן און מינעראַלן. אמת פון די ביאָ־כעמישע לאַבאָראַטאָריעס ביים דזשאָן האָפקינס אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר האָט מען מיט אַ צייט צוריק מודיע געווען, אַז פאַרשנדיק דעם מענטשלעכן מאַרך האָט מען אַנטדעקט אין אים „עלעקטרישע פעלדער“, וואָס זיי זענען דאָס אפשר די נשמה. אָבער... אַזאַ נשמה איז עפּעס קיין נשמה נישט... און עס איז אַ ספק, אויב די געלערנטע אַליין פון יענער לאַבאָראַטאָריע גלויבן אין איר. העכסטנס קען מען אָננעמען, אַז דורך אָט־די „עלעקטרישע פעלדער“ פונקציאָנירט דאָס גייסטיקע, אונדזער מענטאַליטעט, ווי עלעקטריציטעט פונקציאָנירט דורך אַ באַטעריע.

אויב אין אַזוינע ענינים איז נישט מעגלעך קיין דירעקטע עווידענץ מצד דער וויסנשאַפט, האָבן מיר אָבער אינדירעקטע עווידענץ פון וויסנשאַפטסלייט. דאָס מיינט אַזוי: אויב, לאָמיר זאָגן, אַזעלכע גרויסע פיזיקער ווי סער אַרטור היל און סער אָליווער לאָדזש (אָנצוכאַפּן צוויי פון אַ סך) דערקלערן אונדז, אַז זיי זענען איבערצייגט אין השארת־הנפש און טאַקע אין אַ זעלבסטבאַוווּסטער אומשטאַרבלעכקייט נאָכן טויט, דערביי באַטאָנען זיי, אַז נישט נאָר איז דאָס נישט קיין ווידערשפּרוך צו דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט, נאָר אַז, אַדרבא, אויפן יסוד פון זייערע פיזיקאַלישע פאָרשונגען זענען זיי געקומען צו דערדאָזיקער איבערצייגונג — האָט אַזאַ דעקלאַראַציע זייער אַ סך געוויכט.

די צרה איז, וואָס סקעפּטיקער קומען דאָ אַרויס מיט אַזאַ טענה: לאָדזש, היל, פלאַמאַריאָן, צי דער כירורג און ביאָלאָג אַלעקסיס קאַרעל זענען טאַקע גרויסע וויסנשאַפטלער, אָבער מחוץ זייער געביט זענען זיי מענטשן ווי מיר אַלע, מיט ראַנגלענישן, מיט אילוזיעס, מיט ספקות, מיט פאַרבאַרגענע ווונטשן און איינרעדענישן. לאָדזשן האָט מען כסדר פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז געוואָרן אַ גלויביקער ספּיריטואַליסט סיי צוליב זיין עלטער, סיי צוליב דעם פּריצייטיקן טויט פון זיין באַליבטן זון רעימאָנד (אויפן שלאַכטפעלד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה). כאָטש לאָדזש האָט דאָס געלייקנט מער ווי איין מאָל און אויך אין אַ שמועס, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, בעת זיין באַזוך אין ניו־יאָרק, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט; און הגם ער האָט אָנגעוויזן, אַז ער האָט זיך מיטן

ענין השארת־הנפש פּאַראינטערעסירט נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, דאָס הייסט אַז נישט „ווישפול טהינקינג" און נישט דער טרויער נאָך זיין זון, נאָר וויסנ־שאַפטלעכער נייגער האָבן אים דערפירט צו ספּיריטואַליזם — זענען די סקעפּ־טיקער געבליבן ביי דאָס זייעריקע.

דאָ וועט נישט איבעריק זיין צו באַמערקן, אַז די סקעפּטיקער, מכוח וועלכע עס איז דאָ די רייד, זענען נישט דווקא סקעפּטיש אויף דער גאַנצער ליניע, אַזוי צו זאָגן; אפשר זענען צווישן זיי דאָ אַזעלכע אויך, אָבער אין זייער איבערוועגנ־דיקער מערהייט זענען זיי סקעפּטיש בלויז בנוגע צו מעטעמפּירישע אידייען, בעת אויף אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע, נעמען זיי אָן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך באַהויפּטונגען, רעגולאַציעס, טראַדיציעס און כללים, אַפילו ווען זיי האָבן אין די דאָזיקע ענינים אַ שוואַכן באַגריף. בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּראָבלעמען ווי די, וואָס ווערן דיס־קוטירט אין דער איצטיקער עסיי, דעמאָנסטרירן זיי אַ מאָדנע עקשנות — כאָטש שטעל זיי אַוועק אויפן טיש אַ לעבעדיקן גייסט פון אַ פאַרשטאָרבענעם, וואָס זאָל זיי אָפּגעבן אַ זאַכלעכן באַריכט, ווי אויף אַ געשעפטס־מיטינג... און אויך דאָס וואָלט פאַר אַ סך פון זיי נישט גענוג געווען. זיי וועלן דערין זען עפּעס אַ מאַגישע קונץ, אַ שווינדל...

און זיי זענען אויך נישט דווקא אַזעלכע, די דאָזיקע סקעפּטיקער, וואָס האַלטן, ווי דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אַז אַיין עקסיסטענץ איז די והותר, אויב נישט אויך איבעריק און זיי זענען דערפאַר מוחל אַ קאָנטינואיטעט פון זייער עקסיסטענץ אין סיי וועלכער פאָרם אויף „יענער זייט קבר"... נייך, דער רוב בנין און רוב מנין פון זיי זענען אַזוי מוראדיק פאַרליבט אין לעבן, אַז זיי וועלן פאַרזעצן דאָס לעצטע העמד, אַבי זיך איינצוקויפן עולם־הבא — נאָר באַווייז זיי דאָס אַזוי רעאַל, ווי די ווענט פון זייער דירה, אָדער ווי די שיסל, פון וועלכער זיי עסן. אויב דאָס קען נישט אַזוי געטון ווערן, פאַרבלייבן זיי אומ־צופרידן און וועלן טויב ווערן צו יעדער לאָגישער אַרגומענטאַציע, הגם זיי גלויבן אין דער עקסיסטענץ פון אַטאָם, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען...

אַט־די לייט, וואָס דאָס וואָרט וויסנשאַפט וואַרפט זיי אַריין אין אַזאַ התלהבות ווי דער שם־המפורש דעם פרום־גלויביקן, פאַרטראַכטן זיך נישט, ווייזט אויס, מכוח דער מוראדיקער באַשרענקטקייט פון דער וויסנשאַפט, ווי פון מענטשלעכן שכל בכלל — אַ באַשרענקטקייט אויף וועלכער יעדער ערלעכער וויסנשאַפטלער איז מודה. „דאָס וויסן פון אמת איז פאַר זיך אַליין ווונדערלעך, — שרייבט איינ־שטיין אין זיין עסיי „וויסנשאַפט און רעליגיע" 8), — אָבער דאָס וויסן איז אַזוי

וויניק ביכולת צו זיין אַ וועגווייזער, אַז עס קאָן אַפילו נישט באַווייזן די באַרעכ־טיקונג און דעם ווערט פון אונדזער שטרעבונג צו אַט־דעם וויסן פון אמת. דאָ שטייען מיר דעריבער פאַר די באַגרענעצונגען פון דער ריין־שכלדיקער קאָנ־צעפּציע פון אונדזער עקסיסטענץ״. באַגרייפנדיק דאָס אַזוי שאַרף, ווי דאָס קען אַזאַ ריז פון דער וויסנשאַפט, קומט דערפאַר איינשטיין צום אויספיר, אין אַן אַנדער עסיי, אַז די „פאַנטאַזיע איז וויכטיקער פון וויסן, מחמת וויסן איז באַ־שרענקט, בעת די פאַנטאַזיע נעמט אַרום די גאַנצע וועלט, סטימולירנדיק פּראָ־גרעס. זי (די פאַנטאַזיע) איז, שטרענג גערעדט, אַן אמתער פאַקטאָר אין וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג״ 9).

בעת מיר דאַרפן, ווי פריִער געזאָגט, נישט איילן זיך אָנצוכאַפּן זיך אָן אידייען, בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען אונדז אָנגענעם, נאָר זיי פריִער שטעלן צו דער פּראָבע פון אונדזער קריטישן פאַרשטאַנד, ווי דאָס איז דאָ אילוסטרירט געוואָרן דורך דעם אַנאַליז פון מעטערלינקס, ספּינאָזאָס און בערגסאָנס געוויסע באַהויפּטונגען, איז עס אָבער נאָך ערגער — און נאַרישער — זיך סתם צו פאַרעקשנען אין שייכות צו אַ פּראָבלעם, וואָס איז נישט האַרט אונטער די פיס פון דער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט (גלייך ווי מיר וואָלטן געוווּסט אַקוראַט וואָס רעאַליטעט איז) און דאָס קינדיש־קאַפּריזנע אָפּוואַרפן ווי אַן אוממעגלעכקייט, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך דעריך, אַז אַ סך נעכטיקע „אוממעגלעכקייטן״ זענען היינטיקע מעגלעכקייטן, ניין, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן; און אַז אַזעלכע „גע־היימע כוחות״ ווי היפּנאָטיזם, טעלעפּאַטיע, קלערוואָיאַנץ (העלזעאונג) און אַנ־דערע כוחות, וואָס זענען מאַניפעסטאַציעס פון דער גייסטיקייט אין אונדז און אויסער אונדז, זענען נעכטן ביטער אויסגעלאַכט געוואָרן פון אַלע קלוגע לייט און היינט זענען זיי נישט נאָר וויסנשאַפטלעך אָנערקענט, נאָר זיי ווערן אויך וויסנשאַפטלעך אויסגענוצט, דער עיקר אין מעדיצינישער און פּסיכאָלאָגישער באַהאַנדלונג. דער לאָגישער מוסר־השכל דערפון קען זיין בלויז איינער — און דאָס איז, אַז צו דער אַנאַליטיק פון אונדזער קריטישן פאַרשטאַנד דאַרפן מיר צוגעבן היפּשע דאָזעס פאַנטאַזיע, מעדיטאַציע און פילאָסאָפישע ספּעקולאַציע, בלויז דורך אַזאַ קאָמבינאַציע פון מענטאַלער אָנשטרענגונג וועלן מיר אימשטאַנד זיין צו אורטיילן די מסקנהס פון וויסנשאַפטסלייט, וואָס פאַרנעמען זיך מיט

8) *Albert Einstein*: Out of my Later Years, Philosophical Library, New York, 1950.

9) *Ernst R. Trattiner:* Architects of Ideas, Home Library, New York, 1938.

פאַרשן דעם פּסיכישן פענאָמען — די פיזיקער, די ביאָלאָגן, די פּסיכאָלאָגן (פון די לעצטע, באַזונדערס יענע, וואָס באַשעפטיקן זיך אין די לעצטע יאָרן מיט פּאַראַפּסיכאָלאָגיע).

מיר לעבן אין אַ וועלט פון ווונדער אין ווונדער, ווו בפירוש אַלץ איז ווונדער, דאָס שפּראָצן פון אַ גרעזל, דער אויסגעשטערנטער הימל איבער אונדזע־רע קעפּ, דאָס ווערימל אונטער אונדזערע פיס, דער קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם פון אונדזער קערפּער. אַלצאיינס צי איינעמס אויסבליק איז אַן אָפּטימיסטישער, אָדער אַ פּעסימיסטישער, קען ער נישט לייקענען, אַז מיר זענען אַ מיסטעריע, אַרומגערינגלט פון מיסטעריע, אַ רעטעניש אויף צווי פיס, וואָס באַוועגט זיך אין אַ קאָסמיש רעטעניש, אויף וועלכן עס איז קיין ענטפער נישטאָ. מיר זעען די מאַניפעסטאַציעס פון נאַטור־כוחות און מיר לערנען זיך אויס טייל פון זיי אויסצונוצן, אָבער וואָס זיי זענען אין תוך, פאַרוואָס זיי זענען און ווי אַזוי זיי זענען — דאָס וועלן מיר מסתמא קיינמאָל נישט וויסן.

„כעמישע און פיזישע געזעצן, — שרייבט אַרטור היל אין זיין אָפּהאַנדלונג „פאָרשונג און רעליגיע״ 10), — דערקלערן נישט דעם מענטש; ער איז אונ־טערגעוואָרפן אַ העכערער קראַפט; דער מענטש דערקלערט נישט גאָט: ער קען בלויז פאַנטאַזירן וועגן אים; דאָס קלענערע קען נישט משיג זיין דאָס גרעסערע... דער המשך פון מענטש נאָכן טויט איז באַוויזן געוואָרן אויף אַזוי פיל אויף וויפל באַווייז איז מעגלעך״.

„איך בין אַזוי איבערצייגט אין דעם המשך פון דער עקסיסטענץ אויף יענער זייט פון טויט, — שרייבט דער גרויסער פיזיקער סער אָליווער לאָדזש, — ווי איך בין אין דער עקסיסטענץ דאָ 11)...

„אַ פיזיקער, — זאָגט ער ווייטער, — איז קיינמאָל נישט באַשרענקט צו דירעקטע ראַציאָנאַלע אימפּרעסיעס. ער מוז זיך פאַרנעמען מיט אַ סך באַגריפן און זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט נישט קיין פיזישן אָרגאַן: די דינאַמישע טעאָריע פון היץ, צום ביישפּיל, און פון גאַזן, די טעאָריע פון עלעקטריציטעט, פון מאַג־נעטיזם, פון כעמישער פאַרוואַנדשאַפט, פון קאָהעזיע (דער פּראָצעס פון צוזאַמענ־האַלטונג) און זיין אויפפאַסונג פון עטער אַליין, פירן אים אַריין אין געביטן, ווו זען, הערן און אָנטאַפּן זענען אימפּאָטענט ווי דירעקטע עדות און ווו זיי זענען מער נישט קיין זיכערע פירערס. אין אַזעלכע געביטן מוז אַלצדינג אינטערפּרע־

10) *Sir Arthur Hill:* Psychical Investigations.
11) *Sir Oliver Lodge:* Raymond or Life and Death.

טירט ווערן אין אומסענסיטיווע, אומסובסטאַנציעלע טערמינען און אין אַ געוויסן זין מוז אַנגעווענדט ווערן די פאַנטאַזיע.

„די נישט־מאַטעריעלע וועזנס פון אַ פיזיקערס קאָנצעפּציע ווערן בהדרגה־דיק אַזוי רעאַל און ממשותדיק ווי סיי וועלכע זאַך, וואָס ער ווייסט. לאָרד קעלווין פלעגט זאָגן, ווען ער איז געווען פּאַראַדאָקסיש געשטימט, אַז מיר ווייסן מער וועגן עלעקטריציטעט, ווי וועגן שטאָף".

אַן אינטערעסאַנטע טעאָריע, וואָס באַצוועקט אונדז צו געבן אַן אַריינבליק אין דער גייסטיקער וועלט, פון וואַנען מיר ציִען אונדזער יניקה און צו וועלכער מיר קערן זיך צוריק נאָכן טויט, קומט צום אויסדרוק אין דער „סובלימינאַלער פּסיכאָלאָגיע", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם ענגלישן פּאָעט, פילאָסאָף און וויסנשאַפטסמאַן, פרעדריק מייערס 12). ווי דאַרווין אין דער אָרגאַנישער נאַטור זעט מייערס אין דער וועלט פון גייסט אַ כסדרדיקע און בהדרגהדיקע עוואָלוציע — פון נידעריק צו העכער און העכער. דאָס גאַנצע מענטשלעכע באַוווסטזיין האָט זיך, לויט מייערסן, אַנטוויקלט שטאַפּל נאָך שטאַפּל אין פאַר־לויף פון דער אָרגאַנישער עוואָלוציע אויף דער ערד.

אָבער אונדזער באַוווסטזיין בעת דער ערדישער עקסיסטענץ, וועלכע מייערס רופט סופּראַ־לימינאַל (דאָס באַוווסטזיין פון ד ע ר זייט שוועל), איז בלויז אַ טראָפּנדל פון דעם באַוווסטזיין, וואָס איז אויף יענער זייט שוועל — דעם סוב־לימינאַל, פון וואַנען דער מענטש ציט זיין גאַנצע גייסטיקע יניקה אין משך פון זיין ערדיש לעבן. אַלע גייסטיקע כוחות, וואָס מיר באַזיצן, אַלע אידייען, שפּירונגען, טאַלאַנט, געניאַליטעט, ליבע, פּסיכישע אייגנשאַפטן, ווי היפּנאָטיזם, טעלעפּאַטיע אאַז"וו, קומען צו אונדז פון סובלימינאַל, פון דעם אומענדלעכן גייס־טיקן קוואַל — דורך כוואַליעס, וואָס טראָגן זיך אומאויפהערלעך פון סובלימינאַל צום סופּראַ־לימינאַל.

צו איינעם קומט אָן פון דאָרט מער איינפלוס און צו איינעם ווייניקער; צו טייל קומט אַריבער אַ גרויסע כוואַליע, אָבער נישט צו אַלעמען קומט עס אָן בשורה: ברענגט עס איינעם צו גאונות און אַן אַנדערן — צו משוגעת. אויך מאָמענטאַלע אויסברוכן פון שרעק, היסטעריע אד"גל, קומט פון דעם אומגעהייערן גייסטיקן קוואַל אויף „יענער זייט שוועל".

12) *Frederick Meyers:* Human Personality and His Survival of Death, London - New York.

IV

מען קען אַזוי ברענגען ציטאַט נאָך ציטאַט, לענגערע און קירצערע אויסצוגן פון די שוין ציטירטע וויסנשאַפטסלייט און פון אַ סך אַנדערע, אָן אַ סוף; אָבער די פאַרעקשנטע סקעפּטיקער וועלן אַלץ פרעגן די אַלטע קשיא: פון וואַנען וויסטו? — די קשיא, מיט וועלכער סאָקראַטעס האָט, ווי מיר ווייסן פון פּלאַ־טאָנען, אַלעמאָל אָנגעהויבן זיינע דיספּוטן.

טאַקע, פון וואַנען ווייסן מיר? — און דאָך וואָלט אָן אָט־דעם וויסן, וואָס אין דעם פאַל מיינט עס: גלויבן — קיין קולטור און ציוויליזאַציע נישט מעגלעך געווען. אַלץ, וואָס דער בן־אָדם האָט דערגרייכט אין משך פון זיין עקסיסטענץ, איז באַזירט אויף גלויבן, דערפאַרונג און ווילן — און מיט גלויבן האָט עס זיך אָנגעהויבן. דאָס ענגלישע ווערטל „סיאינג איז בעליווינג״ (מיר גלויבן אין דעם, וואָס מיר זעען) איז זייער פּאָפּולער, אָבער אין אונדזערע פירונגען און האַנדלונ־גען דעמאָנסטרירט זיך דער היפּוך דערפון: „בעליווינג איז סיאינג״ — וואָס מיר גלויבן, זעען מיר... די סאַמע וויסנשאַפט וואָלט נישט מעגלעך געווען ווי מיר האָבן עס געהערט פון נישט קיין קלענערן ווי איינשטיין און אויך פון אַלי־ווער לאָדזשן, אויב זי, די וויסנשאַפט, זאָל זיך באַזירן בלויז אויף דערפאַרונג, בלויז אויף „קאָנקרעטע פאַקטן״, וואָס מיר קענען אַרומטאַפּן — אָן דעם זען פון דער פאַנטאַזיע, אָן גלויבן. עס וועט נישט זיין קיין פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז גלויבן איז אַ טאַלאַנט, וואָס אַ סך מענטשן האָבן אים אָנגעווירן אין זייער גלויבן, אַז מען דאַרף נישט גלויבן...

דאָס ווערט בשום אופן נישט געזאָגט מיט דער כוונה מבטל צו זיין, אָדער אויסלאַכן דעם סקעפּטיקער, אַפילו דעם עקסטרעמסטן, נאַר, אדרבא, מיט דער כוונה אים צו פאַרשטיין. קיינער לייקנט נישט, אַז ווען מיר ווענדן אונדזער וויסן־דורשטיקן געדאַנק צו פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט נאָך אָן ענטפער אויף די פּראָבלעמען, וואָס באַאומרויקן און מאַטערן אונדז, ווערן מיר מבולבל אין דעם ים פון אַלערליי טעאָריעס און סברות, וואָס איינע שליסט אויס די אַנדערע און אַ סך פון זיי זענען אַפילו סתירותדיק אין זיך אַליין. וואָס אָננעמען? וועמען גלויבן? דער אמת קען דאָך זיין בלויז איינער, אָדער קיין איינער נישט... איז עס קיין חידוש נישט, וואָס דער און יענער פאַלט אַריין אין אַ פאַרצווייפלונג, וואָס פירט צו סקעפּטיציזם, אָדער ציניזם — צו גאָרנישט גלויבן; אָדער צו דורכאויס רעליגיע און — אַלץ גלויבן...

פאַרשטייט זיך, אַז דערין איז נישט שולדיק די פילאָסאָפיע, אָדער די וויסנשאַפט. עס איז בכלל דאָ נישט שייך צו ריידן פון שולד. עס איז די הילפ־

לאַזיקייט פון דער דענקענדיקער בריאה — מענטש — וואָס וווינט אויף אַ ברעקלע פּלאַנעטל אין אַן אומענעדלעכן אוניווערס. „עס איז אַלגעמיין אָנערקענט, — שרייבט דזשיימס דזשינס, איינער פון די גרעסטע אַסטראָ־פיזיקער פון אונדזער צייט 13) — אַז מיר זענען נאָך אַפילו נישט אין קאָנטאַקט מיט דער אולטימאַטיווער רעאַליטעט. מיר זענען נאָך אַלץ — צו באַנוצן פּלאַטאָנס אַ פאַרגלייך — געפאַנגענע אין אונדזער הייל, מיט אונדזערע פּלייצעס צום ליכט און מיר קענען בלויז אָבסערווירן די שאָטנס אויף דער וואַנט. לעת־עתה איז די איינציקע באַלדיקע אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט צו שטודירן די דאָזיקע שאָטנס, זיי צו קלאַסיפיצירן און זיי דערקלערן אויף דעם מעגלעכסט־איינפאַכסטן אופן". „אונדזער ערד, — שרייבט דזשינס ווייטער, — איז אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך צום גאַנצן אוניווערס... אַזוי ווייט אָפּגערוקט פון דעם הויפּטפּלאַן, אַז עס איז פּשוט זיך נישט פאַרצושטעלן, אַז אויב דער אוניווערס אין גאַנצן געזומען האָט וועלכן־ס'איז זין, זאָל זיך דער זין קענען אַנטפּלעקן צו אונדז דורך אונדזער ערדישער דערפאַרונג".

מיינט עס, אַז עס איז לחלוטין אוממעגלעך פאַר אונדז צו דערגיין אויף וויפל נישט איז דעם אמת, אָדער רעאַליטעט פון דער וועלט? „הגם דאָס איז דער מעגלעכסטער צושטאַנד, — זאָגט דזשינס אין דעם זעלבן ווערק, — איז עס אָבער נישט אוממעגלעך, אַז אַ טייל פון די שאָטנס, וואָס פאַלן אויף די ווענט פון אונדזער הייל, סוגעסטירן אָביעקטן און פונקציעס, מיט וועלכע מיר, די הייל־באַוווינערס, זענען שוין באַקאַנט אין אונדזער הייל. דער שאָטן פון אַ פאַלנדיקן קערפּער באַנעמט זיך ווי אַ פאַלנדיקער קערפּער, און דאָס וועט אַזוי אַרום אונדז דערמאָנען אָן קערפּערס, וואָס מיר אַליין האָבן געלאָזט פאַלן. דאָס דערקלערט די מעכאַניסטישע פיזיק פון לעצטן יאָרהונדערט". אָבער דזשינס ווייזט ריכטיק אָן, אַז די מעכאַניסטישע קאָנצעפּציע איז אַ פאַלשע, ווייל זי דרינגט נישט אַריין אין תוך פון דעם פאַלנדיקן קערפּער, אין דער גייסטיקער באַוועג־קראַפט. דאָ ברענגט ער נאָך אַ ביישפּיל: דער שאָטן פון שאָך־שפּילערס אין דרויסן, אין זונליכט, וועט אונדז דערמאָנען אָן שאָך־שפּיל ביי אונדז, אין דער הייל. די באַוועגונגען פון די שאָך־שפּילערס, וואָס מאַכן די צוגן מיט די שאָך־פיגורן, זענען אויס מעכאַניש, אָבער אין תוך איז עס אַ רעאַליטעט פון געדאַנק, און מיר מוזן מודה זיין, אַז די שאָך־שפּילערס אין זונליכט זענען באַהערשט פון געדאַנק, ווי מיר, אין דער הייל.

---

13) *Sir James Jeans:* The Mysterious Universe. The Mac Millan Co. New York, 1932.

דזשינס קומט דאָ, ווי מיר זעען, צו צוויי וויכטיקע אויספירן, וואָס איך עסענץ זענען זיי איינס: א. אַז פון די שאַטנס קענען מיר מער־וויניקער דערגיין צו דער רעאַליטעט; ב. אַז פון אונדזערע אָבסערוואַציעס פון די שאָטנס אויף די ווענט, וואָס פירן אונדז צו אַן אַנאַלאָגיע מיט אונדזערע אייגענע באַוועגונגען און אויפפיר, לערנען מיר (אָדער דאַרפן לערנען), אַז דער גרויסער דרויסן, דער אוניווערס, ווערט, ווי מיר, רעגירט דורך אַ געדאַנק, דורך אַ באַוווסטזיין. דאָ פרעגט זיך אָבער: אויב די הייל־באַווינערס (לאָמיר זאָגן: די דענקערס צווישן זיי) לערנען דורך דיזעלביקע שאָטנס אַ מוסר־השכל וועגן דעם „דרויסן" — וואָלט דאָך דער מוסר־השכל אויך געדאַרפט זיין דער זעלביקער, אָדער כאָטש אַן ענלעכער, ביי אַלעמען. אַנשטאָט דעם האָבן מיר, ווי מיר ווייסן, אַ שלל פון טעאָריעס און אינטערפּרעטאַציעס, וואָס זענען, ווי געזאָגט, אין שאַרפן קאָנפליקט צווישן זיך. איז באמת נישט מעגלעך אין דער אידייען־וועלט קיין שום מאָס, אָדער קאָמפּאַס, וועדליק וועלכער מיר זאָלן קענען דערגיין כאָטש אַ שטיקל טאָלק צווישן אמת און אומאמת?

מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ מאָס קען יאָ זיין — אויף וויפל מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויפן אַנאַליז פון אונדזער שכל־הישר און אַנאַלאָגיע. אָבער דער עיקר איז דאָ דער צייט־פאַרגלייך — אויף וויפל אַ טעאָריע האַלט אויס דעם דרוק און די ענדערונגען פון צייט און פון מענטשלעכן געדאַנק. געבן דאָ אַפילו אַ קיצורדיקן איבערבליק איבער די אַלע פילאָסאָפישע שיטהס, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון צייט און עקספּערימענט און פון יענע (זייער־זייער וויניק), וואָס האָבן דאָס יאָ אויסגעהאַלטן, וואָלט נישט נאָר געדאַרפט פאַרנעמען צופיל אָרט, נאָר וואָלט דעם שרייבער אַוועקגעפירט פון דער טעמע (טויט און אומשטאַרבלעכקייט). איך וועל דעריבער אויסקלייבן בלויז צוויי טעאָריעס — פון דעמאָקריטוסן און עפּיקורוסן — אין דירעקטן שייכות צו דער טעמע פון דער דאָזיקע אָפּהאַנדלונג.

דעמאָקריטוס איז, ווי מיר ווייסן שוין, דער שאַפער פון דער אַטאָמישער פילאָסאָפיע. מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, ווען מען האָט נאָך אַפילו נישט געחלומט פון אַזאַ זאַך ווי אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט, מיט לאַבאָראַטאָריעס, מיט קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן, האָט דעמאָקריט זיך ריין־געדאַנקלעך דערטראַכט צום אַטאָם, צו דער אידייע, אַז דער גאַנצער באַשאַף איז אַ קאָמפּאָזיציע פון אַטאָמען, דאָס הייסט: אַזעלכע פיצינקע טיילכלעך, וואָס מען קען זיי נישט (ווי מיר ווייסן דאָס איצט) דערזען אַפילו דורך דעם שטאַרקסטן מיקראָסקאָפּ. זיין טעאָריע האָט אויסגעהאַלטן אין משך פון די אַלע יאָרהונדערטער. טעאָריעס זענען אויפגעקומען און אָפּגעווישט געוואָרן דורך אַנדערע טעאָריעס און אַנט־

דעקונגען — די אַטאָמישע טעאָריע איז פאַרבליבן. זי איז, אדרבא, כסדר מער און מער באַשטעטיקט און באַפעסטיקט געוואָרן. זי איז מער נישט קיין טעאָריע, נאָר אַן אַקסיאָם, אַ פאַקט ווי די לופט, וואָס מיר אָטעמען. אמת, דעמאָקריט האָט געגלויבט, אַז דער אַטאָם איז דאָס קלענסטע פון דעם קלענסטן, די לעצטע קלייניקייט, וואָס איז דעריבער נישט צעטיילליק, וואָס דאָס וואָרט אַ־טאָם מיינט טאַקע, אָבער שוין אין אונדזערע טעג (אַרום 1930) האָט אַ נישט־קלענערער וויסנשאַפטסמאַן, ווי ראָבערט א. מיליקאַן, דער אַנטדעקער פון די קאָסמישע שטראַלן, דערקלערט מיט פולער זיכערקייט, אַז „ס'איז נישטאָ די ווייטלויפיקסטע מעגלעכקייט, אַז דער מענטש זאָל ווען־ס'איז אימשטאַנד זיין זיך צו באַנוצן מיט אַטאָמישער קראַפט. אַ דרוק פון מיליאַרדן טאָן אויף יעדער צאָלע (אינטש) און אַ טעמפּעראַטור פון מיליאָנען גראַדן זענען נייטיק אויף צוצעשפּאַלטן אַן אַטאָם און באַפרייען ענערגיע אין דער פאָרם פון ליכט און היץ; און אַזעלכע אומבאַגרייפלעכע כוחות קען מען געפינען בלויז אויף די שטערן".

מיליקאַן איז נישט דער איינציקער מאָדערנער וויסנשאַפטסמאַן, וואָס האָט אַזוי געגלויבט אין דער אומצעטייליקייט פון אַטאָם. בלויז געציילטע יאָרן, אייִדער מען האָט דעם אַטאָם צעשפּאָלטן און פּראָדוצירט די אַטאָמישע באָמבע... דער עיקר איז, אַז די אַטאָמישע טעאָריע, וואָס דעמאָקריט האָט געשאַפן מיט 2.500 יאָר צוריק, האָט אויסגעהאַלטן אַלע פּראָבעס פון צייט און עקספּערימענטאַלער פאָרשונג; אַז דאָס אומזעאיקע, וואָס ער האָט דערזען מיטן געדאַנק, איז אַזוי רעאַל ווי די פיזישע וועלט, וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אויגן. דעריבער... ווען אַזאַ מענטש זאָגט אונדז, אַז די נשמה באַשטייט פון די פיינסטע, אײדלסטע אַטאָמען און שליסלעך איז די נשמה אומשטאַרבלעך — האָט זיין וואָרט אומגעהייערע וואָג, אַזוי פיל וואָג אין יעדן פאַל, אַז זי זאָל אונדז צווינגען צו דענקען און נאָכדענקען וועגן דעם.

און וואָס זאָגט עפּיקור, אָדער עפּיקורוס, ווי זיין נאָמען איז געווען אין גריכיש? דערדאָזיקער פילאָסאָף, וועמענס נאָמען איז ביי ייִדן אַ סינאָנים פון אַפּיקורסות בכלל און ביי דער וועלט — פון „פרעס און זויף און האָב הנאה" — ער האָט אָפּגעלייקנט דעם דואַליזם פון גייסט און מאַטעריע אין דער וועלט און געהאַלטן, אַז אַלץ איז מאַטעריע, אַ מעכאַניזם — דער מענטש, ווי דער גאַנצער באַשאַף — איז דעריבער נישט שייך צו ריידן פון אַ נשמה און אומשטאַרבלעכקייט. דאָס, וואָס מיר רופן נשמה, איז אַ מעכאַניזם, וואָס טיילט דעם גורל פון גוף. אַ באַווייז דערפאַר זעט ער דעריין, וואָס דעם מענטשנס באַוווסטזיין שטעלט זיך שנעל אָפּ פון אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ אַריין, אָדער פון בלוט־פאַרלוסט, צי פון פיבער... אונדזערע שטימונגען און באַשלוסן ווערן דע־

טערמינירט מער דורך דעם צושטאַנד פון אונדזער געזונט, ווי פון לאָגישע אור־זאַכן (לאָגיק און נשמה זענען, ווי מיר זעען, ביי אים אידענטיש).

לאָמיר עפּיקורס אַרגומענט (וועגן גוף און נשמה) איבערשרייבן אַזוי: אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי ווייַן, אָדער אַז דאָס, וואָס מיר רופן ווייַן, איז אַ טייל פון דער קרוג און טיילט דעריבער דעם גורל פון דער כלי, קען מען זען דער־פון, וואָס ווען די קרוג צעפּאַלט זיך אין שטיקלעך דורך אַ שטאַרקן קלאַפּ, איז אין איר נישטאָ קיין ווייַן...

אָדער אַ מאָדערנער פאַרגלייך: אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי עלעקטריציטעט און אַז דאָס, וואָס מיר רופן עלעקטריציטעט, איז אַ טייל פון דעם לעמפּל, קען מען זען דערפון, וואָס ווען דאָס לעמפּל צעברעכט זיך פון אַ קלאַפּ, איז נישטאָ קיין עלעקטריציטעט...

האָט דען עמיצער ווען־ס'איז געלייקנט, אַז דאָ, אין אונדזער ערדישער דער־פאַרונג, פונקציאָנירט די נשמה, דאָס גייסטיקע, דורך דעם אינסטרומענט, אָדער אַפּאַראַט פון קערפּער און אַז ווען דער מענטש שטאַרבט, טוט זיך די נשמה אָפּ פון גוף?

עפּיקור האָט דעריבער, ווי מיר זעען, זיך געשטויסן אין אַן אָפענער טיר. זיין אַרגומענט האַלט נישט אויס די מינדסטע קריטיק פון אונדזער שכל. וואָס ס'איז שייך דעם צווייטן טייל פון זיין אַרגומענט (אַז אונדזערע שטימונגען און באַשלוסן ווערן דעטערמינירט מער פון אונדזער געזונטצושטאַנד, ווי פון אונדזער לאָגיק), האָט אויך קיינער קיינמאָל נישט געלייקנט די קעגנזייטיקע השפּעות פון די צוויי שכנים — גוף און נשמה, מאַטעריע און גייסט, געפיל און געדאַנק. אָבער אַז ס'קומט צו דער פראַגע וועלכן צדס השפּעה עס איז גרעסער און דעצידירנדיק, פּסקנט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע, אַז דאָס איז דער פּסיכישער צד. ער האָט די גרעסטע, אויב נישט די גאַנצע, השפּעה אויף אונדזערע עמאָ־ציעס און אינסטינקטן, שפּירונגען און פירונגען און אַפילו אויף אונדזער גע־זונטצושטאַנד.

דאָ איז נייטיק צוצוגעבן, אַז ביי די מיינסטע פּסיכאָלאָגן איז פּסיכע נישט דווקא דאָס אייגענע וואָס נשמה, ווי דעם באַגריף האָבן פאַרשטאַנען אַ פּלאַטאָן, אַ דעמאָקריט, אַ רמב״ם, אַ ספּינאָזאַ, אַזאַ פּסיכאָלאָג ווי לאָמבראָזאָ, אַזאַ ביאָ־לאָג־כירורג ווי אַלעקסיס קאַרעל, אַזעלכע פיזיקער ווי היל און לאָדזש — דאָס הייסט: אַ נשמה, אַ זעלבסטשטענדיקער יש, וואָס איז געווען פאַר קערפּער און בלייבט נאָכן קערפּער. אָבער דאָ, אין שייכות צו עפּיקורן, איז דער עיקר וואָס זיין אַרגומענט ווערט בטול ומבוטל אין יעדן פאַל, סיי ווען מיר אַנאַליזירן אים

מיטן פשוטן שכל־הישר, סיי ווען מיר שטעלן אים אַוועק אין ליכט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

V

דאָ, ביי אָט־דעם פונקט, פּאַסט זיך — אין שייכות צום פּראָבלעם טויט און אומשטאַרבלעכקייט — צו געבן כאָטש אַ קיצורדיקן איבערבליק איבערן ספּיריטואַליזם, דער עיקר איבער יענע פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס זענען שטרענג נאָכקאָנטראָלירט געוואָרן דורך דער „געזעלשאַפט פאַר פּסיכישע פאָר־שונג". דאָס מוז אָבער אַריינפירן אין אַ באַזונדערן, הגם נאָענטן, געביט — אַ געביט, ווו די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק וועגן דער מענטשלעכער נשמה און איר גורל הערט פּאַקטיש אויף. ביים ספּיריטואַליזם איז עס מער נישט קיין פראַגע, צי דער מענטש האָט אַ נשמה, צי די נשמה בלייבט ווי אַ יש נאָכן טויט און צי דער דאָזיקער גייסטיקער יש איז אַ המשך פון פאַרשטאָרבענעם פּלוני בן פּלוני. אויף דעם איז זיין ענטפער אַ פּאָזיטיווער און ער הייבט אָן פון דאַנען. זיין הויפּט־פּראָבלעם איז די קאָמוניקאַציע מיט די גייסטער פון פאַרשטאָרבענע און ווי דאָ צו גרייכן די בעסטע רעזולטאַטן...

דאָס אריינברענגען דאָ דעם אָקולטיזם וואָלט דעריבער דעם שרייבער און דעם לעזער אַריינגעפירט אין אַ נייער אַטמאָספערע און אין אַן אומענדלעכער דיסקוסיע מכוח דער מעגלעכקייט, אָדער אוממעגלעכקייט פון קאָמוניקאַציע מיט „יענער וועלט", בעת די סאַמע אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה איז נאָך פאַר די סקעפּטיקער צווישן די לייענערס נישט צופרידנשטעלנדיק געלייזט... די ציטאַטן, וואָס זענען דאָ געבראַכט געוואָרן פון אַזעלכע פירנדיקע ספּיריטואַ־ליסטן, ווי אַרטור היל און אָליווער לאָדזש, זענען דערפאַר געווען דער עיקר אין שייכות צו זייערע דערפאַרונגען ווי פיזיקער — דערפאַרונגען, וואָס באַווייזן, אַז דער וויסנשאַפטסמאַן שטויסט זיך אָן אין זיינע פאָרשונגען אויף דערשיינונגען, וואָס קענען בשום אופן נישט אינטערפּרעטירט ווערן אין פיזישע טערמינען, נאָר זענען אָן אָנדייט אויף ריין־גייסטיקע כוחות.

אָבער אַזוי ווי לחלוטין אויסמיידן דעם ספּיריטואַליזם אין אַזאַ אָפּהאַנדלונג, ווי די איצטיקע, וואָלט געווען פשוט אומנאַטירלעך, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אויף איין פאַסירונג פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס גייט אַרויס פון די גרענעצן פון אָקולטיזם און ווערט אַן אָביעקט פון אַלגעמיינעם וויסנשאַפטלעכן אינטערעס. עס איז, הייסט עס, אַן ענין נישט בלויז פאַר ספּיריטואַליסטן, נאָר אויך פאַר היס־טאָריקער, ליטעראַטור־פאָרשערס, פילאָלאָגן, ווי פאַר פּסיכאָלאָגן. דידאָזיקע פאַ־סירונג, וואָס זי איז, לויט מיין מיינונג, די רעפּרעזענטאַטיווסטע פון אַלע ספּי־

ריטואַליסטישע ביכער און באַריכטן, דאַרף דאָ איבערגעגעבן ווערן שוין דער־פאַר אַליין, וואָס אין איר זענען פאַרוויקלט אַזעלכע פּערזאָנען — צוויי פּשוטע הויז־פרויען — וואָס זענען נישט געווען קיין מעדיומען און זענען בכלל נישט אויסן געווען קיין ספּיריטואַליסטישן סעאַנס, נאָר לייכטן צייט־פאַרטרייב מיט אַ „ווידזשי־באָארד", אַזאַ רונדיק ברעטל מיטן אַלפאַבעט און אַ טייטל, צו פירן מיט דער האַנט איבער די אותיות, ביז עס לייגן זיך אויס געוויסע ווערטער און זאַצן.

די צוויי פרויען, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט דעמדאָזיקן „ווידזשי־ברעטל", וואָס איז אַמאָל געווען אַ פּאָפּולערער צייט־פאַרטרייב אין טויזנטער היימען איבערן לאַנד, זענען געווען: פּוירל לענאָר קאַרען און עמילי האַטשינס (אין סיינט לואיס, מיזורי). ביידע האָבן גאַנץ אָפט אין זייער פרייער צייט פאַר־ברענגט איבער אַזאַ „ווידזשי ברעטל" און געהאַט שפּאַס. אָבער אין אַ יולי־נאַכט פון יאָר 1913, האָט עפּעס אויסטערלישס געטראָפן. פרוי קאַרען האָט פּלוצלינג דערפילט — ווי זי האָט שפּעטער דערציילט — אַז עפּעס אַ קראַפט דריקט איר האַנט און שטופּט דעם טייטל איבער די אותיות. עס האָט זיך אויס־געלייגט אַזאַ ידיעה: „איך האָב געלעבט מיט אַ סך לבנות צוריק. איצט בין איך ווידער דאָ. מיין נאָמען איז פּיישיענס וואָירט".

די פּשוטע פאָלקס־פרוי איז פאַרבליבן סקעפּטיש, האָט זי דעריבער פאַר־לאַנגט מער אינפאָרמאַציע פון דעם אומגעזעענעם כוח, וואָס רופט זיך פּיישיענס וואָירט. און דער טייטל אין פרוי קאַרענס האַנט האָט זיך באַוועגט איבער די אותיות און אויסגעלייגט די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציע — אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין דאָרמשייר, ענגלאַנד, אין יאָר 1694, און אַז זי האָט אַלעמאָל גע־וואָלט זיין אַ שרייבערין.

אין משך פון פופצן יאָר האָט פרוי קאַרען אָנגעשריבן (דיקטירט געוואָרן, הייסט עס, דורך דעם גייסט פּיישיענס וואָירט) פיר לאַנגע ראָמאַנען און אַרום 2.500 לידער און פּאָעמעס. דער ערשטער ראָמאַן — „אַ טרויעריקע געשיכטע" — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אָנגעזעענעם פאַרלאַג פון הענרי האָלט און קאָמפּאַניע. אין דער „ניו־יאָרק טיימס" פון 8טן יולי, 1917, ווערט דער ראָמאַן, וואָס שילדערט דאָס יידישע און רוימישע לעבן אין דער צייט פון קריסטוסן, שטאַרק געלויבט; גרויסע לויב־געזאַנגען האָט אויך אַרויסגערופן דער צווייטער ראָמאַן „האָופּ טרויבלאָד", די געשיכטע פון אַ פּויעריש מיידל, אין ענגלאַנד, אין 17טן יאָרהונדערט. די לידער זענען אַריין אין די בעסטע אַנטאָ־לאָגיעס פון פּאָעזיע, צוזאַמען מיט די גרעסטע אַמעריקאַנער פּאָעטן.

אפשר איז פרוי קאַרען געווען אַ טאַלאַנטפולע שרייבערין און זי האָט

אויסגעטראַכט די גאַנצע מעשה מיט דעם גייסט פון פּיישיענס וואָירט — לשם רעקלאַמע? אַ גענויע שטודיע פון דער פּאַסירונג איבערצייגט אונדז, אַז דאָס איז נישט אַזוי, קען בשום אופן אַזוי נישט זיין. אַ לאַנגע און טיכטיקע אויספאָרשונג פון פילאָלאָגן, עטנאָלאָגן, היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט פעסטגעשטעלט, אויסער יעדן ספק, אַז פרוי קאָרען איז געווען אַ זייער איינפאַכע פרוי, אָן אַ העכערער בילדונג. איר ענגליש איז אַן אָרעמער, אַן איינפאַכער און באַשרענקטער. אַ סך ווערטער, וואָס זי האָט באַנוצט אין די דערציילונגען און לידער, האָט זי אַפילו נישט פאַרשטאַנען. די שפּראַך אין די דידאַקטיקע שאַפונגען איז דאָס ענגליש פון 17טן יאָרהונדערט.

די אויספאָרשערס זענען געקומען צום איינשטימיקן באַשלוס, אַז כדי צו שרייבן אַזעלכע דערציילונגען און לידער, וואָלט פרוי קאָרען געמוזט זיין אַ הויך־געבילדעטע פּערזאָן, מיט אַן אומגעהייער וויסן סיי אין דעם ענגליש, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין דעם ענגלאַנד פון 17טן יאָרהונדערט; סיי אין געשיכטע, סיי אין דער לאַנדשאַפט פון די ערטער אין ענגלאַנד, וואָס ווערן געשילדערט אין די ראָמאַנען. די אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז די לאַנדשאַפט, וועלכע האָט אין משך פון דורות זיך געענדערט אין יענע מקומות, איז אין יענער צייט, אין 17טן יאָרהונדערט, געווען ווי זי ווערט געמאָלן אין דעם ראָמאַן „האָופּ טרויבלאָד".

אין אָנהייב האָט פרוי קאָרען נאָכגעשריבן איינצלנע ווערטער, ווי זיי זענען איר דיקטירט געוואָרן דורך דעם געהיימען כוח; דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו זען גאַנצע זאַצן און זי האָט זיי דיקטירט איר מאַן. דאָ דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז אַ סך פון די ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס פרוי קאָרען האָט איבערגענומען פון דעם געהיימען כוח, זענען געשריבן געוואָרן אין דער קעגנוואַרט פון שרייבערס, וויסנשאַפטלער און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך פאַר דעם צוועק פאַרזאַמלט אין לאָקאַל פון דער אַרטיסטישער גילדע אין סיינט לואיס.

די אויספאָרשערס האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געוואָלט וויסן צי אַזאַ פּערזאָן ווי פּיישיענס וואָירט האָט באמת אַמאָל עקסיסטירט — און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז אַ מיידל מיטן נאָמען פּיישיענס וואָירט איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין יאָר 1694, אין דאָרמשייר, ענגלאַנד; אַז אין עלטער פון דרייסיק יאָר האָט זי אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אַז זי איז דערהרגעט געוואָרן בעת אַן אינדיאַנישער אַטאַקע אויף קעניג פיליפּס חיילות.

אין 1928 האָט „פּיישיענס וואָירט" אויפגעהערט צו קאָמוניקירן מיט פרוי קאָרען אַזוי פלוצלינג, ווי זי האָט אָנגעהויבן. אַ סך פּסיכאָלאָגן, צווישן זיי ד״ר

וואַלטער פרענקלין פּרינס פון דער באַסטאַנער אַפּטיילונג פון דער „געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג", האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אַדער אונדזער קאָנצעפּציע פון דעם, וואָס מיר רופן „אונטערבאַוווסטזיין", מוז ראַדיקאַל אויס־געברייטערט ווערן, אַז עס זאָל אַריינגענומען ווערן אויך אַזעלכע פּאָטענציעלע כּוחות, וואָס מיר האָבן ביז אַהער נישט געהאַט קיין שום קענטעניש פון זיי, אַדער מודה זיין, אַז עס איז דאָ אַ כּוח, וואָס ער איז נישט אַנטשטאַנען אין דער פּרוי קאָרען, — דאָס הייסט: אַ דרויסנדיקער כּוח, וואָס האָט אָפּערירט דורך איר.

פאַר אַזאַ פאַסירונג מוז אַפילו דער סקעפּטיקער בלייבן שטיין אַ געפּלעפּ־טער. אויב ער געפינט נישט קיין יסוד פאַר ביטול, אַדער ספק אין אַזאַ געשעע־ניש, וואָס איז פון אַלע זייטן, אויך מצד אויסגעשפּראָכענע אומגלויביקע, דורכ־קאָנטראָלירט און באַשטעטיקט געוואָרן, וועט ער באַאין־ברירה איבערחזרן די רייד פון ד״ר וו. פ. פּרינס, אַז אַדער מיר מוזן ראַדיקאַל אויסברייטערן אונדזער קאָנצעפּציע פון אונטערבאַוווסטזיין, אַדער מודה זיין אין דער עקסיסטענץ פון אַ דרויסנדיקן כּוח. נאָר... ווער ווייסט? אפשר וועט דער סקעפּטיקער (צי ער איז אַ מאַטעריאַליסט־אַטעאיסט, אַדער סתם אַן עקשן) זיך דערטראַכטן צו אַן אייגע־נער סבֿרה. די מעשה איז אָבער, וואָס גראָד דער סקעפּטיקער איז בטבֿע דער גרעסטער מאמין, מחמת ער גלויבט בפירוש, אַז מיט משנה השם זיין אַ דער־שיינונג, וואָס לייגט זיך נישט אויפן שכל, ענדערט ער די עצם דערשיינונג — אַז מיט אַוועקשטעלן, למשל, נאַטור אויפן אָרט פון גאָט, אַדער מעכאַניזם אויפן אָרט פון גייסט — האָט ער אַלץ פאַרענטפערט, נישט באַגרייפנדיק, אַז נאַטור, וואָס פונקציאָנירט אָן שכל און אַ מעכאַניזם, וואָס אָפּערירט אָן גייסט, איז אפשר נאָך אַ גרעסער וווּנדער און רעטעניש, ווי נאַטור מיט שכל און באַוווסטזיין און מעכאַניזם, וואָס ווערט באַוועגט דורך אַ גייסטיקער קראַפט...

אַזוי איז אויך לאַגישער אָנצונעמען, אַז דער ווילן, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין דעם וועלט־געשען, איז נישט קיין בלינדער לעבנס־ווילן, ווי שאָפּענהויער האָט געדרונגען, נאָר ווי עס האָט (אין 11טן יאָרהונדערט) געלערנט שלמה בן גבירול (אין זיין „מקור חיים") — אַגבֿ דער ערשטער פילאָסאָף, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דעם עלעמענט ווילן ווי די דאָמינירנדיקע טרייב־קראַפט פון דער עקסיסטענץ, אַ ווילן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געטלעכן שכל 14). שוין דער

14) אין העברעיש זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע פּרקים פון שלמה איבן גבירולס הויפּט־ווערק „מקור חיים". דער אַראַבישער אָריגינאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען. עס איז אָבער פאַרבליבן אַ פולע לאַטייניש איבערזעצונג פון דעם ווערק Fons Vita. שאָפּענ־הויער איז קענטיק באַאיינפלוסט געוואָרן פון בן גבירולס ווילן־פילאָסאָפיע.

באַגריף ווילן שליסט אויס בלינדקייט. ווילן, דראַנג, אינסטינקט, אָדער ווי מיר זאָלן דאָס נישט רופן — דאָס איז אַלץ ציל־באַוווסטקייט, ווי דער אינסטינקט פון הונגער, סעקס, געפאַר, אַ פשיטאַ שוין אין די העכערע סטאַדיעס פון ווילן, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין אונדזער שטרעבונג צו דערקענטעניש, דורך רעליגיע, פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, אַלצאיינס צי מיר קענען דערגרייכן דעם ציל וווהין דער ווילן טרייבט אונדז, אָדער נישט.

דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז סקעפּטיקער (פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס) האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף אַבסורד און ווידערשפּרוך. אַז נישט נאָר די פאָרמאַליסטישע רעליגיע איז פול מיט זיי, נאָר אַז אויך די פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט זענען ווייט נישט פריי פון זיי, איז דאָ נישט איינמאָל אָנגעוויזן געוואָרן. אַזאַ אַבסורד איז אויך משה מענדעלסאָנס דעקלאַראַציע (אין „מאָרגנשטונדען”), אַז אויב מיר זענען נישט אומשטאַרבלעך, האָבן אונדזערע מעשים אויף דער וועלט קיין שום ווערט נישט... אַזאַ אויספיר, וואָס מיר הערן אים אויך פון אַ סך אַנדערע דענקער, וואָלט געהאַט אַ זין וויבאַלד עס וואָלט געווען וועלכע עס איז מעגלעכקייט פאַר אונדז צו וויסן וואָס דער זין פון באַשאַף איז. די ריינע לאָגיק זאָגט אונדז אונטער, אַז דער באַשאַף מוז האָבן אַ זין, אַ צוועק, אַ תכלית. ווען מיר דערבליקן ערגעץ אַ שטיבל, ווייסן מיר, אַז דאָס שטיבל האָט אַ פּלאַן און אַ צוועק. מען האָט דאָס שטיבל געבויט לויט אַ פריִער־אויסגעאַרבעטן פּלאַן; און אַז מען האָט פּלאַנירט און געבויט, איז עס פאַר אַ באַשטימטן צוועק — מענטשן זאָלן דאָרט וווינען.

איז אויב אַ שטיבל, צי דאָס מינדסטע רעדעלע, אָדער שרייפעלע ווערט געשאַפן לויט אַ פּלאַן און מיט אַ צוועק, איז עס פשוט אומלאָגיש זיך פאָרצושטעלן, אַז דער גאַנצער אוניווערס מיט די מילי־מיליאַסן נעבולאַס און גאַלאַקסיס, אָנגעפיקעוועט מיט פּלאַנעטן און שטערן, זאָל האָבן געשאַפן געוואָרן אָן אַ פּלאַן און אָן אַ ציל; אַז דאָס אַלץ זאָל נישט האָבן קיין זין. און אויב מיר, קליינע באַשעפענישן, דענקען, פּלאַנירן, פילאָסאָפירן, איז עס דאָך פשוט נאַריש אָנצונעמען, אַז דער כוח, וואָס האָט דאָס אַלץ געשאַפן, דער כוח, וואָס פירט און רעגולירט דאָס אַלץ, איז אַן אויטאָמאַט, אַ מעכאַניזם, אָן געדאַנקען, אָן אַן אידייע.

מיר קענען אָבער נישט וויסן וואָס דער פּלאַן איז, וואָס דער זין איז, וואָס דער צוועק פון דעם אַלץ איז. איז אויב מיר קענען נישט וויסן דעם זין פון דעם גאַנצן באַשאַף, ווי קענען מיר וויסן, צי אונדזערע מעשים האָבן אונטער אַזוינע־און־אַזוינע אומשטענדן יאָ אַ זין און אונטער אַנדערע אומשטענדן — נישט קיין זין? אויב דאָס אַלץ האָט אַ זין, דאַן מוז דאָך בפירוש אַלץ האָבן אַ זין, די דעטאַלן, ווי דאָס גאַנצע, די באַזונדערע ציפערן, ווי דער סך־הכל. דער

גרויסער פיזיאָ־מאַטעמאַטיקער, עדינגטאָן, האַלט, אַז דער באַשאַף ווערט רעגירט פון אַ מאַטעמאַטישן פאַרשטאַנד. אין חשבון איז יעדער ציפער אַ גלייכער יחסן — קען דעריבער זיין, אַז איך און איר, ציפערן צווישן ציפערן, זענען גאָרנישט אַזוי אומוויכטיק, ווי אונדז קאָן זיך דאַכטן...

אוודאי איז עס אויך אמת, אַז דער באַשאַף, ווי ער דערשיינט פאַר אונדז, באַרעכטיקט פעסימיזם. אויב מיר האַלטן, אַז דאָס, וואָס מיר ווייסן נישט, עקסיס־טירט נישט פאַר אונדז, קענען מיר זאָגן, אַז די עקסיסטענץ איז זינלאָז, הבל־הבלים; מיר קענען אויך באַשליסן, אַז אויב דער באַשאַף האָט אַ צוועק, איז דער צוועק אַ בייזער, אַ שלעכטער, מחמת פאַר אונדז דערשיינט די אָרדענונג פון דער וועלט ווי אַ רשעותדיקע, ווי אַ גרויזאַמע קאָסמישע דיקטאַטור, וואָס באַהאַלט איר כוונה און רעכנט זיך נישט מיט אונדזער ווילן און ווילזיין און האָט נישט קיין שום איינזעעניש מיט אונדזערע מאַטערנישן און טראַגעדיעס; פאַר אונדזערע אויגן שפּילט זיך אָפּ אַן אימהדיק ספּעקטאַקל פון קראַנקייט און טויט, פון אַן אומגערעכטיקייט, וואָס דערנידעריקט, באַליידיקט און פאַרצערט די גוטע און דערהייבט די שלעכטע; אין דער לופט, אין די וואַסערן און אויף דער יבשה הערשט אייביקע רציחה, ווו די שטאַרקערע פאַרצוקן די שוואַכערע — און מיט שוידער און פאַרצווייפלונג פרעגט זיך: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט די געטלעכע חכמה נישט באַשאַפן אַן אָרדענונג ווו אַלע זענען באַזאָרגט מיט זייערע באַדערפעניש, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן רויבן און מאָרדן? נאָך וואָס געבורט, אויב דער גורל פון קראַנקייט, פאַרוועלקונג און טויט זענען פאָרויס אָנגעגרייט?

אויב אָבער מיר נעמען אָן, אַז הגם מיר קענען נישט, מחמת אונדזער ניש־טיקייט און באַשרענקטקייט, משיג זיין דעם זין פון באַשאַף, באַגרייפן מיר, אַז נישט נאָר מוז דער באַשאַף האָבן אַ זין, נאָר אַז אויב אַלץ האָט אַ זין, מוזן אויך אונדזערעליידן האָבן אַ זין — פאַרלאָזן מיר זיך דעמאָלט אויף גאָט, אָדער אויפן וועלט־שכל, אַז אַלץ, וואָס עס פּאַסירט מיט אונדז און אַרום אונדז, פירט ערגעץ, ווו אַלע חשבונות ווערן אויסגעגלייכט...

ביידע שטאַנדפּונקטן, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט שוין טויזנטער יאָרן, זענען לאָגיש באַרעכטיקט. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָבן מיר סיי־ווי קיין ברירה נישט. מיר זענען נישט אין דער לאַגע צו שטעלן באַדינגונגען — סיי מחמת דעם, וואָס מיר ווייסן נישט וועמען זיי צו שטעלן, וווהין זיי וועלן גרייכן, אויב זיי וועלן כלל ערגעץ גרייכן; סיי מחמת דעם, וואָס אין קיין שום פאַל, צי אונ־דזערע טענות דערגייען ערגעץ, אָדער נישט, וועלן מיר קיין ענטפער נישט קריגן. נישט מען פרעגט אונדז, נישט מען דיסקוטירט מיט אונדז... היינריך היינע האָט זיך געחכמהט וועגן השארת־הנפש, אַז דער רבונו־של־עולם האַלט

פון אונדז בסוד די אומשטא̇רבלעכקייט פון אונדזער נשמה, כדי מיר זא̇לן נא̇כן טויט הא̇בן א̇ סורפריז... אפשר זענען פּא̇ר אונדז א̇נגעגרייט אויך א̇נדערע סור־פריזן אין שייכות צו א̇נדערע וועלט־סודות — ערגעץ אין דער צוקונפט, א̇דער אין א̇ן א̇נדער וועלט... מיר מעסטן א̇לץ מיט צייט, א̇בער אין דער אייביקייט איז נישטא̇ אונדזער צייט־עלעמענט. די אייביקייט הא̇ט געגוג צייט און רעכנט זיך נישט מיט אונדזער אומגעדולד אויף דער ערד. זא̇גט דא̇ך מענדעלסא̇ן א̇ליין, אין דעם אייגענעם זא̇ץ, ווו ער דעקלא̇רירט, א̇ז א̇ן אומשטא̇רבלעכקייט הא̇בן אונדזערע מעשים קיין בא̇טרעף נישט, א̇ז אויב מיר וואָלטן זיכער געווען מיט עולם־הבא, וואָלטן מיר ווי חיות בלויז געזוכט שפּייז און ממש זיך געאיילט וואָס שנעלער צו שטא̇רבן און א̇ריבערגיין אין דער אייביקייט — דא̇ס הייסט, א̇ז אונדז וואָלט זיך פשוט נישט געלוינט זיך דא̇ צו מ׳ען, צו בויען, שא̇פן, פא̇ר־פעסטיקן. א̇ שיין פנים וואָלט אונדזער וועלט געהא̇ט!... עס וואָלט, הייסט עס, א̇ סך ערגער געווען ווי נישט־וויסן, ווי נישט־זיכער זיין מיט השארת־הנפש...

זעען מיר דא̇ך א̇בער, א̇ז סיי רעליגיעזע מאמינים, וואָס זענען איבערצייגט אין השארת־הנפש, אין עולם־הבא, סיי די אומגלוביקע — עפּיקורעער, מא̇טע־ריא̇ליסטן, א̇טעאיסטן — וואָס פא̇ר זיי איז עולם־הבא א̇ בבא־מעשה, זענען גלייך צוגעבונדן צו עולם־הזה, יעדער לויט זיינע בא̇גריפן און לויט זיין גע־שמא̇ק. ביידע פא̇רווא̇רצלען זיך; ביידע הא̇ווען, שא̇פן און בויען אינסטיטוציעס, די ערשטע — רעליגיעזע; די צווייטע — וועלטלעכע; ביידע צדדים זא̇רגן זיך כסדר פא̇ר קיום, פא̇ר המשך — אויף דער זינדיקער ערד... ביידע בא̇טרא̇כטן א̇ריכת ימים פא̇ר דער גרעסטער ברכה און ביידע פילן פחד פא̇רן אומפא̇רמייד־לעכן סוף, פא̇רן געדא̇נק פון אויפהערן, א̇ געדא̇נק, וואָס ווערט צודרינגלעכער אין גא̇נג פון די יא̇רן, א̇ געדא̇נק, וואָס הא̇ט נישט איין א̇פּיקורס געטריבן אויף דער עלטער — צוריק צו רעליגיע...

VI

די צא̇ל מענטשן, וואָס הא̇בן שלום געמא̇כט מיטן געדא̇נק פון טויט, איז זייער א̇ קליינע. לעבן וואָלט אוממעגלעך געווען א̇ן דעם כסדרדיקן צופּא̇סן זיך צו דער סביבה, צו ענדערונגען, פיזישע, קלימא̇טישע און געא̇גרא̇פישע, ווי גייסטיקע. אויב מען וואָלט די נשמות פא̇ר זייער געבורט געשילדערט דעם שווערן לעבנסוועג, אויף וועלכן מענטשן דא̇רפן גיין אין פא̇רלויף פון זייער עקסיסטענץ, די יסורים, רא̇נגלענישן, א̇נטוישונגען, קרא̇נקייטן — דורכגע־שפּרינקלט דא̇ און דא̇רט מיט א̇ ביסל הנאה — און ענדלעכן טויט, וואָלטן זיך מסתמא געפּונען זייער ווייניק מוטיקע — א̇דער נייגעריקע — בעלנים אויף

דערדאַזיקער נסיעה. אָבער ווי נאָר דער מענטש ווערט געבוירן, גראָבט ער זיך איין מיט ציין און נעגל אין לעבן, אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען, אַפילו ווען זיין עקסיסטענץ איז אַ גיהנומדיקע. יענער, וואָס איז גובר דעם לעבנס־אינסטינקט און רייסט זיך אַרויס פון לעבנס־לאַפּעס דורך אַן אַקט, וואָס זעט אין פלוג אויס פרייוויליק, אָבער וואָס איז בתוך מסתמא פּונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך ווי „נאַטירלעכער טויט", ווערט באַטראַכט פאַר אַ פּחדן, אָדער אַ נאַר, וואָס פאַרדינט פאַראַכטונג...

די אמתע פּחדנות איז סוף־כל־סוף די מורא צו טראַכטן און איבערטראַכטן וועגן זאַכן, וואָס קומען פאַר אומאָנגענעם. דער דערוואַקסענער איז אין דעם פּרט ווי אַ קינד, וואָס בריקעט דאָס בענקל, איבער וועלכן ס'איז געפאַלן און זיך צעקלאַפּט. ער שרעקט זיך צו דערטראַכטן אַ געדאַנק ביז זיין לאָגישן סוף, ווי דאָס אויסמיידן צו מעדיטירן וועגן אַזאַ סוף, וואָלט באַזייטיקט דעם סוף... זיין גרעסטער ווונטש איז אריכת ימים, אָבער ער טראַכט דערפון אין טערמינען פון זיינע יינגערע טעג און ער פאַרגרייט זיך אויף דער עלטער מיט אַזויפיל מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן, וויפל דאָס איז אים מעגלעך, אָבער נישט גע־דאַנקלעך, גייסטיק. פּסיכאָלאָגיש באַגעגנט ער זיך מיט דער עלטער אַ נישט־צוגעגרייטער, אַן איבעררעשטער, ווי עלטער וואָלט געווען עפּעס אַ נייע, אומ־געריכטע דערשיינונג. דערפאַר ווערט די עלטער, וועלכע ער האָט זיך געווונטשן צו דערלעבן, אַ קללה, אַנשטאָט אַ ברכה, אַן אָפּקומעניש, נישט געקוקט אויף מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן. ער ווערט אַ לאַסט פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע. אַנשטאָט גייסטיקע מנוחה, וואָס די עלטער דאַרף ענדלעך ברענגען, ברענגט זי אים צוטומלעניש, קנאה — און אַפילו שנאה — צו די יינגערע; פאַרביטערונג און אַ נאָסטאַלגיע צו די יינגערע יאָרן, וואָס דאָס ברענגט אַ רגע אויפמונטערונג אין שווערע שעהן און טעג פון דערשלאָגנקייט.

דער מענטש ווייסט, אַז די עלטער איז די לעצטע סטאַנציע פון דער קורצער לעבנסרייזע; אַז דאָ ענדיקט זיך דער וועג, און אַז פון דאַנען פירט שוין דער וועג אַהין, צום מיסטעריעזן לאַנד, פון וועלכן ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן. די עלטער פאַרלויפט אַזוי אין געדיכטן שאָטן פון טויט און אַפילו איצט — אין אפשר דווקא איצט — איז דעם מענטשנס פּחד נאָך גרעסער פאַרן געדאַנק פון טויט, וואָס שניידט זיך אַריין אין זיין נשמה, ווי אַ חלף. דערדאַזיקער געדאַנק, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן געטריבן פון זיך, אַנשטאָט זיך מיט אים צו באַקע־נען און דערקענען, טרעט איצט פון אים נישט אָפּ און אָטעמט אויף אים מיט דער אימה פון דעם אומבאַקאַנטן. דער פּחד פאַרן טויט איז ערגער ווי דער טויט גופא — ניין, עס איז גאַרנישט שייך צו זאָגן „ערגער", מחמת דער טויט

קען אין קיין פאַל נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט וועלכע־ס׳איז יסורים, אַלצאיינס צי דער טויט איז טאַקע דער סוף, אייביקער שלאָף אָן חלומות; אָדער אַ נייער אָנהייב — אָן אומשטאַרבלעכקייט אין קאָסמישער אויפלייזונג, ווי אין נירוואַנאַ און ווי מעטערלינק און אַנדערע דיכטער און דענקער דרינגען; צי אַ המשך פון אונדזער איצטיקער אינדיווידואַליטעט.

פאַר דער ערשטער מעגלעכקייט (וואָס וועדליק דעם ווונטש און האָפענונג פון דעם, וואָס שרייבט דידאַזיקע שורות, וואָלט דאָס געווען דער בעסטער אויסוועג), איז דאָך נישט שייך מורא צו האָבן, ווי מיר האָבן נישט קיין מורא זיך צו לייגן שלאָפן, נאָך דער קאָלירפולער, אָבער יסורימדיקער און אַנטוישנדיקער אַדווענטור פון לעבן; פאַר דער צווייטער מעגלעכקייט — קאָנטינויִטעט אָן אונדזער איך־באַוווסטזיין — איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך, ווי באַלד אונדזער עגאָ ווערט פאַרשווונדן צוזאַמען מיטן גוף און אונדזער גייסטיקער יש בלייבט לעבן ווי אַ חלק פון דעם קאָסמישן באַוווסטזיין; פאַר דער דריטער מעגלעכקייט — המשך פון אונדזער „איך“, פון אונדזער איצטיקער אינדיווידואַליטעט — דאַרפן דאָך די מיינסטע מענטשן, וואָס אַזאַ השארת־הנפש באַטראַכטן זיי פאַר דעם העכסטן גליק, זיך אַוודאי און אַוודאי נישט שרעקן, נאָר, אדרבא, דאָס אויפנעמען מיט פרייד...

איבעריק צו זאָגן, אַז דאָ קען קיין רייד נישט זיין פון גאַראַנטיע, אָדער פון אויסוואַל צווישן די דריי מעגלעכקייטן. עס בלייבט איבער פאַר יעדן איינעם נאָכצוטראַכטן, אַנאַליזירן, פילאָסאָפיש, וויסנשאַפטלעך, לאָגיש — וועלכע מעג־לעכקייט איז די מעגלעכסטע... דער מחבר פון דערדאָזיקער אָפּהאַנדלונג וואָלט זיך געפילט, ווי עס איז שוין פריִער אָנגעדייט געוואָרן, רויִקער און גליקלעכער פון דער זיכערקייט אין דער ערשטער מעגלעכקייט, דאָס הייסט: טאָטאַלע דעסט־רוקציע, וואָס וועדליק דענקערס און וויסנשאַפטסלייט — פון דעמאָקריטן ביז לאַדזשן און מעטערלינקן — איז אַזוינס נישט מעגלעך אין דעם הערמעטיש־געשלאָסענעם אוניווערס, ווו אַפילו אַ ציטער פון אונדזערע נערוון פאַרבלייבט אין דער אייביקייט אַריין.

אָבער צו וואָס פאַר אַ באַשלוס איינער זאָל נישט קומען מכוח טויט, השארת־הנפש און דער פאָרם פון אומשטאַרבלעכקייט, איז דערדאָזיקער באַשלוס נאָטיר־לעך באַזירט אויף אונדזערע השגות ביים לעבן, דעריין דער ווונטש פון דעם פעסימיסט, אַז דער טויט זאָל טאַקע זיין טויט, פולשטענדיק אויפהערן — וואָרן עס קען דאָך זיין, אויב מיר אַקצעפטירן דעם געדאַנק פון המשך אויף יענער זייט קבר, אַז די עקסיסטענץ „דאָרט“ זאָל גאָר אַן אַנדער פנים און אַן אַנדער

טעם האָבן, ווי דאָס ערדישע זיך לויט וועלכן דער פּעסימיסט משפּט עקסיס־טענץ בכלל...

און וואָס לערנען אונדז די ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן, יענע, וואָס אויף זיי זאָגן עדות וויסנשאַפטסלייט און זענען נאָכקאָנטראָלירט געוואָרן דורך דער „געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג״? אויך דאָ דאַרף יעדער איינער ציִען זיינע אייגענע שלוסן, לויט זיין שכל־הישר, נאָכדענקען, אַנאַליזירן די פאַקטן, די עדות, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך. אַפילו אויב דער געדאַנק איז נישט ביכלות צו דערפירן אונדז צו אַ זיכערן ברעג, איז דאָס דענקען אַליין אַ וווּנדער־לעכע איבערלעבונג, אַ געניוס, וואָס אַ גרויסער, אויב נישט דער גרעסטער, טייל פון דער מענטשהייט, האָט פאַרנאַכלאַזיקט אין געווירבל פון טאָג־טעגלעכע דאגות און אין נישטיקע צייט־פאַרטרייבן, וואָס זענען אויסגערעכנט אויף „הרגע־נען צייט״, „טו קיל טיים״, ווי דער ענגלישער אויסדרוק גייט — אַזאַ מאָדנער פּאַראַדאָקס פאַרן מענטש, וואָס קלאָגט זיך כסדר, אַז די צייט איז אַזוי קורץ, אַזוי קורץ...

מיר ווייסן שוין וועגן דעם אומגעהייערן כוח, פּאַקטישן און פּאָטענציעלן, פון אונדזער געדאַנק, וואָס ער קען בפועל־ממש, ווערליק דער עווידענץ פון אַנגעזעענע פּסיכאָלאָגן, טראַנספאָרמירן אונדזער פּערזענלעכקייט — אַפילו ווען דער געדאַנק ליגט אין אונדזער אונטערבאַוווּסטזיין, אַ פּשיטא שוין, ווען מיר באַפרייען אים און ער ווערט אַ באַוווּסטזיניקע קראַפט אין אונדזער לעבן און שטרעבן. דער געדאַנק, קאָנצענטרירט אויפן אומפאַרמיידלעכן, וואָס וואַרט אויף אונדז און אָריענטירט אויפן באַשלוס שלום צו מאַכן מיטן טויט, אַנשטאָט קינדיש צו באַהאַלטן זיך פון עפּעס, וואָס מיר קענען בשום אופן נישט אויסמיידן, וועט אונדז ברענגען יענע גייסטיקע מנוחה, נאָך וועלכער אונדזער וועזן לעכצט; מיר וועלן דורכן געדאַנק — דורך נאָכדענקען, מעדיטירן — זיך באַפרייען פון דער ערגסטער זעלבסט־פּייניקונג און פון דעם פּחד, וואָס פאַרשטערט אונדז אומ־זיסט און אומנישט אונדזער לעבן און גאָר באַזונדערס די לעצטע יאָרן פון דער ערדישער אַדווענטור. מיר וועלן אינערלעך גרייט זיין פאַר דעם לעצטן מאָמענט, ווי מיר זענען גרייט צום שלאָף נאָך אַ טאָג האָרעוואַניש, אָפּגעזען דערפון, וואָס מיר דערוואַרטן, אָדער דערוואַרטן נישט, אין דעם לאַנד פון אייביקייט.

*

ווי אַ ביישפּיל פון גייסטיקער מנוחה — פון פילאָסאָפישער רו — אין די לעצטע מאָמענטן פון לעבן איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ שילדערונג פון סאָקראַטס אויפפיר אין פּנים פון טויט, ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט אין פּלאַטאָנס דיאַלאָגן

— אין „קריטאָ״ און „פעדאָן״, די רייד פון דעם חכם ערב זיין אָפּשייד פון דער ערד, אַלציינס צי זיי זענען סאָקראַטס, צי פּלאַטאָנס און נישט געקוקט אויף זייער סאָפיסטישער לאָגיק, זענען אַ ווונדערלעכע צוואה צו אַלע יענע, וואָס זוכן אַ טרייסט — און אַ זין — אין זייער ערדיש זיין און נישט־זיין.

דער איבער 70־יעריקער סאָקראַטעס זיצט אין טויטן־קאַמער פון דער תפיסה, אַ פאַרמשפּטער צו שטאַרבן, דורך אויסטרינקען אַ בעכער סם — פאַר „אַראָפּפירן די יוגנט פון דרך־הישר״... אין תפיסה־צעל קומט אַריין זיין פריינד קריטאָ. ער דערציילט דעם אַלטן חכם, אַז זיינע פריינד האָבן אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג אים צו באַפרייען פון תפיסה, אַלץ איז גוט צוגעגרייט. מען וועט אים מיט אַ שיף אַוועקפירן אין אַ זיכער אָרט.

סאָקראַטעס וויל דערפון נישט הערן. עס וועט זיין פּחדנות. ער גיט אָן אויך אַנדערע — „געזעצלעכע״ — מאָטיוון. אָבער דער עיקר: ער האַלט נישט פון אַנטלויפן פון זיין גורל, פון טויט. און דאָ פאַרפירט זיך דער מערקווירדיקסטער איבערשמועס צווישן אַ צום טויט־פאַרמשפּטן — פריער מיט קריטאָן, דערנאָך אין סאַמע טאָג פון טויט — מיט פעדאָן, אַפּלאָדאָרוס, סומיאַס, קעבעס און קריטאָ, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים.

— איך וויל דיר באַווייזן, — זאָגט סאָקראַטעס צו קריטאָן, ווען יענער זאָגט אים וועגן דער פאַרשווערונג, — אַז דער אמתער חכם האָט אַן אורזאַך צו זיין אין אַ גוטער שטימונג ערב זיין טויט — און אַז ער האָפט נאָכן טויט צו דערגרייכן דאָס גרעסטע גליק אין דער אַנדערער וועלט... דער וואָרער נאָכפאָלגער פון חכמה קען גריילעך מיספאַרשטאַנען ווערן פון אַנדערע מענטשן; זיי באַגרייפן נישט, אַז ער איז כסדר אין געזוך פון טויט און שטאַרבן; און אויב דאָס איז אַזוי, און אין אים לעבט דער ווונטש פון טויט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן, פאַרוואָס זאָל ער — ווען די צייט קומט — זיך באַקלאָגן אויף דעם, וואָס ער האָט אַלע מאָל געזוכט און געווונטשן 15).

עס איז אונדז באַוויזן געוואָרן דורך דערפאַרונג, אַז כדי צו דערוועררבן וויסן פון וואָס נישט איז, מוזן מיר זיך אָפּטיילן פון גוף. די נשמה אַליין מוז אויפנעמען זאַכן ווי זיי זענען אין זיך גופא. און דעמאָלט וועלן מיר דערגרייכן די חכמה, צו וועלכער מיר שטרעבן און אין וועלכער מיר זענען, ווי מיר זאָגן, פאַרליבט — נישט בשעת מיר לעבן, נאָר נאָכן טויט 16). כל־זמן מיר זענען אין

15) פאַרגלייכט מיט ספּינאָזאָס באַהויפּטונג, אַז דער פרייער מענטש טראַכט נישט וועגן טויט און אַז זיין חכמה באַשטייט אין מעדיטירן וועגן לעבן...

דער געזעלשאַפט פון קערפּער, קען די נשמה נישט האָבן קיין געלייטערט וויסן. מיר דרינגען דערפון איינס פון די צוויי: אָדער וויסן איז כלל נישט דערגרייכלעך, אָדער — אויב יאָ — איז עס נאָכן טויט...

ווען זיין פריינד סימיאַס דריקט־אויס הסכמה, רופט סאָקראַטעס אויס:

— אָבער, אָ, מיין פריינד, אויב דאָס איז אמת, איז דאָ אַ גוטע סיבה צו האָפן, אַז גייענדיק אַהין ווו איך גיי — ווען איך קום צום סוף פון מיין נסיעה — וועל איך דערוווערבן דאָס, וואָס עס איז געווען דער ציל פון מיין לעבן. און דערפאַר גיי איך מיין גאַנג מיט פרייד — און נישט בלויז איך, נאָר יעדער מענטש, וואָס גלייבט, אַז זיין מחשבה איז גרייט און איז — בכל אופן — געלייטערט.

שפּעטער, אין דער סאַמע שעה פון טויט, איידער דער כוס מיט סם ווערט אים דערלאַנגט, לאָזט זיך סאָקראַטעס אַריין אין אַן אַנאַליז פון היפּוכים, פון קעגנזאַצן, כדי צו באַווייזן, אַז דער טויט וואַקסט אַרויס פון לעבן און דאָס לעבן — פון טויט...

— זענען נישט אַלע זאַכן, וואָס באַזיצן קעגנזאַצן, אַן אַרויסקום פון זייערע קעגנזאַצן? איך מיין אַזעלכע זאַכן ווי גוטס און שלעכטס, רעכט און אומרעכט — און עס זענען דאָ אומצאָליקע אַנדערע היפּוכים, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון — היפּוכים. און איך וויל ווייזן, אַז אין אַלע קעגנזאַצן זענען דאָ ענלעכע אַלטערנאַטן — איך מיין צו זאָגן, צום ביישפּיל, אַז יעדע זאַך, וואָס ווערט גרע־סער, מוז ווערן גרעסער פון זיין ווייניקער.

— און דאָס, וואָס ווערט ווינציקער, מוז האָבן פריִער געווען גרעסער און דערנאָך געוואָרן קלענער.

— און דאָס שוואַכע וואַקסט אַרויס פון שטאַרקערן און דאָס שנעלע פון דעם פּאַמעלעכן; און דאָס ערגערע פון בעסערן און מער גערעכטיקייט — פון מער אומגערעכטיקייט.

— און זענען נישטאָ אין דערדאָזיקער אוניווערסאַלער היפּוכדיקייט פון אַלע זאַכן, אויך צוויי צווישן־פּראָצעסן, וואָס גייען כסדר איבער פון איין קעגנזאַץ אין אַן אַנדער קעגנזאַץ — און ווידער צוריק? ווו עס איז דאָ אַ גרעסער און אַ קלענער, איז אויך דאָ אַ צווישן־פּראָצעס פון פאַרגרעסערונג און פאַרמינערונג?

— יאָ, — איז מסכים זיין פריינד.

---

16) דאָס מיינט, אַז ביים לעבן, ווען מיר ווילן דערוווערבן וויסן, מוזן מיר געדאַנק־לעך זיך אָפּטיילן פון גוף, וועלכער איז אַרייַנגעטון אין גשמיותדיקע אינטערעסן און הנאות. דאָס העכסטע — געלייטערטע — וויסן קען דעריבער דערגרייכט ווערן נאָכן טויט, ווען די נשמה איז אינגאַנצן פריי פון גוף. — א. אַל.

— און עס זענען דאָ אַ סך אַנדערע פּראָצעסן. למשל: צעטיילונג און באַ־העפטונג, אָפּקילונג און דערהיצונג. וואָס דאָס מיינט אַן אַרייַן אין און אַרויס פון איינער דעם אַנדערן. און דאָס איז נאַטירלעך אַזוי מיט אַלע היפּוכים?

— זייער ריכטיק! — זאָגט זיין פריינד.

— נו, איז נישטאָ אַ קעגנזאַץ צום לעבן, ווי שלאָף איז דער היפּוך פון וואַך־זיין?

— ריכטיק!

— און וואָס איז דאָס?

— דער טויט! — ענטפערט דער פריינד.

— און זיי — אויב זיי זענען היפּוכים, — וואַקסן דאַך אַרויס איינער פון אַנדערן און זיי האָבן זייערע צווישן־פּראָצעסן אויך?

— זיכער!

— איצט וועל איך אַנאַליזירן איינעם פון די צוויי היפּוכים־פּאָרן און אויך די צווישן־פּראָצעסן און דו זאָלסט מיר דאַן אַנאַליזירן די אַנדערע. איינעם פון זיי רוף איך „שלאָף". און דער פּראָצעס פון אַרויסוואוקס איז אין איין פאַל — דאָס איינשלאָפן און אין אַנדערן פאַל — דאָס אויפוואַכן. ביסטו מסכים?

— איך בין פולשטענדיק מסכים.

— נו, לאָמיר זען ווי דו וועסט פאַר מיר אַנאַליזירן לעבן און טויט אויף דעמזעלביקן שטייגער. איז נישט דער טויט דער היפּוך פון לעבן?

— יאָ.

— וואָס וואַקסט אַרויס פון לעבן?

— דער טויט.

— און וואָס וואַקסט אַרויס פון טויט?

— איך קען בלויז ענטפערן — דאָס לעבן!

— דאַן... דאָס לעבן — אַלציינס צי פון זאַכן, אָדער פון מענטשן — וואַקסט אַרויס פון טויט?

— דאָס איז קלאָר.

אָט אַזוי ציט זיך דער געמיטלעכער פילאָסאָפישער איבערשמועס צווישן סאָקראַטעסן און זיינע פריינד, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אין אַ פריינטלעכער היים, אָדער אין דער אַקאַדעמיע, נישט אין אַ תפיסה־צעל, אין פנים פון באַלדיקן

טויט. אַפילו ווען דער תפיסה־אויפזעער ברענגט אַריין דעם כוס מיט סם, ווערט דער שמועס נישט איבערגעריסן. ערשט ווען דער פאַרמשפטער נעמט טרינקען דעם סם, קענען זיינע פריינד מער נישט צוריקהאַלטן זייער געוויין. סאָקראַטעס, דער איינציקער רויִקער צווישן זיי, מוסרט זיי.

און אַזוי, אַ רויִקער, אַ פרידלעכער, האָט סאָקראַטעס — ווי פלאַטאָן שילדערט עס — פאַרענדיקט זיין „ערדישע נסיעה״, אַ ביישפיל פאַר זיינע פריינט — און דורך זיי פאַר אַלעמען — ווי אַ חכם דאַרף שטאַרבן, אָן שרעק, אָן באַדויער און אָן אַ ציטער פון דער ברעם.

מאַרקס און זיין תורה

...„חוץ דעם בין איך פאַראינטערעסירט, אַז איצט, אין אונדזער איצטיקער צייט, זאָל מאַרקסעס פּרעסטיזש און השפעה נישט פאַרמינערט ווערן און זיינע אידייען זאָלן נישט גראָטעסק פאַלש אויסגעטייטשט ווערן. מיר לעבן אין אַ צייט פון מוראדיק־גרויסע קלאַסן־קאַמפן און נאַציאָנאַלע און אידעאָלאָגישע אַנטאַגאָניזמען. עס וואָלט נישט געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די מענטשלעכע וועלט שטייט אויפן ראַנד פון אַ שרעקלעכן תהום, און אין אומפאַרזיכטיקער טראָט קען זי אַהין אַריינשלעפן".

מיט דער דאָזיקער וואָרענונג פאַרענדיקט ד״ר ד. גלאָבוס דאָס ערשטע פון זיינע צוויי אַרטיקלען אין „טאָג" (14טער און 21טער יולי, 1946), וואָס זענען אַן ענטפער אויף מיין קריטיק פון מאַרקסיזם — אַ קריטיק, וואָס איך האָב זיך צו איר כסדר אומגעקערט אין משך פון איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר; אָבער קאָלעגע גלאָבוס איז דער עיקר פאַראינטערעסירט אין מיינע לעצטע אַרויסטריטן (אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע"), איבערהויפּט אין יענע, ווו איך לייקן אָפּ זיין, ד״ר גלאָבוסעס, באַהויפּטונג, אַז קאַרל מאַרקס האָט ממש אַלץ פאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט: „די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, די כסדר־וואַקסנדיקע קריזיסן, דעם אונטערערדישן דונער" אאַז״וו.

אָבער מיט דעם, ווי מיט אַנדערע פּונקטן אין שייכות צום מאַרקסיזם, וועל איך זיך שפּעטער פאַרנעמען. קודם וויל איך דאָ זיך אָפּשטעלן אויף ד״ר גלאָבוסעס נאָר־וואָס ציטירטער וואָרענונג, אַז אין דער איצטיקער קריטישער צייט איז ער — און מסתמא אַ סך, אויב נישט אַלע אַנדערע, מאַרקסיסטן — פאַראינטערעסירט, אַז מאַרקסעס פּרעסטיזש און השפעה זאָלן נישט פאַרמינערט ווערן און זיינע אידייען זאָלן נישט גראָטעסק־פאַלש אויסגעטייטשט ווערן. צו זאָגן אַזוינס איצט, אין 1946, נאָך אַלע אונדזערע שוידערלעכע דערפאַרונגען מיטן

מאַרקסיזם אין משך פון — און צווישן — די צוויי וועלט־מלחמות — דאַרף מען באמת באַזיצן די אומשולד פון אַ חוני־המעגל, וואָס איז אָפּגעשלאָפן פון 1914 ביז 1946 און ווייסט לחלוטין גאָרנישט וואָס אויף דער וועלט האָט פּאַסירט אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר...

לויט דער וואָרענונג פון דעם חשובן ד״ר גלאָבוס קען אויסקומען, אַז אין די אַלע יאָרן איז דער מאַרקסיזם געשטאַנען אַן אַ זייט, זיך צוגעקוקט צו די קאַטאַסטראָפעס, צום בלוטיקן מבול, וואַרטנדיק ריין, ציכטיק און ליכטיק און אומשולדיק אויפן מאָמענט, ווען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, דער מעכאַ־ניסטישער, אָדער דער דיאַלעקטישער (וואָס דער אונטערשייד צווישן זיי איז סוף־כל־סוף אַזאַ ווי צווישן אַ מיל, געטריבן פון ווינט און אַ מיל, געטריבן פון דאַמף), וועט די וועלט אַריינוואַרפן צו אים, דעם מאַרקסיזם, אין די הענט אַריין, און דעמאָלט וועט זיך אָנהייבן דאָס גן־עדן אויף דער ערד, אַ וועלט פון אַ קלאַסנ־לאָזער, פרידלעכער מענטשהייט, ווען די הערשנדיקע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער — און קיין אַנדער קלאַס וועט דאַך נישט זיין — וועלן זיך האַלטן אין איין קושן אין די פּיסקלעך און ממש אויסגיין פון ליבשאַפט איינער צום אַנדערן

די צרה איז נאָר, וואָס ד״ר חוני־המעגל גלאָבוס ווייסט אַבסאָלוט נישט, ווי עס זעט אויס, אַז דער מאַרקסיזם איז אין די דרייסיק יאָר נישט געשטאַנען פאַרלייגט די הענט אין קימפּעט, נאָר דירעקט זיך באַטייליקט אין — און אויך דירעקטירט — די געשעענישן און צוגעפירט צום ראַנד פון דעם תהום, אַנטקעגן וועלכן ד״ר גלאָבוס וואָרנט; און אַז דער מאַרקסיזם שטייט פון קאָפּ ביז פיס איינגעטונקען אין בלוט, נישט נאָר אין קאַפּיטאַליסטישן, נאָר אויך — און טאַקע איבערהויפּט — אין פּראָלעטאַרישן. נישט די קריטיקער פון דעם מאַרקסיזם פאַרמינערן דעם פּרעסטיזש און השפעה פון מאַרקסן און זיינע אידייען — נאָר דער מאַרקסיזם אַליין האָט דאָס שוין געטון.

אַן אידייע, ווי אַ דערפינדונג אויף וועלכן עס איז וויסנשאַפטלעכן געביט, משפּט מען לויט איר פּראַקטישער אָנווענדונג. ווען אַ מעדיצין, וואָס דאַרף היילן, זאָל נאָך אַ ריי עקספּערימענטן זיך אַרויסווייזן פאַר נישט־ווירקזאַם, אַ פּשיטאַ שוין פאַר שעדלעך, וועט זי באַלד צוריקגעצויגן ווערן. ווען מען זאָל דעם מאַרק־סיזם משפּטן לויט די פּראַקטישע רעזולטאַטן, וואָס ער האָט דערגרייכט, ווו ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן, איז דאָס אַליין גענוג צו פאַר־משפּטן דעם מאַרקסיזם. מיר האָבן געזען ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געהאַנדלט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און בעת דער ווייסאַרער רעפּובליק, ווי זיי האָבן זיך געבוקט צו די פּרייסישע יונקערס, ווי די שיידעמאַנס און די נאָסקעס האָבן זיך געבאָדן אינעם בלום פון אַרבעטער, פון מאַרקסיסטן

פון לינקן חדר, און ווי די מאַרקסיסטן פון לינקס, די קאָמוניסטן, האָבן „געשפּילט באַל", ווי מען זאָגט עס אויף ענגליש, מיט די נאַציס. מיר האָבן אויך געזען ווי מאַרקסעס פאַנען־טרעגער אין ענגלאַנד, פּראָפ. ראַמזי מעקדאָנאַלד און סידני וועב (וואָס האָט שטאָלץ געטראָגן דעם טיטל „לאָרד פּאַסווילד", מחבר פון דעם ערשטן „ווייסבוך" וועגן ארץ־ישראל) און דאַן עטלי און בעווין פּירן זיך אויף — פּונקט אַזוי אימפּעריאַליסטיש און ברוטאַל, אויב נישט ברוטאַלער, לכל הפּחות אין שייכות צו יידן און ארץ־ישראל, ווי די טאָריס, נאָר אָן זייער דזשענטלמענישקייט.

דאָס איז וועגן די רעכטע מאַרקסיסטן. ווי די לינקע מאַרקסיסטן, די קאָמוניסטן, אונטער לענין און טראָצקי און זינט זיי אונטער סטאַלין, האָבן דורכגעפירט דעם מאַרקסיזם אין דער פּראַקטיק — דאָס ווייסן אויך אַלע, אויסער די מאָדערנע חוני־המעגלס. דאָס איז אַ פּראַקטיק פון אומאויפהערלעכן ברידער־מאָרד, פון פאַרשקלאַפונג און פאַרהונגערונג פון אַ ריזיקער מדינה, פון בלוטיקע אינלענדישע און אויסלענדישע אינטריגעס, פון ציניזם, נקמה, פאַלשקייט, ליגנס, פון כסדר־בייטנדיקע ליניעס און „רייניקונגען" פון די, וואָס זיי זענען נישט פלינק גענוג זיך צוצופּאַסן צו דער נייסטער ליניע. בכלל דערמאָנען די ברידער־מאָרדן צווישן די פאַרשיידענע אָנהענגער און אויסטייטשער פון דער מאַרקסיסטישער עוואַנגעליע אָן די בלוט־בעדער צווישן די פאַרשיידענע קריסטלעכע און מוסולמאַנישע סעקטעס, וואָס יעדע פון זיי איז איינגעגלויבט, אַז בלויז איר אויסטייטש פון דער ביבל, אָדער פון דעם קאָראַן איז דער איינציק־ריכטיקער, די איינציק־וואָרע אַנטפּלעקונג פון הימל.

וואָס איז דאָ שייך צו ריידן פון אַ מאַרקסיסטישער לערע, וואָס דאַרף ראַטעווען די מענטשהייט, אַז די מאַרקסיסטן אַליין ווייסן נישט וואָס דאָס איז? אָדער לאָמיר אַוועקשטעלן די פראַגע אַנדערש: וואָס פאַראַ לערע איז דאָס, וואָס יעדער פון אירע פירנדיקע אָנהענגער טענהט, אַז נאָר ער ווייסט וואָס זי איז און אַז דער אַנדערער אינטערפּרעטירט זי פאַלש, פאַרריטעריש, דעריבער איז אַ מצווה אים צו ליקווידירן? דער מאַרקסיזם איז דאָך נישט דער „בייער טעסטאַמענט" מיט נסים ונפלאות, מיט ווידערשפּרוכן צווישן די פאַרשיידענע אַפּאָסטאָלן, נאָר אַ ריינע, אַן „עקזאַקטע וויסנשאַפט" — די העכסטע, די שענסטע און די קלוגסטע סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפט, וועדליק דער פאַרזיכערונג פון די פרומע מאַרקסיסטן — רעכטע און לינקע? אָבער נאָך וויכטיקער איז אָט־די פראַגע: ווי קענען מיר דערוואַרטן עפּעס גוטס פון אַ לערע, וואָס בעת זי איז באַשטימט אויף היילן די חולאתן פון דער מענטשהייט, איז זי נישט אימשטאַנד צו היילן כאָטש אירע אייגענע אָנהענגער, זיי צו לייטערן פון שלעכטס, פון

קנאה־שנאה, פון מאַרד־לוסט? עפּעס מוז דאָך זיין דער מער מיט אַזאַ לערע. קען דען פון גוטס און שיינקייט און יושר און ליבע אַרויסקומען בייזוויליקייט, אינטריגע, שנאה און הריגה?

דערפאַר איז כדאי קודם־כל זיך צו באַקענען מיט דער פּערזענלעכקייט פון דעם שאַפער פון דער דאָזיקער לערע, מיט קאַרל מאַרקסן, איידער מען טרעט צו צום מהות פון דעם מאַרקסיזם. דאָס באַקענען זיך מיט דעם שעפּער און זיין שאַפונג וועט פאַר אונדז פאַרענטפערן דאָס רעטעניש ווי אַזוי דער מאַרקסיזם האָט דערפירט צו דער וועלט־קאַטאַסטראָפע און ווי פון דעם מאַרקסיזם האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט אַרויסוואַקסן דער פאַשיזם. די שיידעמאַנס, די נאָסקעס, די טראָצקיס, די סטאַלינס, די עטליס און די בעווינס און זייערע האַנדלונגען זענען נישט קיין צופאַל. זייער נביא און וועגווייזער, קאַרל מאַרקס, האָט געהאַנדלט אַקוראַט ווי זיי לגבי קעגנער און פריינד, קעגן יחידים און קעגן פעלקער. מאַרקס, וואָס ער איז געווען אַ גוטער פאַמיליען־מאַן, איז מחוץ לבית געווען אַ בייזער, בייזוויליקער און פאַרביסענער מענטש, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די מינדסטע קריטיק, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט די ערגסטע זלזולים קעגן קעגנער, וואָס האָט נישט פאַרגונען דעם מינדסטן דערפאָלג אפילו זיינע נאָענטסטע פריינד, צווישן זיי פרידריך ענגעלס, וועלכער איז, ווי באַוווסט, געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט און יאָרן־לאַנג מאַרקסן אויסגעהאַלטן און אַפילו געשריבן פאַר אים טייל אַרטיקלען פאַר דער „ניו־יאָרק טריביון" און פאַר אַנדערע אויסגאַבן, אונטער וועלכע מאַרקס האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען. מאַרקס פלעגט בייטן זיינע מיינונגען, אויב אים האָט זיך דאָס אין אַ געוויסן מאָמענט געלוינט, אָבער בדרך־כלל פלעגט ער זיך פאַרעקשנען אויף מיינונגען, אויב זיי זענען אָנגעגריפן געוואָרן, ווי אויף להכעיס זיינע קריטיקער, פריינטלעכע ווי אומפריינטלעכע.

אַ קלאַסישער ביישפּיל איז דער אינצידענט מיט פּרודאָנען. אין 1843, האָט מאַרקס אַזוי געשריבן וועגן פּרודאָנס ווערק „וואָס איז אָרעמקייט"? „פּרודאָן — שרייבט ער — אונטערוואַרפט דעם יסוד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע — אייגנטום — אַ קריטישן עקזאַמען און ער איז דער ערשטער, און דאָס איז טאַקע די ערשטע אַנטשיידנדיקע, שטרענגע און וויסנשאַפטלעכע קריטיק פון דעם געביט, וואָס איז ווען־עס־איז געמאַכט געוואָרן; עס איז אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער שריט פאַראויס, וואָס רעוואָלוציאָניזירט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און דערלויבט איר צום ערשטן מאָל צו ווערן אַן אמתע וויסנשאַפט". אָבער שפּעטער, נאָכדעם ווי מאַרקס האָט אין פּאַריז געהאַט אַ קאָנפליקט מיט פּרודאָנען, שרייבט דער־זעלביקער מאַרקס וועגן דעם זעלביקן ווערק פון דעמזעלביקן פּרודאָן, אַז פּרודאָנס ווערק „וואָס איז אָרעמקייט?" איז... „אַ שטיקל שרייבעריי, וואָס אין

אַ שטרענג־וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָלט עס קוים ווערט געווען דערמאָנט צו ווערן" (אין אַ בריוו צום „סאָציאַל דעמאָקראַט", צו דער געלעגנהייט פון פּרודאָנס טויט).

מאַרקס האָט גענומען פולע הויפנס פון העגעל, פוריע, פּרודאָן, סאַן־סימאָן, מאָזעס העס, סימאָנדי און פון אַנדערע און זעלטן זיי געגעבן קרעדיט דערפאַר. מיט העגעלן האָט מאַרקס — אין אַנהייב זיינער אַ באַגייסטערטער חסיד — זיך נישט געקענט העלפן, וואָרן עס הייסט דאָך, אַז ער האָט העגעלן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אָט ווי באַקונין כאַראַקטעריזירט אים: „הער מאַרקס איז אומגעהייער בייזווייליק, גאַווהדיק, קריגעריש, אַזוי אומטאָלע־ראַנט און אויטאָקראַטיש ווי יעהאָווע, דער גאָט פון זיינע עלטערן, און ווי ער נקמה־דורשטיק ביז משוגעת. נישטאָ אַזאַ ליגן, אַזאַ פאַרלוימדונג, וואָס ער (מאַרקס) וועט זיך אָפּהאַלטן פון באַנוצן קעגן יעדן איינעם, וואָס האָט אַרויס־גערופן זיין קנאה, אָדער זיין האַס; ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דער נידעריקסטער אינטריגע, אויב דאָס וועט, לויט זיין מיינונג, דינען צו פאַרשטאַרקן זיין פּאָזיציע, זיין השפעה, זיין מאַכט". אַן ענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מאַרקסן גיט אונדז קאַרל שורץ. „איך האָב קיינמאָל נישט באַגעגנט קיין מענטש, — זאָגט שורץ וועגן מאַרקסן — וואָס זיין אויפפיר איז אַזוי פּראָוואָצירנדיק און אומ־דערטרעגלעך. קיין שום מיינונג, אויב זי איז אַנדערש פון זיין אייגענער, וועט ער נישט אָנטון דעם כבוד איר אַפילו אויבנאַראָפּיק צו שענקען אויפמערקזאַמ־קייט; אויף יעדן אַרגומענט, וואָס איז אים נישט געפעלן, האָט ער געענטפערט אָדער מיט בייסנדיקן כעס... אָדער דורך וואַרפן אַ חשד אויף די מאָטיוון פון דעם, וואָס האָט דעם אַרגומענט באַנוצט. איך געדענק קלאָר מיט וואָס פאַראַ שניידנ־דיקער פאַראַכטונג ער האָט גערעדט וועגן דער וועלט־בורזשואַזיע — אָבער... אַלס בורזשואַ, ווי וועגן אַן אָפּשטויסנדיקן ביישפּיל פון דער טיפסטער מענטאַ־לער און מאָראַלישער דעגענעראַציע, האָט ער באַצייכנט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערוועגט נישט מסכים צו זיין מיט זיינע מיינונגען" (ציטאַטן פון זשאַק באַרזונס בוך „דאַרווין, מאַרקס, וואַגנער").

מוחל באַקונינס חנוודיקן שטאָך אויפן חשבון פון יעהאָווע (יהוה), דעם גאָט פון מאַרקסעס עלטערן, אָבער דווקא אָט־דער שטאָך האָט געמוזט באַזונדערס וויי־טון מאַרקסן, וואָס ער האָט, ווי מיר ווייסן, גערעדט מיט שנאה וועגן דעם פאָלק פון דעם זעלביקן גאָט. אַלעמען איז שוין, דאַכט זיך, גוט באַקאַנט, וואָס מאַרקס האָט געשריבן אין די „דייטש־פראַנצויזישע יאַרביכער" (1844), וועגן יידן און דערנאָך איבערגעחזרט, אויף די עלטערע יאָרן, אַז יידן זענען אַ פאָלק פון פּאַראַזיטן, וואָס זייער איינציקער גאָט איז מאַמאָן, דער גאָט פון געלט. פאַר

אַזאַ מענטש, ווי מאַרקס, וואָס האָט, ווערליק דער אָפּשאַצונג פון זיינע אָנהענגער, אַריינגעדרונגען מיט זיין אַנאַליטישן בליק אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט און נביאיש פאָראויסגעזאָגט די צוקונפט, קען נישט גילטן דער תירוץ, אַז ער האָט בעסער נישט געוווסט, אַז ער האָט אין דייטשלאַנד נישט געקענט קיין אַנדערע יידן, ווי באַנקירן. אַזוי לייכטזיניק אַרויסצוטראָגן אַ פסק איבער אַ גאַנץ פאָלק און נאָכזאָגן דערויף דעם געמיינסטן אַנטיסעמיטישן פּזמון — ווי שטימט דאָס מיט דער גערעכטיקייט און נביאישקייט פון מאַרקסן? מאַרקס האָט דאָ נישט געשטראָפט דאָס יידישע פאָלק פאַר געוויסע חטאים, זיך נישט די מי געגעבן צו אַנאַליזירן די יידישן געשיכטע, זיך צו באַקענען מיט די אָרעמע יידישע מאַסן אויף יענער זייט גרענעץ, אין רוסלאַנד, אין פוילן און אַפילו אין דייטשלאַנד גופא. ניין, ער האָט אַרויסגעטראָגן אַ פסק־דין אויפן יידישן פאָלק אַגולנע, אָן ווערכע עס איז באַווייזן.

דאָך פאָלן יידישע מאַרקס־חסידים אַריין אין גרימצאָרן ווען נאָר מען דערמאָנט מאַרקסעס באַציִונג צו דעם יידישן פאָלק, און זיי שרייען, אַז אויך די נביאים האָבן געשטראָפט יידן. וואָס פאַרא שוידערלעכער בלבול אויף די נביאים, וואָס זיי האָבן געלעבט, געליטן און געבלוטיקט מיטן יידישן פאָלק, בעת דער געשמדטער מאַרקס האָט זיך קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט מיט יידן, סיידן זיי צו זידלען — סיי דאָס גאַנצע פאָלק, סיי יידישע יחידים. פערדינאַנד לאַסאַלן, וואָס זיין גרויסער דערפאָלג האָט מאַרקסן נישט געלאָזט שלאָפן, רופט ער מיט חוזק „איציק" און „יידישער נעגער". אין דעם לעצטן עפּיטעט איז דאָ ביטול סיי לגבי יידן, סיי לגבי נעגערס. אָבער זייט נישט איבעראַשט. מאַרקס — יאָ, מאַרקס — האָט געהאַלטן פון העכערע און נידעריקע ראַסן. ער האָט געהאַלטן, אַז די רוסן זענען אַ נידעריקע ראַסע און פאַרדינען אָפּגעווישט צו ווערן. אָן ענלעכע מיינונג האָט ער געהאַט וועגן די פראַנצויזן און וועגן די טשעכן. שפּעטער, מיטן אויפקום פון די מוטיקע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, האָט ער געביטן זיין מיינונג וועגן די רוסן. אויך וועגן די פראַנצויזן האָט ער דערנאָך מאָדיפיצירט זיין מיינונג, אָבער בעת דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה אין 1870, האָט מאַרקס געשריבן צו ענגעלסן, אַז אַ פּרייסישער נצחון וועט מיינען, אַז דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָמינירן אין דער וועלט און „דאָס וועט אין דערזעלביקער צייט מיינען די דאָמינירונג פון אונדזער טעאָריע איבער פּרודאָנס".

לעאָפּאָלד שוואַרצשילד, דער באַוווסטער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, מחבר פון „וואָרלד אין טראַנס" און „פּריימער אָוו דהי קאָמינג וואָרלד", האָט אין דער „ניו־יאָרק־טיימס" (מאַגאַזין־ביילאַגע) פון 1טן אָקטאָבער, 1944, פאַר־

עפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז „זעקס דעלוזיעס וועגן דייטשלאַנד", אַן ענטפער צו יענע, וואָס האָבן געפּאָדערט אַ „ווייכן פרידן" פאַר דייטשלאַנד, שטעלט זיך דאָרט דער מחבר אויך אָפּ אויף דער פראַגע, צי קען מען זיך פאַרלאָזן אויף די דייטשע אַרבעטער, דער עיקר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. „דער ענין מיט די אמתע און אינפאָרמירטע סאָציאַליסטן, — שרייבט שוואַרצ־שילד, — איז אַפילו נאָך מער קאָמפּליצירט. וואָרן, אין היפוך צו אַ וויט־פאַרשפּרייטן טעות, איז די אָרטאָדאָקסישע סאָציאַליסטישע לערע אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט פּאַציפיסטיש. קאַרל מאַרקס האָט פאַרדאַמט פּאַציפיזם אַלס דעם „העכסט־טריוויאַלן קוואַטש". ער האָט געהאַלטן, אַז עס זענען דאָ „פּראָגרע־סיווע מלחמות", וואָס פּאָדערן די פולע הסכמה און הילף. און ער, מאַרקס, האָט באַזעסן אַ פּלאַידיקע אייגנשאַפט צו אַנטדעקן, אָן שום ספק, אין יעדער דייטשער מלחמה דעם עלעמענט פון „פּראָגרעס". די דייטשע מלחמה קעגן דענעמאַרק אין 1846, האָט מאַרקס באַגריסט מיט ממש היטלעריסטישע ווערטער, דערקלערנדיק, אַז די מלחמה ווערט געפירט „מיט דעם רעכט פון ציוויליזאַציע קעגן באַרבאַ־ריזם, פון פּראָגרעס קעגן סטאַגנאַציע". ווען צוויי דייטשע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן האָבן אין 1870 געשטימט קעגן די קרעדיטן פאַר דער מלחמה מיט פראַנקרייך, האָט מאַרקס זיי מיט כעס פאַרדאַמט. מאַרקסן האָט זיך אַפילו געוואָלט נאָך מער דייטשע מלחמות. נאָך אין 1848 האָט ער געוואָלט אַ דייטשן קריג קעגן רוסלאַנד און אין 1859 האָט ער געפּרעדיקט אַ דייטשן קריג קעגן פראַנקרייך.

*

אין פאַרבינדונג מיט לעאָפּאָלד שוואַרצשילדס דערמאָנונגען וועגן מאַרקסעס קריגס־העצעס קעגן דענעמאַרק, פראַנקרייך און רוסלאַנד, איז דאָ כדאי מוסיף צו זיין דעם אינצידענט מיט ד"ר קוגעלמאַן, אַ יונגער באַגייסטערטער מאַרקס־חסיד.

קוגעלמאַנען איז פאַרגעקומען פריקרע און אומפאַרשטענדלעך מאַרקסעס ענטוזיאַזם פאַר דעם פרייסישן קריג מיט פראַנקרייך און ער פרעגט־אָן ביי זיין רבין, פאַרוואָס דייטשלאַנד דאַרף „פון איר דעפענסיווער מלחמה קעגן פראַנקרייך איבערגיין אין אַן אַגרעסיווער און אימפּעריאַליסטישער מלחמה".

מאַרקס ענטפערט אים, אַז „דיאַלעקטיק באַשטייט נישט בלויז אין באַ־קעמפן אַן אַנדער כוח, נאָר אין באַזיגן אים און אַזוי־אַרום פאַרשמעלצן די צוויי עלעמענטן", אַן ענטפער, וואָס איז אַזוי טונקל ווי מאַרקסעס גאַנצע דיאַלעקטיק.

דאַן שרייבט מאַרקס צו ענגעלסן אויף אַ ציניש אופן: „ווען עמעצער אַטאַ־קירט מיך אין גאַס, האָב איך בלויז דאָס רעכט — לויט קוגעלמאַנען — צוריק־

צושטויסן זײַנע קלעפּ. אים צוריקצודערלאַנגען קלעפּ און אים ממיתן — דאָס וועט, לויט קוגעלמאַנען מיינען, צו ווערן אַן אַגרעסאָר. עס איז קלאָר, אַז קיינער פון אָט־די לייט פאַרשטייט לחלוטין נישט קיין דיאַלעקטיק״.

אָט האָט איר אַ פיינע דעפיניציע פון דיאַלעקטיק, אַרויסגעבראַכט פון מאַרקסן אַליין! אויב אַזוי זענען אַלע אימפּעריאַליסטן פון אַלע צייטן, צווישן זיי קייזער ווילהעלם און אַדאָלף היטלער, די בעסטע דיאַלעקטיקער, בעת אַזעלכע באַגייסטערטע מאַרקסיסטן, ווי ד״ר קוגעלמאַן, זענען פּשוטע בטלנים און ווייסן ניט מיט וואָס מען עסט דאָס... דער אמת איז, אַז דער ענין דיאַלעקטיק איז אַן אַבסטראַקציע, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג קיינעם נישט קלאָר און מאַרקס אַליין האָט דאָס קיינמאָל נישט קלאָר געמאַכט. אַ געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן, האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַן אידייע־פיקס און אַזוי ווי ער האָט זיך צו קיינעמס מיינונג נישט צוגעהערט, ווי שורץ און אַנדערע זאָגן עדות, איז ער געבליבן ביי איר, מעג זיך די וועלט איבערקערן.

נעמט, למשל, מאַרקסעס טעאָריע פון ווערט. וואָס איז די מאָס פון ווערט פאַר אַן אויסגעאַרבעט אַרטיקל? די צייט, וואָס עס האָט געדויערט אויסצואַרבעטן! — ענטפערט מאַרקס. ווי איז אָבער דער דין, אַז אַן אַרבעטער איז פאַמעלעכער, אָדער דאָס אַרטיקל ווערט אויסגעאַרבעט דורך אַ מאַשין שנעלער? — פרעגט מען אים, אָבער — תיקו. איינמאָל אַוועקגעשטעלט אַ חוק, איז עס אַ חוק ולא יעבור.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט אין אָנהייב זיך געוואָלט האַלטן ביי מאַרקסעס מאָס פון ווערט (אין אַרבעטסלוין) און זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, איינפירנדיק פאַרשיידענע לוינען פאַר אַרבעט, „ספּיד־סיסטעם״, סטאַכאַנאָווטשינע און באַשטראָפונג פון אַרבעטער, וואָס זענען נישט גענוג שנעל, באַשולדיקנדיק זיי אין סאַבאָטאַזש.

אָדער נעמט נאָכאַמאָל די באַרימטע דיאַלעקטיק.

אויב לויטן דיאַלעקטישן, דעטערמיניסטישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז דער קאַפּיטאַליזם אַן אומפאַרמיידלעכער שטאַפּל אויפן וועג צו דער קלאַסנלאָזער — און דערנאָך שטאַטלאָזער, אַנאַרכיסטישער — געזעלשאַפט, טאָ פאַרוואָס אַזוי צאָרנען אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס טראָגט אויף זיך, ממש קעגן זיין אייגענעם ווילן (דעטערמיניסטיש), אַזאַ גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע? — פרעגן קריטיקער פון מאַרקסיזם. קען מען זיין אין כעס אויף די אונטערשטע טרעפּ, וואָס פירן צו די העכערע עטאַזשן? און ווידער בלייבט איר אָן אַן ענטפער. ווען אַפילו מאַרקס ענדערט זיינס אַ מיינונג, מאַכט ער קיין שום דערקלערונג נישט פאַרוואָס ער האָט געענדערט זיין פריערדיקע הנחה. אַזוי, למשל,

רעדט מאַרקס אין זיין „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע" וועגן דריי קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן, לאַנד־אייגנטימער און אַרבעטער, אָבער אין „דאָס קאַפּיטאַל" זענען שוין דאָ בלויז צוויי קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער. ער לאָזט אויס די לאַנד־אייגנטימער — און דאָס מיינט: אויך די פּויערים, די לאַנד־אַרבעטער...

נאָך עפּעס: מאַרקס רעדט וועגן אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, אַ מלוכה, וואָס ווערט רעגירט דורך אַרבעטער פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער, ווי וועגן דער אידעאַלסטער געזעלשאַפט, וווּ עס וועט הערשן האַרמאָניע, גלייכהייט, פרידן און ליבע. פרעגן זיך דאָ צוויי גרויסע קשיות: מילא, אַז מאַרקס זאָגט אונדז נישט וואָס פאַראַ פּנים די לעצטע שטופע פון דער גאולה, די „אַנאַרכיסטישע" געזעלשאַפט, וועט האָבן, קענען מיר זיך וועגן דעם ווענדן צו די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער; אָבער די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט וועט זיין אַזוי וווּנדערלעך און שלמותדיק, פאַרוואָס זאָל זי דערנאָך איבערגיין צו אַ שטאַטלאָזער געזעלשאַפט? נאָך וויכטיקער איז די קשיא, וויאַזוי מאַרקס קען קאָווירן, אַז די פּראָלעטאַרישע מלוכה וועט זיין אַזאַ גן־עדן. מאַרקס קוקט אָבער אויף מענטשן ווי אויף פיגורן אויף אַ שאַך־ברעט, וואָס די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע שטעלט איבער אַהין און אַהער, אין דעם געהעריקן מאָמענט. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון מענטשלעכע געפילן, סענטימענטן, טעמפּעראַמענטן, מיינונגען, אידייען, אייפערזוכט, מאַכט־לוסט — דאָס וויל מאַרקס נישט זען, כאָטש ער אַליין האָט באַזעסן די אַלע אייגנשאַפטן, די שלעכטע מער ווי די גוטע. די פּראָלעטאַרישע מלוכה איז, לויט אים, ווי אַ מלוכה פון בינען, אָדער מוראַשקעס. די אַרבעטער־קאָמונעס אין פאַרשיידענע צייטן, וואָס זענען זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אונטער דער משא פון קנאה־שנאה און קאָנפליקטן; די פּראָלעטאַריער, וואָס זענען געוואָרן באַלעבאַטים און האָבן עקספּלואַטירט זייערע געוועזענע ברידער פּונקט אַזוי ברוטאַל, אויב נישט נאָך ערגער, ווי די געבוירענע קאַפּיטאַליסטן, און ענדלעך די „פאַראַנדקעס־און בלוט־אָרגיעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד — דאָס אַלץ לייקנט־אָפּ אויף דעם שאַרפסטן אופן מאַרקסעס אידיליע, אָדער „אייזערנע וויסנשאַפט" וועגן זיין אידעאַלער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט.

אָבער אַזאַ נישט רעכענען זיך מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אַזאַ רעדוצירן אַלץ צו איין פאַקטאָר, דעם עקאָנאָמישן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן מאַרקסיזם. דאָס איז זיין יסוד און זיין חוט־השדרה. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע ווערט, לויט מאַרקסן, דאָמינירט און דיריגירט דורך דער עקאָנאָמיק. אַלע מענטשלעכע קאַמפן, אַלע מלחמות. אונטער אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען זעט ער בלויז דעם מאָגן. אידייען, אידעאָלאָגיעס, דער געראַנגל אינעם מענטש צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן דאָס בעסטיאַ־

לישע און דאָס עטישע — דאָס אַלץ איז אין מאַרקסעס אויגן קוואַטש, אומזין, פּלוידעריי. דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון דער מענטשלעכער נשמה, די געדרייטע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס די מאָדערנע פּסיכאָ־לאָגישע וויסנשאַפטן האָבן אַנטפּלעקט און וואָס איז שוין אויך קיין סוד נישט געווען פאַר פילאָסאָפן און דיכטער מיט הונדערטער און אַפילו מיט טויזנטער יאָרן צוריק — דאָס אַלץ האָט מאַרקס נישט אָנערקענט.

מאַרקס שרייבט מיט שטאָל־און־אײַזערנער זיכערקייט, אַז „אַ געזעלשאַפט־לעכע סטאַדיע שטאַרבט קיינמאָל נישט, איידער אין איר איז פולשטענדיק אַנט־וויקלט געוואָרן די סומע פון אַלע פּראָדוקטיווע כוחות אין איר באַזיץ. נײַע שייכותן אין דער פּראָדוקציע, בעסערע ווי די פריערדיקע, קומען קיינמאָל נישט אויף, איידער זייער מאַטעריעלע אורזאַך פאַר עקסיסטענץ האָט זיך אַנטוויקלט אין דעם טראַכט (געבער־מוטער) פון דער אַלטער געזעלשאַפט. די מענטשהייט שטעלט זיך בלויז די רעטענישן, וואָס זי קען פאַרענטפערן... ווען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם ענטפער עקסיסטירן שוין, אָדער זענען כאָטש אויפן וועג פון געבוירן ווערן. ווי אַן אַלגעמיינע טעזע קען מען באַטראַכטן די אַזיאַטישע, פאַרצײַטישע, פעאָדאַלע און בורזשואַזע מאָדעלן פון פּראָדוקציע פאַר פּראָגרע־סיווע שריט אין דער עקאָנאָמישער פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט" („קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע"). דאָ פרעגט זיך ווידער די פריערדיקע קשיא: אויב די געשיכטע פונקציאָנירט אויף אַזאַ מיסטיש־דעטערמיניסטישן אופן (מאַרקס וואָלט אויפגעציטערט געוואָרן ביים וואָרט „מיסטיש"), ממש ווי קאַרמאַ אין דער בראַהאַמינישער און בודיסטישער מיטאָלאָגיע; אויב די געשיכטע — על־פּי דער מאַטעריאַליסטיש־דעטערמיניסטיש־דיאַלעקטישער אינטערפּרעטאַציע — גרייט אַלץ צו פיקס און פאַרטיק, אָן דעם אַריינמיש פון דעם מענטשנס ווילן, נאָך וואָס דאַרף מען רעוואָלוציעס און בלוט־פאַרגיסונג? וואָלט נישט שכלדיקער געווען צו וואַרטן ביז דאָס עפּעלע וועט אַליין אַראָפּפאַלן פון בוים?

וואָס ס'איז שייך מאַרקסעס פאַרזיכערונג, אַז די מענטשהייט שטעלט זיך בלויז רעטענישן, וואָס זי קען פאַרענטפערן, ווען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם ענטפער עקסיסטירן שוין, קען, דאַכט זיך, אַ היינטיק חדר־ייִנגל איינזען דעם אומזין פון אַזאַ באַהויפּטונג. דער מענטש האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט רעטענישן מיט הונדערטער און מיט טויזנטער יאָרן צוריק (גענוג אָנצוכאַפּן בלויז די גריכישע פילאָסאָפיע), וואָס האָבן פאַקטיש און פּראַקטיש אָנגעהויבן פאַרענטפערט צו ווערן ערשט אין אונדזער צייט, דורך ניוטאָן, מיליקאַן, איינשטיין און אַנדערע גרויסע וויסנשאַפטסלייט. נו, די דערפינדונגען און דערגרייכונגען אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן האָבן אַ זייער נאָענטן שייכות צו עקאָנאָמיק

און סאָציאָלאָגיע... די דערפינדונגען פון עלעקטראָניק און ראַדיאָ, למשל, האָבן געהאַט אַן אומגעהייער־גרעסערע רעוואָלוציאָנערע השפעה אין ענדערן די פּאַר־מען — און אַפילו די באַגריפן — פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעאָריעס און רעוואָלוציעס. איצט קומט־צו די אַטאָמישע ענערגיע, וואָס איר רעוואָלוציאָניזירנדיקע השפעה אויפן גאַנצן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין פון דער מענטשהייט קענען מיר זיך איצט נאָך אַפילו נישט אויסמאָלן. דערפון לערנען מיר, אַז דער מענטש שטעלט זיך רעטענישן נישט גראָד, ווען דער ענטפער איז שוין פאַרטיק, ווי דאָס פאַרזיכערט מאַרקס; און מיר לערנען דערפון אויך, אַז מאַרקס האָט בשום אופן נישט געקענט פאָראויס־זען אַזעלכע געוואַלטיקע דערגרייכונגען אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן און ער האָט זיי דעריבער נישט געקענט אַריינגעמען אין חשבון. מאַרקסעס טעאָריע קען שוין דערפאַר אַליין געגליכן ווערן צו אַ פּלאַן פאַר אַ בנין, וואָס איז געצייכנט געוואָרן אין אַ צייט, איידער עס איז געווען עלעקטרישע באַלייכטונג, וואַסער־לייטונג, ווי די אַנדערע מאָדערנע טעכנישע איינפירונגען. וועלכער משוגענער וועט זיך איצט באַנוצן מיט אַן אַרכיטעקטור־פּלאַן פאַר אַ הויז, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט הונדערט, אָדער אַפילו מיט 25 יאָר צוריק?

אויב מאַרקסעס אויפפאַסונג פון דער געשיכטע — ווי אַ מעכאַניסטישער, אָדער — זאָל זיין דיאַלעקטישער — איבערבייט פון סטאַדיעס, בעת איין סטאַדיע פאַרענדיקט זיך ווען אַ נייע סטאַדיע איז צוגעגרייט — זאָל זיין וויסנשאַפטלעך ריכטיק, וואָלט מאַרקס — און יעדער גוטער מאַרקסיסט — אימשטאַנד געווען פאָראויסצוזאָגן די צוקונפטיקע געשעענישן, ווי דער אַסטראָנאָם רעכנט אויס אין פאָראויס ליקוי־חמהס און ליקוי־לבנהס, אָדער דאָס דערשיינען פון אַ קאָמעט. נו, זאָגן טאַקע מאַרקסיסטן — און צווישן זיי דער חשובער ד״ר ד. גלאָבוס — אַז מאַרקס האָט באמת פאָראויסגעזאָגט די פּאַסירונגען פון אונדזער צייט, די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, די כסדר־וואַקסנדיקע קריזיסן, דעם „אונטער־ערדישן דונער״ אאַז״וו. טענה איך, אַז דאָס זענען גענעראַליזאַציעס, אַזעלכע אַלגעמיינע און אומבאַשטימטע טערמינען, וואָס אין זיי קען מען אַריינטייטשן אַלץ אין דער וועלט, קומט ד״ר גלאָבוס און חכמהט זיך אויף מיין חשבון, אַז איך האָב דערוואַרט פון מאַרקסן פאָראויסצוזאָגן, אַז דער דייטשער פירער וועט הייסן אַדאָלף היטלער און טראָגן קליינע וואָנצעס אאַז״וו. ניין, ליבער ד״ר גלאָבוס, איך האָב נישט דערוואַרט אַזעלכע דעטאַלן, נאָר טאַקע די עיקרים. מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, וואָס איז שוין, לויט זיין מיינונג, געווען ריף דערצו. נו, די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז גאָר פאָרגעקומען אין רוס־לאַנד, וווּ עס איז נישט געווען קיין קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. אמת, שפּעטער

האָט מאַרקס געזאָגט, אַז געוויסע אומשטענדן קענען פירן דערצו, אַז רוסלאַנד זאָל איבערשפּרינגען די קאַפּיטאַליסטישע סטאַדיע און — גלייך אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַריין. אָבער זיין פּריערדיקע פאָרזיכערונג, אַז אַזאַ רעוואָלוציע קען פאָרקומען נאָר אין אַן אינדוסטריעל און טעכניש־אַנטוויקלט לאַנד, ווו דער קאַפּיטאַל איז קאָנצענטרירט אין עטלעכע הענט, מיטן שפּעטערדיקן צוזאָג: אַז אַזאַ רעוואָלוציע איז יאָ מעגלעך אין צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד, קלינגט ווי אַ וועטער־באַריכט מיט אַ באַוואָרעניש: „מאָרגן רעגן. אָבער עס קען אויך זיין שיין". שוין נישט צו ריידן דערפון, וואָס זיין הנחה פאַר רוסלאַנד צעשטערט מאַרקסעס אַ פונדאַמענטאַלע דיאַלעקטישע טעזע וועגן דער צוגעגרייטקייט פון אַ שפּעטערדיקער סטאַדיע, בעת די פריערדיקע שטאַרבט־אָפּ, נאָכדעם ווי אין איר איז פולשטענדיק אַנטוויקלט געוואָרן די סומע פון אַלע פּראָדוקטיווע כוחות אין איר באַזיץ.

וואָס מאַרקס האָט נישט פאָראויסגעזען איז די וואַקסנדיקע ראָל פון דעם קליינבירגערטום, וואָס אַ סך גוט־באַצאָלטע פּראָלעטאַריער קענען דערין אַריינגערעכנט ווערן. און מאַרקסן איז אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען דער אויפשטייג פון אַזאַ ריזיקער, מעכטיקער און פינצטערער באַוועגונג, ווי פאַשיזם־נאַציזם, געשאַפן פון צוויי פּראָלעטאַריער, בעניטאָ מוסאָליני און אַדאָלף היטלער, וואָס צו זיי איז שפּעטער צוגעשטאַנען אַ פראַנצויזישער פּראָלעטאַריער, אַ בעקערס אַ זון, פּיער לאַוואַל — אַ באַוועגונג פון אונטן, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט מאַרקסיסטישע רייד וועגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און געבראַכט דעם גרעסטן חורבן אויף דער מענטשהייט. איך האָב באַטאָנט די „פּראָלעטאַרישקייט" פון די דריי פאַשיסטישע שותּפים, נישט נאָר כּדי צו דיסקוטירן מאַרקסעס „נבואה" וועגן דעם ווידערשטאַנד פון דעם „אויבערשטן קלאַס", דעם קאַפּיטאַליסטישן, נאָר כּדי נאָכאַמאָל צו ווייזן וויפל ממשות עס האָט מאַרקסעס גלויבן, אַז איינמאָל אַן אַרבעטער, איז אַלעמאָל אַן אַרבעטער און דעריבער וועט אַלץ זיין שלום־ושלוה אין דעם פּראָלעטאַרישן שטאַט.

אָט־דאָ קומען מיר צום סאַמע וויכטיקסטן פּונקט — דעם פאַרבינדונגס־פּונקט צווישן מאַרקסיזם און פאַשיזם. די פאַשיסטישע דיקטאַטור, ווי זי איז עטאַבלירט געוואָרן אין איטאַליע און דערנאָך אין דייטשלאַנד, איז געווען אַ געטרייע קאָפּיע פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אין רוסלאַנד. דער שטאַט־לעכער טאָטאַליטאַריזם איז אין אַלע דריי פאַלן דערזעלביקער, מיטן אונטערשייד, וואָס ווו דער מאַרקסיזם שטעלט אַוועק דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס דעם בחיר־היצירה, שטעלט אַוועק דער פאַשיזם — דער עיקר ווי ער איז געווען אין דייטש־לאַנד — די ראַסע, די אויסערדערוויילטע ראַסע, אָנשטאָט דעם אויסדערווײלטן

קלאַס. קיינמאָל אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע האָט קיין שום רעגירער נישט דערוועגט זיך אַזוי חוצפּהדיק צו טרעטן אויף אַלע מענטשלעכע רעכט, ווי דאָס איז דער פאַל אין סאָוועטרוסלאַנד. נו, זענען געקומען מוסאָליני און היטלער און געזאָגט: אויב אַזוינס איז מעגלעך פון לינקס, פאַרוואָס נישט פון רעכטס? און מאַלאַפּאַרטע, דער היסטאָריקער פון פאַשיזם, מוסאָליניס אַ בוזעם־פריינד, וואָס איך האָב אים עטלעכע מאָל שוין ציטירט ביי אַנדערע געלעגנהייטן שרייבט טאַקע, אַז מוסאָליני האָט קאָפּירט לענין און טראָצקי; דערנאָך איז געקומען היטלער און קאָפּירט מוסאָלינין. ווען נישט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור, מיט איר מאַרקסיסטישער פאַראַכטונג פון מאָראַל, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אין פינצטערער שקלאַפעריי אַ זעקסטל פון דער וועלט, וואָלט קיינמאָל נישט געקומען צו די פאַשיסטישע באַוועגונגען און דיקטאַטורן. קאַרל מאַרקס, דער פאָטער פון מאַרקסיזם, איז אַזוי־אַרום דער זיידע פון פאַשיזם.

*

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ באַשרענקטער אַרבעט איז אוממעגלעך באריכות זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע פונקטן פון דער מאַרקסיסטישער לערע. אָבער קאָלעגע גלאָבוס דערוואַרט פון מיר, ווייזט אויס, אַזאַ מופת. יעדעסמאָל, וואָס איך דערמאָן מאַרקסן, פאָדערט ער פון מיר אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די פאַרשיידענע מאַטעריאַליזמען, פילאָסאָפישע, היסטאָרישע, וויסנשאַפטלעכע; וועגן דיאַלעקטיק, וועגן ווערט און מערווערט — און וועגן וואָס נישט? ציטיר איך זשאַק בארזונען, סטעמפּלט ער מיך תיכף פאַר אַ באַרזוניסט, כאָטש באַרזונס בוך („דאַרווין, מאַרקס, וואַגנער") איז דערשינען ערשט אין 1941 און איך האָב צוגעשטעלט דאַרווינען צו מאַרקסן פאַר אַ שותף נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר פריִער און זיך צוריקגעקערט דערצו אין 1937, אין מיין הקדמה צו אברהם ביקס בוך „גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם" און אין מיין עסיי „די וועלט פון דאַרווין און מאַרקס", אין „אַמעריקאַן היברו" (1939). איך וויל דאָ נאָכאַמאָל ראָטן דעם חשובן קאָלעגע, ד״ר גלאָבוס, אַז איידער ער וואַרפט מיר פאָר „נישט־ערנסטע קריטיק פון מאַרקסיזם", זאָל ער זיך פריִער באַקענען מיט מיינע ווערק וועגן דעם ענין, אַריינקוקן אין מיין הקדמה צו שלמה באַגינס בוך „געשיכטע פון עוואָלוציע פון רעליגיעזן געדאַנק", כאַפּן אַ בליק אין מיינע ביכער „מענטשן און אידייען", „איטוירנעל פראַנטיערס", „מענטש און וועלט", אין מיין גרעסערער פּאָלעמיק מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, וואָס אַ טייל דערפון איז אַריין אין מיין עסייען־זאַמלונג „קריטיק און פּאָלעמיק", און אין אַנדערע ווערק מיינע.

איך וויל מיין אָפּהאַנדלונג פאַרענדיקן מיט אַ באַמערקונג אויף אַ פראַגע,

וואָס רייסט זיך אַרויס פון ד״ר גלאַבוסעס האַרץ: „אָבער ווייסט איר טאַקע איצט וואָס צו טון מיט אונדזער שטאַרבלעך־קראַנקער וועלט?״. דאָס איז אַ בלוטיקע, אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע, וואָס מאַטערט יעדן ערלעכן, פילנדיקן מענטש. אין דער פראַגע אַנטפּלעקט זיך אויך אונדזער מוראדיקע הילפלאָזיקייט, אונדזער שרעק צו פאַרבלייבן אין דעם תוהו־ובוהו פון אונדזער גרויליקער צייט אַליין, פאַר־לוירן — אָן אַ אידייע, אָדער אָן אַ גאָט. דערפאַר קלאַמערן זיך אַזויפיל מענטשן צו מאַרקסן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער מאַרקסיזם ליגט פאַרבלוטיקט, פאַרבלאָטיקט און באַנקראָט, ווי דער פרומער ייִד קלאַמערט זיך צום רבונו־של־עולם, וואָס האָט דערלאָזט אויסשעכטן זעקס מיליאָן פון זיינע בעסטע קינדער. מען דאַרף האָבן דאָס האַרץ פון אַ גזלן צו זאָגן אַ טויט־קראַנקן, אַז עס איז נישטאָ קיין רפואה פאַר אים. אָבער אויב עס איז נאָך נישטאָ קיין געהעריקע רפואה צו אַ ראַק (קאַנסער), וועט קיין שום ערלעכער דאָקטער זיך נישט איינשפּאַרן אויף אַ מיטל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט־ווירקזאַם, אַ פשיטא שוין פאַר אַ מיטל, וואָס פאַרגרעסערט דעם חולהס ליידן. דער מאַטעריאַליזם, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין מאַרקסעס סאָציאָלאָגישער לערע און אין דאַרווינס ביאָ־לאָגישער לערע, האָט דערפירט די וועלט צום פינצטערן אָפּגרונט. דאָך... וואָס פאַרט זאָלן מיר טון?

נו, דער פאַקט, וואָס עס איז נאָך נישטאָ קיין ריכטיק מיטל צו היילן אַ ראַק, מיינט נישט, אַז עס וועט קיינמאָל נישט זיין. מיר מוזן האַלטן אָפן די אויגן און הערצער, אָנווענדן אונדזער קריטישן אַנאַליז און ווייטער זוכן, אַנשטאָט זיך צו האַלטן מיט עקשנותדיקן פאַנאַטיזם ביי אויסגעשפּילטע, באַנקראָטירטע מיטלען. לעת־עתה מוזן מיר זיך, ווייזט אויס, צופרידנשטעלן מיט די עוואָלוציאָנערע גע־ווינסן אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע — און עוואָלוציע איז דאָך אין לעצטן סך־הכל בהדרגהדיקע רעוואָלוציע, ווי רעוואָלוציע איז איבערגעוואַלט־אויפגעריסענע עוואָלוציע. אויב די אַטאָמישע ענערגיע וועט אויסגענוצט ווערן נישט אויף אומברענגען די וועלט, נאָר אויף העלפן איר, וועט די מענטשהייט מסתמא פריִער־שפּעטער זיך דערשלאָגן צו דער גאולה. אָבער פריִער מוז יעדער מענטש זיך דערשלאָגן צו זיך אַליין, באַקעמפן דאָס בייזע און ברוטאַלע אין זיין אייגענער נשמה.

(געשריבן אין 1946).

אַ זייטיקע באַמערקונג:

איך האָב דעם ענטפער אויף ד״ר גלאַבוסעס קריטיק אויף מיין אַנטי־מאַרקסיס־טישער שטעלונג לכתחילה איבערגעגעבן דעם „טאָג״. ווייסנדיק, אַז דער דעמאָלטדיקער

אין גערא‏ַנגל פון אידייען

„טאָג״־רעדאַקטאָר, וויליאַם עדלין, איז „געכאַפּט אין דער מעשׂה״ — אויף דער לינקער זייט — האָב איך מיין ענטפער איבערגעגעבן מאָריס ווייַנבערגן, דעם „טאָג״־ארויסגעבער. ווייַנבערג האָט עס צוגעשטעלט עדלינען און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיר ווייַנבערג געזאָגט (אויפן טעלעפאָן), אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. איך האָב דאַן טעלעפאָנירט עדלינען און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מיין ענטפער — אין צוויי המשכים — וועט בקרוב דערשיינען. ער האָט די פאַרזיכערונג איבערגעחזרט וואָך נאָך וואָך און צום סוף מיר דערציילט אַ מעשׂה, אַז געוויסע מענטשן אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג האָבן פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל נישט דרוקן... איך האָב דאַן דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז שוין געווען דורכגעשטאָכן פון דער „נאָדל״ ביי דער זעץ־מאַשין, אָפּגענומען און אים איבערגעגעבן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״.

ווען דאָס אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז מען מיך באַפאַלן פון אַלע זייטן אין דער מאַרקסיסטישער פּרעסע — רעכטער און לינקער — אין אַמעריקע און אייראָפּע. קיינער פון די באַפאַלער האָט אַפילו נישט געגעבן זיך די מי אָפּצולייקענען די ציטאַטן פון מאַרקסן און די פאַקטן, נאָר סתם מיך געזידלט, אַז איך בין אַלץ אין דער קאָרט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אַ צייטונג אין קאָמוניסטישן פּוילן, ווו מען האָט מיך אָנגערופן „מוראַנאָווער אַקאַדעמיקער״. אויף מוראַנאָווער גאַס איז אין אַמאָליקן וואַרשע געווען אַ מאַרק, ווו אָרעמע יידישע הענדלערס האָבן געהאַנדלט. איינער פון זיי איז געווען מיין פאָטער. אַזאַ יחוס איז אַפּנים אַ גרויסער שאַנד־פלעק ביי קאָמוניסטן...

אַ פּאַריזער קאָמוניסטיש בלעטל איז געגאַנגען נאָך ווייטער און אָפּגעדרוקט אַ קאַריקאַטור, וואָס ווייַזט ווי געבעלס קריכט אַרויס פון גיהנום און שטרעקט מיר אויס אַ האַנט, באַגריסנדיק מיך פאַר מיינע אַנטי־מאַרקסיסטישע אַרטיקלען. איצט, — זאָגט ער, — וועט ער זיך קענען רויק פּרעגלען אין גיהנום, ווייסנדיק, אַז ער האָט נאָך זיך געלאָזט אַ גוטן שטעלפאַרטרעטער — אַלמין...

און דאָס האָבן געשריבן די פאַרשוינען, וואָס זייערע פּאַרטיי־חברים פון מאָסקווע האָבן באמת אויסגעשטרעקט די האַנט — אין 1939 — געבעלסן, היטלערן און ריבענטראָפּן, זיך געקושט אין די פּיסקלעך און געטרונקען „לחיים״ איינער צום אַנדערן, בעת מאָלאָטאָוו האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז פאַשיזם איז אַ געשמאַק־זאַך.

כ׳וויל נאָך צום סוף מוסיף זיין, אַז מיין אָפּאָנענט, ד״ר גלאָבוס, איז שוין עטלעכע יאָר אַ שוכן־עפר. אַ שאָד, וואָס אַזאַ העכסט־געבילדעטער און אנגענעמער מענטש, ווי ער איז געווען, האָט זיך געלאָזט פאַנגען אין דער נעץ פון אַ פאַלשער און מערדערישער אידייע.

א. אַלמי

פּרוידיאַניזם און יודאַיזם

ווו און וואָס איז דער מקור פון אַנטיסעמיטיזם? י. י. טרונק, איינער פון אונדזערע פיינסטע שריפטשטעלער, שרייבט וועגן דעם אין דעם זשורנאַל „געצעלטן" (1947). אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז זיך סומך אויף פרוידן, ברענגט ער אַריין נאָך צוויי „איזמען": יודאַיזם און ציוניזם, ביי וועלכע ער איז זיך סומך אויף דעם „בונד". די פרוידיאַנישע טעאָריע וועגן רעליגיע און אַנטיסעמיטיזם און די בונדישע אידעאָלאָגיע, אין שייכות צום ייִדנ־טום און דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַרפירן טרונקן קיין האָצעפּלאָץ. זיין קינסטלערישער, געשליפענער סטיל העלפט אים דאָ — נישט קלאָר צו מאַכן, נאָר, אדרבא, צו פאַרפּלאָנטערן די ענינים, וואָס ער באַהאַנדלט, ווי דאָס פּאַסירט כמעט אַלעמאָל, ווען מען גייט צו צו קאָנבדיקע לעבנספּראָבלעמען מיט פאַראויס־צוגעשניטענע אידעאָלאָגיעס און טעאָריעס, מיט פאַרטיקע פירושים און פאָרמולעס, אָנשטאָט מיט „רויע" פאַקטן.

קודם־כל וועגן פרוידס אינטערפּרעטאַציע פון אַנטיסעמיטיזם — און דאָ וועל איך לאָזן ריידן טרונקן אַליין: „פרויד האָט די געשיכטע פון דער ייִדישער וועלט־טראַגיק — שרייבט טרונק — און דעם קאָנפליקט פון ייִדן מיט די פעלקער אַוועקגעשטעלט ווי אַ טייל פון דער געשעעניש אין דער אור־דראַמע פון וועלט און מענטש, די דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם אַנטשיידונגס־מאָמענט צווישן פאָטער מיט די זין אין דער אור־האָרדע, דער מאָמענט, פון וועלכן עס הייבט זיך אָן דער דיאַלעקטישער גאַנג אין דער געשיכטע און פון דער קולטור. די זין האָבן דערהרגעט דעם פאָטער און אים אויפגעגעסן. פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן דאָס שפּיל פון געוויסן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. געשיכטע און קולטור זענען אפשר נישט מער ווי די געשטאַלטונגען פון דעם שולד־באַלאַדענעם

געוויסן, וואָס ראַנגלט זיך אינעווייניק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דער קאַמף צווישן דער חרפה אויף דעם „חטא קדמון" פון דער מענטשהייט און צווישן דער צופרידנקייט מיט דער געוווּנענער פרייהייט פון אונטער דעם יאָך פון דעם אור־פאָטער".

„דער ייד — רעדט טרונק ווייטער אין פרוידס נאָמען — יענער איינציקער זון אין דעם דראַמאַטישן מאָמענט פון דער אור־געשיכטע, האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם פאַקט, וואָס מען האָט געטויט דעם איינס אין דער מענטשלעכער משפחה, — דעם פאָטער, — און אָנשטאָט דעם איינס פּראָקלאַמירט די הערשאַפט פון די זין, די הערשאַפט פון דער פילהייט, און צוגלייך די אַמביוואַלענטע באַציִונג צו דער וועלט, די באַציִונג פון ליבע און האַס. דער ייד האָט נישט געוואָלט דעם צוויי־שפּאַלט, וואָס צערייסט די וועלט און די מענטשהייט אויף עלעמענטן, וואָס קעמפן צווישן זיך אייביק דעם קאַמף פון ליבע און האָס. נייערט אין דער איינהייט פון דער וועלט־באַציִונג האָט דער ייד געזען די איינהייט פון דער ליבע, און אין איר דעם איינציקן ריכטיקן וועג פון דער מענטשהייט צו אַ צוקונפט. אויף דעם־אָ באָדן האָט זיך אָנגעהויבן דער ביטערער קאַמף צווישן יידן און נישט־יידן".

אין דעם ציטאַט האָט איר אין אַ פינגערהוט פרוידס אינטערפּרעטאַציע פון דעם רעליגיעזן געפיל און פון אַנטיסעמיטיזם. טרונק האָט עס אויסגעצייכנט איבערגעגעבן אין זיין פיינעם סטיל. אָבער פרוידס מעשה מיט דעם „פאָטער קאָמפּלעקס" און דעם כלומרשטן שולד־געוויסן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק איז הוילע דיכטונג, וויסנשאַפטלעכע בטלנות, אָדער אַ מאָדערנע טעאָלאָגיע, אויסגעמוטשט דורך סכאָלאַסטישער פּלפּוליסטיק און פאַרשלייערט אין אַ וויסנ־שאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. פרויד איז טאַקע געווען אַ גאון, אָבער דאָס דאַרף קיינעם נישט שרעקן. צווישן די, וואָס פרעגן־אָפּ גאַנצע שטיקער פרויד, זענען אויך פאַראַן גאונים. אָבער כדי אָפּצופרעגן די בבא־מעשה מיטן פאָטער־קאָמפּ־לעקס און שולד־געוויסן דאַרף מען קיין גאון נישט זיין. יעדער דענקנדיקער מענטש, וואָס קוקט אַריין אין דער מענטשלעכער געשיכטע מיט אָפענע אויגן, אָן טעאָרעטישע ברילן אויף זיי, מוז איינזען, אַז דאָס איז הוילער אומזין. גרויסע טעאָרעטיקער דעררײדן זיך אָפט צו גאַנץ גרויסע נאַרישקייטן.

מיט פרוידן איז געשען דאָס אייגענע, וואָס מיט אַ סך גרויסע טעאָרעטיקער און אידעאָלאָגן, וואָס ווערן אַזוי פאַרשיכורט פון זייערס אַ טעאָריע, אַז מער און ווייטער פון איר קענען זיי שוין זיי נישט זען. זיי טייטשן אַריין אין זייער טעאָריע אַלצדינג און אַלצדינג אין זייער טעאָריע — און דער פּועל־יוצא איז, אַז זייער שיטה ווערט אַ סדום־בעטל פאַרן לעבן. פרויד, פאַרשיכורט פון זיינע ערשטע

נצחונות, פון זיינע דערפאָלגן אין זיינע עקספּערימענטן מיט יחידים, האָט גענו־
מען זיין פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע אויסשפּרייטן אויף פעלקער, אויף דער רע־
ליגיע, אויף דער מענטשלעכער געשיכטע און אויך אויפן אַנטיסעמיטיזם. אָבער
אַ יחיד קען מען אַוועקלייגן אויף אַ בעטל אין אַ האַלב־טונקל צימער, אים
לאָזן ריידן, בעת דער „נשמה־דאָקטער" פאַרצייכנט אַלץ רויִק און געפינט דער־
נאָך — אָדער אים דאַכט זיך, אַז ער געפינט אין דעם פלאָנטער דעם פאָדעם
— קען מען נישט אַוועקלייגן אויף אַ בעטל אַ פאָלק, אַוודאי נישט די מענטשהייט.
דאָ מוז מען זיך שוין פאַרלאָזן אויף השערות, סברות און פּלפּול.

און נישט נאָר איז עס אַזוי מיט אַ פאָלק, אָדער מיט דער מענטשהייט, נאָר
אַפילו מיט אַ גרויסער היסטאָרישער, אָדער מיטאָלאָגישער פיגור, וואָרן אויך
אַזאַ איבערמענטשלעכן יחיד פון דעם ווייטן אַמאָל קען מען נישט אַוועקלייגן
אויפן בעטל אין פּסיכאָאַנאַליטיקערס קאַבינעט. אַ ביישפּיל האָבן מיר אין פרוידס
בוך „משה", וואָס טרונק ציטירט מיט אַזאַ התלהבות און וואָס איז פאַרט אַן
אומבאַהאָלפן און פּשוט לעכערלעך ווערק. עס וואָלט מיך צו ווייט פאַרפירט און
עס וואָלט געדאַרפט צופיל אָרט פאַרנעמען איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון
דעמדאָזיקן ווערק. עס וועט אָבער, גלייב איך, גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז אין
זיין פאַרזוך צו באַווייזן, אַז משה איז נישט געווען קיין עברי, נאָר אַ מצרי, אַן
עגיפּטער, שפּילט ביי פרוידן אַ וויכטיקע ראָל דער נאָמען משה... משה איז אַן
עגיפּטישער נאָמען, אַ שטאַרקער באַוויז פאַר פרוידן, אַז משה איז געווען אַן
עגיפּטער — און דאָס נישט געקוקט דערויף, וואָס דער חומש אַליין דערציילט
די געשיכטע ווי אַזוי משה איז געבראַכט געוואָרן אין פרעהס הויף און דאָרט
אויפגעצויגן געוואָרן. דער עגיפּטישער נאָמען איז דעריבער נאַטירלעך פאַר
אים. נו, און וואָס איז מיט יענע תנאים, וואָס האָבן געהאַט באַבילאָנישע און
גריכישע נעמען און מיט די ייִדן, וואָס טראָגן שפּאַנישע, דייטשע און סלאַווישע
נעמען? זענען זיי קיין ייִדן נישט?

וויכטיק איז דערביי נאָך אַ פּונקט, וואָס אילוסטרירט פרוידס פאַלשן צו־
גאַנג צו פּראָבלעמען, וואָס ליגן מחוץ די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פון זיין
פּריוואַטן קאַבינעט. בעת פרויד לייגט אַוועק ביי די פיס — אָדער גענויער:
אין דער פּסיכיק — פון דער מענטשהייט דעם פאָטער־קאָמפּלעקס און דאָס שולד־
געוויסן, וואָס מיט זיי באַמיט ער זיך צו דערקלערן אַלע ראַנגלענישן אין דעם
מענטשלעכן כאַראַקטער, באַהאַנדלט ער די מענטשהייט, ווי זי וואָלט געווען
איין אָרגאַנישע איינהייט. אין זינען איז פרוידן געלעגן די ייִדיש־קריסטלעך־
איסלאַמישע וועלט, וואָס איז אונדז אַלעמען מער־ווייניקער באַקאַנט און נאָענט.
אַפילו, ווען זיין בליק פאַלט אויך אַריבער די גרענעצן פון דערדאָזיקער וועלט,

איז עס אַן אויבערפלעכלעכער בליק. אין דער אמתן זענען אינדיע און כינע מיט זייערע הונדערטער מיליאָנען איינוווינער, יאַפּאַן, טיבעט, דאָס פּאַרצייטיקע פּערסיע — מיט זייערע געשיכטעס, קולטורן, רעליגיעס, פילאָסאָפיעס, טראַדיציעס און לעבנס־באַנעם — אַזוי אומגעהייער אַנדערש פון דער וועלט, וואָס ציט איר יניקה פון ירושלים, רוים און אַטען, אַז זיי זענען פּאַקטיש באַזונדערע וועלטן, אָדער „מענטשהייטן", וואָס ווען אַפילו אַ טעאָריע זאָל זיך פּאַסן צו דער יידיש־קריסטלעך־איסלאַמישער וועלט, קען זי בשום אופן נישט אָנגעווענדט ווערן אויף זיי. יעהאָווע און בראַמאַ, משה און בודאַ, זאַראָאַסטער און קריסטוס, קרישנא און מאַכמעד זענען אַזוי פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע — פסיכאָלאָגיש און טעאָלאָגיש — אַז יעדע אונטערנעמונג זיי אונטערצוּוואַרפן דערזעלביקער מעטאָדע פון דיאַגנאָז און אַנאַליז, איז בפירוש לעכערלעך.

אָבער מיין איצטיקע אויפגאַבע איז דער עיקר זיך צו פאַרנעמען מיטן אַנטיסעמיטיזם, ווי ער ווערט אינטערפּרעטירט פון טרונקן אויפן יסוד פון פרוידס פסיכאָאַנאַליטישער שיטה און — ווי ער איז אין דעם ליכט פון היסטאָרישע פאַקטן. אויב נישט דער „פאָטער־קאָמפּלעקס און דאָס שולד־געוויסן", וואָס פרויד האָט אָנגעהאַנגען דער מענטשהייט, ווי אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, כדי אויף אַן אייגן־פאַבריצירטן טעאָלאָגישן אופן צו דערקלערן די ראַנגלענישן אין מענטש, דאָס אור־אַלטע פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס און די שנאה צו יידן — אויב נישט דאָס, ווו און וואָס איז דער מקור פון יידנהאַס? פאַרוואָס ווערן יידן שוין טויזנטער יאָרן פאַרפאָלגט און געשאָכטן?

שטראָמט די שנאה צו יידן פון רעליגיעזע פאָראורטיילן, אָדער פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען? און דאָ איז י. י. טרונק, דער מאמין אין דער פרוידיאַנישער טעאָלאָגיע, גערעכט, ווען ער וואַרפט דאָס אָפּ. ער האַלט, ווי יעדער, וואָס דרינגט אַריין טיפער אין די דערשיינונגען, אַז רעליגיעזע און עקאָנאָמיש־סאָציאַלע מאָטיוון, ווערן בלויז אויסגענוצט, כדי אָנצוּרייצן דעם המון קעגן יידן, ווי און ווען עס לוינט זיך פאַר די אויפרייצער. אָבער די טרייב־קראַפט פון דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע, אַלצאיינס, צי זי באַזירט זיך אויף רעליגיעזע, אָדער פּאָליטיש־סאָציאַל־עקאָנאָמישע, אָדער ראַסישע מאָטיוון, דאַרף מען נישט זוכן אין אַן אויסגעטראַכטער טעאָלאָגיע וועגן אַן אור־פאָטער, וועמען די זין האָבן דערהרגעט, שולד־קאָמפּלעקס, פילהייט און איינסקייט, נאָר אין דער נאַטירלעכער שנאה, אין דעם אַטאַוויזם פון דזשונגל, וואָס לעבט נאָך טיף אין אונדז. בעת אויסערלעך איז דער מענטש בצלם אלוהים, איז ער אינערלעך נאָך אַלץ אַ חיה־רעה, אַ בעסטיע, וואָס רעוואָלטירט כסדר קעגן דעם ווערנדיקן

מענטש, וואָס וויל זי צאַמען דורך עטישע, מאָראַלישע געזעצן, אחריותן און התחייבותן.

אונדזער ערדישער פּלאַנעט איז נאָך נישט פאַרטיק. ער איז נאָך אין פּראָ־צעס פון ווערן — דערפאַר ערדציטערנישן, הוראַגאַנען, טאָרנאַדאָס, פאַרפּלייצונ־גען. דערפאַר איז נאָך שולט דער רויער געוואַלט, די הערשאַפט פון אכזריות אין דער נאַטור — אין דער לופט, אין די וואַסערן און אויף דער פלאַך פון דער ערד, ווו די שטאַרקערע פאַרצוקן די שוואַכערע. און דער מענטש, די ריידנדיקע און דענקענדיקע חיה, איז נאָך אַ לפי־ערך יונג באַשעפעניש און נאָך זייער ווייט פון פאַרטיק זיין. עס גייט נאָך אין אים אָן דער „ויתרוצצו" צווישן יעקב און עשו, צווישן וואַלד און קולטור, צווישן הפקר און עטיק — דערפאַר קנאה־שנאה, רציחה, מלחמה. דער צאַם, אָדער דער קאַרסעט פון עטישע כללים, וואָס האָט ווי־עס־איז געפּענטעט די חיה־רעה אין דעם מענטשלעכן וועזן, פּלאַצט דעריבער ביי דער מינדסטער פּראָוואָקאַציע. האָבן מיר דאָך געזען ווי אַ פאָלק, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען ווי „דאָס פאָלק פון דיכטער און דענקער", האָט איבערנאַכט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער, צעיושעטער בעסטיע, ווי נאָר זיינע מושלים האָבן געזאָגט, אַז מען מעג שעכטן גאַנצע פעלקער און דער עיקר ייִדן, לית דין ולית דיין.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מיר אויסגעקומען צו פירן אַ לענגערע פּאָלעמיק מיט רודאָלף ראָקערן, דעם איידעלן אידעאַליסט און אַנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער, וועגן דער שולד, אָדער אומשולד פון דעם גאַנצן דייטשן פאָלק. מיין טענה איז געווען, אַז בלויז דייטשן זענען קאַפּאַבל אויף אַזעלכע בלוטיקע אָרגיעס פון וועלט־פאַרנעם, און ראָקער האָט געטענהט, אַז לאו דווקא. נישט דייטשן זענען אַלעמאָל אַזוי שלעכט און נישט די אַנדערע פעלקער זענען אַלעמאָל אַזוי גוט. איך בין זיך איצט מודה, אַז אין האַרץ האָב איך ראָקערן חושד געווען, אַז ווי פרעמד נאַציאָנאַלע סענטימענטן זענען נישט זיין כאַראַקטער, רעדט דאָס פּאַרט פון אים אַרויס דער דייטש — לאָמיר זאָגן: אומבאַוווסטזיניק, אָדער אונ־טערבאַוווסטזיניק. אָבער ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און מיר האָבן באַקומען אַ פול בילד פון היטלערס אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן ייִדן און מיליאָ־נען פון אַנדערע פעלקער, האָב איך איינגעזען, אַז נישט איך בין אינגאַנצן גערעכט געווען און נישט ראָקער איז אינגאַנצן אומגערעכט געווען. די דייטשן וואָלטן קיינמאָל נישט געקענט באַגיין אַ רציחה פון אַזאַ אומגעהייערן פאַרנעם, ווען נישט די גרויס־גרויסע הילף פון פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, לעטן, רומענער, אונגאַרן און אַנדערע.

אַ ביסל שפּעטער זענען געקומען די ענגלענדער און נאָך שטאַרקער באַטאַנט, אַז אכזריות און רציחה זענען נישט קיין דייטשער מאָנאָפּאָל, אַז אויך זיי זענען פעיק דערויף, כאָטש מיר וואָלטן עס געדאַרפט געדענקען פון ענגלאַנדס קאָלאָניאַלער פּאָליטיק אין אַפריקע און אין אַזיע, אָבער אינערגעץ און קיינמאָל פריער האָט איר רשעות נישט אָנגענומען אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, ווי איר טייוולאָנישע האַנדלונג לגבי די ווייניק לעבנגעבליבענע, הילפלאָזע, געפּייניקטע ייִדישע היטלער־קרבנות, וועלכע האָבן זיך געצויגן קיין ארץ־ישראל — און אין ארץ־ישראל גופא, אונטער איר מאַנדאַט. די גלייכגילטיקייט פון דער איבעריקער וועלט, דערין אַמעריקע, צו דער גרעסטער וועלט־טראַגעדיע — מיט זייער־זייער ווייניק אויסנאַמען — באַשטעטיקט נאָך שטאַרקער דאָס חיה־רעהשע, וואָס וואָרצלט נאָך אַלץ אין מענטש, אַז די גייסטיק־עטישע עוואָלוציע פון חיה צו מענטש איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. בלויז ווען מען גייט צו צו מענטש און וועלט ווי צו אומפאַרענדיקטע „פּראָדוקטן”, וואָס זענען נאָך אין דער בחינה פון שלאַכטפעלדער, ווו עס ווערט אָנגעפירט דאָס געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, ליכט און פינצטערניש — אָדער גאָט און שטן — און אַמאָל זיגט איינער, אַמאָל דער אַנדערער — קען מען געהעריק פאַרשטיין די וועלט־פּאַנאָראַמע פון כסדרדיקן קאַמף, פון דער ווילדסטער רציחה אין מיטן פון קולטור, עטיק, מאָראַל און פרומע תפילות, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו פרווידס נייער טעאָלאָגיע *).

נאָך קלאָרער ווערט פאַר אונדז די אַטאַוויסטישע שנאה, וואָס ראַיעט אין אונדזער וועזן, ווען מיר באַאָבאַכטן קינדער, וואָס אײדער די מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער דערציִונג, אין דערהיים און אין שול, קלעפּן זיך צו זיי מער־וויניקער צו, דעמאָנסטרירן זיי אַן אויסערגעוויינלעכן סאַדיזם, וואָס דריקט זיך אויס אין פּייניקן שטומע באַשעפעניש, אין שלאָגן איינע די אַנדערע ביי דער מינדסטער פּריטשעפּקע, אָפט איינגאַנצן אָן אַ פּאַרוואָס, אין באַפאַלן באַנדעסווייז שוואַכערע, אין ברעכן און שטעכן. פון מיין אייגענער קינדהייט געדענק איך ווי ייִנגלעך, אין עלטער פון 8 ביז 12, פלעגן אָנטראָגן הויפנס שטיינער אין די קאָרידאָרן פון די הייזער, דערנאָך זי וואַרפן דורך די פענצטער אויף פאַרבייגייער. נישט איין קאָפּ איז אַזוי־אַרום צעשפּאָלטן געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס. רחמנות און מאָראַלישע אחריות איז דעם יונגוואַרג אַבסאָלוט פרעמד. דידאָזיקע געפילן ווערן אין זיי פאַמעלעך פאַרזייט דורך דער דערציִונג, אָבער ווען זיי ווערן שוין דערוואַקסענע מענטשן איז די חיה־רעה אין זיי בלויז גע־

*) זע מיין „אַני מאַמין” און אויך מיין בוך Our unfinished wordl וואָס איז אין 1948 דערשינען אין ניו־יאָרקער „אַרקאַ”־פאַרלאַג.

צאַמט, אָבער נישט טויט. אין היפּוך צום גלויבן פון אַזעלכע אידעאַליסטן, ווי רוסאָ און טאָלסטאָי, אַז דער מענטש איז פונדאַמענטאַל גוט, קען לייכט באַוויזן ווערן, אַז ער איז פונדאַמענטאַל שלעכט, אַז דאָס גוטע — דאָס עטישע, דאָס מאָראַלישע, וואָס ווערט אין אים פאַרפלאַנצט פון דרויסן — איז נאָך נישט גענוג טיף און שטאַרק פאַרוואָקסן אין אים — אין אונדז. דער קאַמף צווישן אַהורא־מאַזדאַ און אחרימון איז נאָך אין פולן פלאַקער אין דער וועלט און אין מענטש.

ביי דעם פּונקט איז כדאי פאַרבייגייענדיק זיך אָפּצושטעלן אויף אַ פאַרביי־גייענדיקער באַמערקונג אין י. י. טרונקס עסיי וועגן די אַלטע פּערסיער (פאַרסיס), וואָס זיי האָבן, ווי ער דריקט זיך אויס, „געדינט צום פייער־קולט פון זאַראַאַסטער". דאָס איז ווי כאַראַקטעריזירן דאָס יידנטום ווי „דער קולט פון תפילין־לייגן", אָדער ווי „דער קולט פון ליכט בענטשן". זאַראַאַסטיאַניזם איז די רעליגיע פון דואַליזם, פון די צוויי כוחות אין דער וועלט, וואָס פירן אַן אייביקן קאַמף צווישן זיך: אַהורא־מאַזדאַ, דער גאָט פון ליכט, ליבע און גוטס, און אחרימון, דער גאָט פון פינצטערניש, שלעכטס און שנאה. אין דער „זענד־אַוועסטאַ", זאַראַאַסטערס וואונדערלעך פּאָעטיש־פילאָסאָפישע תורה, ווערט גע־שילדערט דערדאָזיקער גיגאַנטישער וועלט־געראַנגל און עס ווערט אָנגעזאָגט, אַז גוטע מעשים העלפן דערנענטערן דעם פולן נצחון פון גוטס און גערעכטיקייט, בעת שלעכטע מעשים שטאַרקן דעם פינצטערן גייסט. פייער סימבאָליזירט ליכט און לייטערונג — דערפאַר ריכטן־אָפּ די זאַראַאַסטיאַנער זייערע תפילות אַרום אַ פייער.

*

י. י. טרונק באַטאָנט, אַז „דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט נאָר דער פּראָדוקט פון גלות, ווי עס ווילן אונדז איינשמועסן די ציוניסטן. אַז נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין אייגן לאַנד און קיין אייגענע מלוכה, האָבן מיר זיך אַזוי ביטער באַפיינדט ביי דער מענטשהייט" — דאָס רעדט שוין פון אים אַרויס נישט פּרויד, נאָר זיין פאַרטיי־אידעאָלאָגיע. צו באַשטעטיקן זיין באַהויפּטונג, ווייזט ער אָן אויף דעם שאַרפן אַנטיסעמיטיזם אין דער גריכישער און רוימישער וועלט בימי הורדוס, אויף די ווילדע אַנטי־יידישע טיראַדעס פון אַפּיאָן און אַנ־דערע. אָבער ווי ענלעך די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער צייט פון דער אַמאָליקער יידישער מלוכה און אין די גלות־עפּאָכן זאָלן נישט זיין, איז פונ־דעסטוועגן אַ געוואַלטיקער אונטערשייד צווישן זיי. דער אַנטיסעמיטיזם אין דער

צייט פון דער יידישער מלוכה, איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדע, וואָס אין אונדזער ערע רופט מען עס „נערוון־קריג״ און וואָס זי האָט געצילט צוצוגרייטן פּסיכאָלאָגיש און באַרעכטיקן פּאָליטיש־מאָראַליש דעם אימפּעריאַליסטישן אָנפאַל אויף דער יידישער מלוכה, אַ מיטל, וואָס ווערט פּראַקטיצירט ביזן היינטיקן טאָג צווישן מלוכות און וואָס איז דערגאַנגען צום סאַמע עקסטרעמען אויסברוך אין היטלערס „מיין קאַמף״.

דער אַנטיסעמיטיזם אין די צייטן פון גלות איז פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער — דאָס איז אַ שנאה, וואָס צילט צו פּאַרטיליקן אַ שוואַכערן, דעם שוואַכסטן, אַ פאָלק, וואָס האָט ביז 1948 בישט געהאַט אינערגעץ נישט קיין אייגענע מלוכהשע אינסטאַנץ, וואָס זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן. אַ שוואַכע מינאָריטעט אומעטום זענען יידן אַ באַקוועמער שעיר־לעזאזל פאַר אַלע צרות און אָנשיקענישן. בעת אַלע גרויסע אויפטואונגען פון יידישע דענקער, שריפטשטעלער און וויסנשאַפטסלייט ווערן צוגעשריבן צו אַנדערע, נישט־יידישע קולטורן, ווערט די מינדסטע יידישע עבירה אַרויסגערוקט ווי אַ יידישע כלל־כאַראַקטעריסטיק, אויסער וואָס אַלע פרעמדע זינד און פאַרברעכנס ווערן אונדז צוגעוואָרפן.

די נאַטירלעכע, די איינגעבוירענע שנאה אין דעם מענטש דאַרף בלויז געפינען — און זי זוכט אַזוינס כסדר — אַן אויסרייד, אַ באַרעכטיקונג. צו דער באַקוועמלעכקייט אונדז צו מאַכן פאַר דער כפּרה פאַר פרעמדע זינד און רייצן אויף אונדז דעם המון, האָט אויך צוגעדינט אונדזער אַנדערשדיקייט. קוקט זיך, אדרבא, צו, ווי מען באַציט זיך אַפילו צו אַ יחיד, וואָס איז אַנדערש, וואָס באַוויזט זיך אין גאַס געקליידט אַנדערש, ווי די איבעריקע. ער ווערט דער אָביעקט פון חוזק, פון באַליידיקונגען און קליינוואַרג באַוואָרפט אים מיט שטיינער. די שנאה אין דעם מענטש געפינט דאָ אַן אויסרייד פאַר איר אַטאַקע און אַפילו אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג... אַ פּשיטא שוין אַ ייד, וואָס איז דורכויס אַנדערש, לעבט אַנדערש, רעדט אַנדערש, דאַוונט אַנדערש און דענקט אַנדערש. דערפאַר זענען המנס רייד וועגן אונדזער אַנדערשקייט אַזוי מאָדערן, אַזוי אַקטועל אין אַלע צייטן. און זענען מיר אין דעם פּרט בעסער? פּוילישע יידן זענען געווען „אַנטיסעמיטן״ אויף ליטוואַקעס. די שנאה איז אַפילו אַריין אין אונדזער פאָלקלאָר. יידישע קינדער האָבן אין די וואַרשעווער גאַסן געזונגען: „ליטוואַק חזיר, טשו־טשו־טשו; לייג זיך אין דר׳ערד אַריין, ליו־ליו־ליו״.

איטשע מאיר ווייסענבערג, דער גרויסער יידישער דערציילער, האָט ממש געשוימט מיט רציחה אויף ליטוואַקעס. זייער אַנדערשדיקייט, זייער אינטעליגענץ, זייערע געשעפטס־פעיקייטן האָבן אים געגרייצט, בפרט, אַז אָט־די „פרעמדע״ האָבן פאַרכאַפּט ווּיכטיקע פּאָזיציעס אין דער יידישער ליטעראַטור

און פּרעסע. אַ גאַנצע ראַסן־טעאָריע האָט ער געשאַפן וועגן די ליטווישע יידן — און ליטוואַקעס זענען ביי אים געווען אַלע, וואָס האָבן נישט גערעדט און געשריבן דעם זשעליכאָווער דיאַלעקט, אָדער וואָס האָבן אים געשטראָפט פאַר זיין אַנטי־ליטוויציזם. אַזוי האָט ער איינמאָל אין זיין זשורנאַל „אינדזער האָפּע־נינג", ווו עס האָבן זיך געדרוקט זיינע אַנטי־ליטווישע אַרטיקלען, אַזעלכע „פּראָ־טאָקאָלן פון די זקני ליטע", געשריבן, אַז די דיקטאַטאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע זענען „אַב. קאַהאַן, ד"ר שאַצקי און א. אַלמי"... ווי קען מען אויף אַזאַ שנאה אָנווענדן די מעשה מיטן פּאַטער־קאָמפּלעקס, שולד־געוויסן, פילהייט, איינסקייט?

די שנאה אין אונדז געפינט זיך אַלערליי אויסוועגן, לויט צייט און אומשטענדן, אָבער די שנאה ווערט אויך קאָנטראָלירט דורכן שכל־הישר, וועלכער וועט זי צאַמען, אויב איר קאָנקרעטיזירונג קען ווערן געפערלעך פאַר די אייגענע אינ־טערעסן. דערפאַר וועלן די אויסברוכן קעגן מינאָריטעטן, וואָס הינטער זיי שטייט אַ מלוכה, קיינמאָל נישט אָננעמען אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, ווי קעגן יידן. ד"ר הלל זיידמאַן דערציילט אין זיין „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ" ווי אין די שחיטה־טעג זענען עטלעכע יידן געראַטעוועט געוואָרן פון טויט דורך בירגער־פּאַפּירן פון פּאַראַגוויי, וואָס מ'האָט זיי צוגעשיקט, און ד"ר זיידמאַן קאָמענטירט דערויף: „...אָט געפינט זיך ערגעץ... אין דרום־אַמעריקע אַ קליין לאַנד, מיט סך־הכל איבער אַ מיליאָן מענטשן, אַ לאַנד, וואָס האָט דער וועלט נישט געגעבן קיין תנ"ך און נישט באַרייכערט די מענטשהייט, — און אָט־דאָס קליינע ווייטע לאַנד האָט אַ כוח צו פּאַרוואַנדלען שוצלאָזע, צום טויט־פּאַראורטיילטע שקלאַפן — אין בירגער, וואָס ווערן געשיצט און רעספּעקטירט!"... די דייטשן האָבן פיינט פּאָליאַקן און סלאַווען בכלל אפשר נישט ווייניקער ווי זיי האָבן פיינט יידן, דאָך האָבן זיי זיך נישט דערלויבט אָפן, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, דורכ־צופירן אויף זיי אַזאַ מיליאָנען־שחיטה, ווי אויף דעם יידישן פאָלק. אונדזער היימלאָזיקייט אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות האָט אונדז דערפירט קיין טרעב־לינקע און מיידאַנעק.

עס איז דעריבער צו שטוינען, וואָס נאָך אַצינד, נאָך אונדזער גרעסטן חורבן, נאָכדעם ווי דער גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס דער „בונד" האָט געפּרעדיקט, האָט פאַרלוירן די נאַציע, פאַר וועלכער זיין נאַציאָנאַליזם איז געווען באַשטימט — מאַניפעסטירן נאָך זיינע גייסטיקע פירער דעם אייגענעם שנאת־ציון ווי פאַר דער קאַטאַסטראָפע, גלייך גאָרנישט האָט פּאַסירט. פונדעסטוועגן פילט קאָלעגע טרונק, אַפּנים, אַז עפּעס איז זיין בונדישע אידעאָלאָגיע איצט נישט אין דער בעסטער אָרדענונג, באַמיט ער זיך צו קריגן אַ היתר פון דער יידישער געשיכטע

אויף זיין אַנטי־ציוניזם. דאָס ייִדישע פאָלק אַליין וויל נישט קיין ייִדישע מלוכה, נישט אין ציון און נישט ערגעץ־אַנדערש־ווו. און אויב דאָס פאָלק וויל נישט, איז דאָך דער „בונד" גערעכט! ווו־זשע האָט י. י. טרונק אַנטדעקט אַזאַ היתּר פון ייִדישן פאָלק אַליין?

נו, דאָס גרויסע געפינס האָט טרונק געפונען ביי יאָזעפוס פלאַוויוסן. פלאַוויוס דערציילט ערגעץ, אַז אויף טיטוסעס אולטימאַטום זיך אונטערצוגעבן, האָבן די פאַרטיידיקער פון ירושלים געענטפערט: „אין דער פאָטער־שטאָט ליגט אונדז דאָס מינדסטע. זי מוז אונטערגיין, און גאָט האָט נאָך אַ בעסערן טעמפּל, ווי דער אין ירושלים, נעמלעך, די וועלט". דאָס אַלץ! — און דערפון דרינגט טרונק, אַז „פאָטערלאַנד שטייט אין פולשטענדיקן פסיכישן קעגנזאַץ צום ייִדישן וועזן... דאָס וועלט־פאָלקישקייט פון ייִדן שטימט דורכויס מיט זייער גאַנצער וועלט־באַנעמונג", די וועלט־באַנעמונג, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם ערשטן קאָנפליקט אין דער אור־„משפחה" (אַ צוריקשפּרונג פון „בונד" צו פרוידן)...

קען איך זיך ממש נישט גלויבן, אַז טרונק, וואָס האָט, דאַכט זיך, סמיכה אויף רבנות, זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען דעם זין פון דעם ייִדישן ענטפער טיטוסן. די פאַרטיידיקער פון ירושלים קעמפן האַרטנעקיק, העלדיש ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. פאַרוואָס? פאַר דעם ייִדישן פאָטערלאַנד, פאַר דער ייִדישער זעלבסט־שטענדיקייט. אָבער ווען זיי באַגרייפן, אַז קיין האָפענונג איז שוין נישטאָ צו ראַטעווען ירושלים פון מעכטיקן רוים, רייצן זיי זיך מיט טיטוסן: אויב דו מיינסט, אַז מיטן צעשטערן ירושלים, וועסטו צעשטערן דאָס ייִדישע פאָלק, דעם ייִדישן גייסט, די ייִדישע עטיק — האָסטו אַ טעות. אונדזער גאָט איז אומעטום, כל הארץ מלא כבודו. דאָס איז דער זין פון זייער ענטפער, וואָרן אַ חוץ אַ ירושלים של מטה איז אויך דאָ אַ ירושלים של מעלה, אַ גייסטיק ירושלים, וואָס קיין שום פיזישע מאַכט קען נישט חרוב מאַכן. מען דאַרף זיין זייער שטאַרק פאַרבלענדט פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע, כדי אַריינצולייגן אַן אַנדער זין אין דעם קלאָרן ענטפער טיטוסן.

אָבער לאָמיר זאָגן, אַז טרונק האַלט זיך באַרעכטיקט צו אַן אייגענער אויסטייטשונג פון דעם פּסוק פלאַוויוס, איז עס דאָך אַלץ נישט מער ווי איין שטיקל פּסוק. וואָס איז מיט משהס און יהושעס מאַרשרוט צו אַ ייִדישער מלוכה — אין נאָמען פון גאָטס הבטחה אויפן פאַרשפּראָכענעם לאַנד? וואָס איז מיט ירמיהוס יאָמער אויף חורבן ירושלים, אויף אונדזער פאַרטריבן ווערן פון פאָ־טערלאַנד? וואָס איז מיטן „כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים", מיט די נביאים, מיט די מכבים, מיט בר־כוכבא און רבי עקיבא, מיט אונדזערע תּפילות, וואָס זענען פול מיט געבעט אויף שיבת־ציון, מיט דעם אומגעהייערן דערפאָלג

פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט ענדלעך דערפירט צו דער באַנייאונג פון דער יידישער מלוכה? ווערט דאָס אַלץ בטול אַנטקעגן איין פּאַראַגראַף ביי פלאַוויוסן? קאָלעגע טרונק, וואָס ער איז אַזאַ לײדנשאַפטלעכער מאמין אין פרוידן, וואָלט זיך געדאַרפט אַריינכאַפּן צו אַ גוטן פּסיכאָאַנאַליטיקער — און אַהין מיטנעמען אַלע יענע אידעאָלאָגן פון „בונד“, וואָס אינטערפּרעטירן די יידישע געשיכטע אַזוי ווי ער — אפשר וועט דער פּסיכאָאַנאַליטיקער אימשטאַנד זיין אויפצוקלערן דאָס רעטעניש פון דער בונדישער פּסיכיק *).

---

*) דאָ איז כדאי מוסיף צו זיין אַ באַמערקונג וועגן פרוידס מעשה מיטן שולדגעפיל (דערפון, וואָס אין דער אור־צייט האָבן די זין אויפגעגעסן דעם פאָטער), פון וועלכן טרונק האָט אַזאַ הנאה. די גאַנצע מעשה איז אַ בבא־מעשה! אין יענער ווייטער אור־צייט איז אַזאַ אַקט געווען אַזוי נאַטירלעך ווי אין אונדזער צייט דאָס אויפעסן אַן עוף... און אויב נאַטירלעך, בלייבט נישט קיין שולד־געפיל. פרוידיאַנישע מיטאָלאָגיע!

דער איבערמענטש פון פרייען ווילן

ראובן אַגושעוויטש, דער מחבר פון „אמונה און אפיקורסות", האָט שוין פריִער אַרויסגעגעבן צוויי ווערק וועגן פילאָסאָפיע: „די אַלט־גריכישע פילאָסאָפיע" און „פּרינציפּן". דער מחבר ווייזט אַרויס אַ סך בקיאות אין פילאָסאָפיע און נישט נאָר איז ער אַ שאַרפער קריטיקער און אַנאַליטיקער פון די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע שיטות, נאָר ער האָט אויך אייגענע אידייען מוסיף צו זיין.

אָבער עס דאַרף דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז דער נאָמען פון דעם בוך איז פאַרפירעריש. פון אמונה, ווי מיר פאַרשטייען דאָס — פאָרמאַליסטישע, דאָגמאַטישע רעליגיע — איז אין דער גאַנצער אָפּהאַנדלונג כמעט גאָרנישט דאָ. דער מחבר אַליין זאָגט אין זיין „וואָרט צום לעזער", אַז „אמונה לאָזט זיך גוט אָננעמען, אַפילו ווען מען איז אַליין אין דעם נישט איבערצייגט. ווערן דאָך (די מערסטע זאַכן אָנגענומען — און מוזן אָנגענומען ווערן — בלויז אויפן סמך פון גלויבן". נאָך קלאָרער ברענגט דאָס אַרויס ד״ר יקותיאל גינצבורג, דער באַוווּסטער מאַטעמאַטיקער און רעדאַקטאָר פון „סקריפּטא מאַטעמאַטיקא", אין זיין פאָרוואָרט צום בוך. דער חשובער געלערנטער ווייזט ריכטיק אָן, אַז מען קען נישט ריידן וועגן אַ סתירה צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט, מחמת „די פעלדער פון די צוויי גרויסע אַקטיוויטעטן זענען נישט דיזעלביקע... די דערקענטעניש, אַז אויסער דעם קרייז פון דער וויסנשאַפט געפינט זיך אַ וועלט פון דערפאַרונגען, וואָס ציט זיך אָן אָן ענד, איז דער אָנהייב פון רעליגיע".

אַגושעוויטש האָט דאָס לכתחילה פאַרשטאַנען און אָנשטאָט זיך אָנצוגורטן די לענדן צו באַווייזן די אמתדיקייט פון דער פאָרמאַליסטישער רעליגיע מיט איר ריטואַליסטיק, האָט ער זיך אונטערגענומען איינצווואָרפן די פעסטונג פון מאַטעריאַליזם און אַטעיִזם, באַוואָפנט מיט ראיות פון דער דעיִסטישער און טעיִסטישער פילאָסאָפיע. די רעליגיע, ווי מיר פאַרשטייען זי, פטרט ער אָפּ

מיט אַ באַמערקונג דאָ און דאָרט, אָדער מיט אַ מאמר חז״ל, צי מיט אַ ציטאַט פון אַ גלויביקן פילאָסאָף. אַזוי ציטירט ער פון העגעלס „פילאָסאָפיע פון רעכט״ (ז׳ 10), ווו עס ווערט געזאָגט, אַז „ס׳איז אַ באַרימטער מאמר, אַז אַ האַלבע פילאָסאָפיע פירט אַוועק פון גאָט, בעת אַן אמתע פילאָסאָפיע פירט צו גאָט״ (אַגושעוויטש, אַן אָרטאָדאָקסישער רב, שרייבט: ג־ט). ווייס איך נישט, צי העגעל האָט טאַקע נישט געוווּסט, אַז דער מחבר פון דעם „באַרימטן מאמר״ איז דער פילאָסאָף פראַנציס בייקאָן (אין זיין עסיי „וועגן אַטעיִזם״), אָדער ער האָט סתם אויסגעלאָזט דעם נאָמען און דערביי אַ ביסל נאָכלאָזיק ציטירט. דער מאמר גייט אַזוי: „אַביסל פילאָסאָפיע נייגט דעם מענטשנס געדאַנק צו אַטעיִזם, אָבער פאַרטיפונג אין פילאָסאָפיע ברענגט דעם מענטשנס געדאַנק צו רעליגיע״. אין אָנהייב פון דערדאָזיקער עסיי זאָגט בייקאָן אויך, אַז ער וועט ליבערשט גלויבן די פאַבלען (אין דער מיטאָלאָגיע), אין תלמוד און אין אַלקאָראַן, ווי גלויבן, אַז דער אוניווערס איז אָן אַ שׂכל.

נאָך אַ פעסטונג שטורעמט אַגושעוויטש און וויל זי דווקא איינוואַרפן — דאָס איז דער דעטערמיניזם. דער מחבר איז אַ התלהבותדיקער מאמין אין פרייען ווילן און ער ווידמעט זיינע בעסטע קריטיש־אַנאַליטישע כּוחות אויף באַווייזן די פאַלשקייט פון דער דעטערמיניסטישער שיטה און דעם אמת פון דעם אינדעטערמיניזם. געהער אָבער דאָס פּראָבלעם פון פאַראויסבאַשטימטקייט און בחירה חפשית צו יענע קאָסמישע רעטענישן, וואָס כּל־זמן זיי ווערן באַ־האַנדלט ריין־אַבסטראַקט, פילאָסאָפיש, דורך לאָגישער ספּעקולאַציע — אָן פּאַק־טישע באַווייזן — קענען זיי נישט געלייזט ווערן. דער גרעסטער דענקער פאַלט דאָ אַריין אין אַ פאַרכישופטן קרייז און יעדער אַרגומענט פאַר פרייען ווילן קען כּהרף־עין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרגומענט פאַר דעטערמיניזם — און פאַר־קערט. אַ קלאַסישער ביישפּיל איז דער עפּיזאָד מיט פּראָפ׳ וויליאַם דזשיימס, וועלכער האָט איינמאָל דערציילט מיט פרייד זיינע סטודענטן אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, אַז יענעם פרימאָרגן האָט ער אומבאַשטרייטבאַר באַוויזן זיך אַליין, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן — דורך ברעכן זיין טעגלעכע רגילות צו שפּאַצירן צו דער אוניווערסיטעט מיטן קורצסטן, באַקוועמסטן (וואָס דאָס מיינט ממילא: לאָגישסטן) וועג. כּדי צו דעמאָנסטרירן זיין פרייע ברירה האָט ער דאָסמאָל אָנגעלייגט אַ לאַנגן, אומבאַקוועמען (און אומלאָגישן) וועג. אָבער עס האָט זיך געלוינט... נו, אַ דעטערמיניסט קען דאָ גלייך זאָגן, אַז דזשיימס האָט דערמיט באַוויזן פּונקט דעם היפּוך — אַז דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן, דאָס, וואָס עס האָט אים אויסגעזען ווי אַ פרייוויליקער אַקט, איז אין אמתן געווען אַ פרע־דעטערמינירטער מוז...

הרב אַגושעוויטש פילט זיך דעריבער געצוווּנגען, נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקן גלויבן אין אינדעטערמיניזם, אָנצונעמען די פשרה, וואָס דאַרף פאַר־שמעלצן אינדעטערמיניזם מיט דעטערמיניזם. ס'הייסט, אַז מיט פרייען ווילן זענען געבענטשט בלויז יחידי־סגולה. דאָס הייסט, אַז די גרויסע מאַסן געוויינט־לעכע, דורכשניטלעכע מענטשן האָבן נישט קיין פרייע ברירה און פאַר זיי איז דעטערמיניזם יאָ אַ פאַקט. מיר ווערן אַזוי־אַרום באַגליקט מיט אַ נייעם מין איבערמענטש — אַן איבערמענטש פון פרייען ווילן. און דער מחבר האָט זיך אַזוי אַריינגעאַרבעט אין דער דאָזיקער פשרה, אָדער הנחה, אַז באַלד רעדט ער שוין דערפון ווי עס וואָלט געווען אַ וויסנשאַפטלעך־באַוויזענער פאַקט, און ער דערמאָנט אונדז כסדר, אַז „מען טאָר... נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס עס איז שוין דאָ פריִער דערמאָנט געוואָרן, אַז פרייער ווילן איז נישט קיין ביליקער גאַסט און אַז ער שטייט־איין נאָר ביי יחידי־סגולה (ז' 140).

וואָס האָט דעם מחבר געצוווּנגען אָנצונעמען אַזאַ פשרה? סיי די אומבאַ־האָלפנקייט אין פנים פון אַזאַ אייביק רעטעניש, ווי דער דיסקוטירטער ענין; סיי דער גלויבן אין נבואה. „רעליגיע, — שרייבט אַגושעוויטש און ער זאָגט אונדז נישט וועלכע רעליגיע — באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: (1) דער גלויבן אין ג־ט (גאָט) און (2) דער גלויבן אין נבואה, וועלכע דאַרף דערקלערן דעם שייכות צווישן ג־ט און דער וועלט" (ז' 12). ער חזרט איבער עטלעכע מאָל, אַז נבואה איז איינע פון די צוויי הויפּט־יסודות פון רעליגיע. אָבער ווען מיר גלויבן אין נבואה, אין דער רעאַליזירונג פון אירע פאָראויסזאָגונגען, נעמען מיר דער־מיט אָן, אַז דאָס פאָראויסגעזעענע פון דעם נביא, דעם חוזה, ליגט שוין פאַר־טיק ערגעץ אין צייט — און דאָס איז דעטערמיניזם. צוליב דעם איז דער מחבר געניייט געווען צו קומען צו דער דערמאָנטער פשרה און „אויף אַזאַ אופן, — זאָגט ער אונדז — דאַרף נבואה קענען באַשטימען אַפילו דאָס, וואָס וועט געשען געוויינטלעך מיט אַ מענטשן, מחמת געוויינטלעך וועט די אויפפירונג פון דעם מענטשן זיין דעטערמיניסטיש" (ז' 140). אַגושעוויטש פאַרשטייט, נאַ־טירלעך, אַז דער שידוך צווישן דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם איז נישט קיין זיווג מן השמים (אגב, אויך אַ דעטערמיניסטישער גלויבן) און ער זאָגט אַליין, אַז „טענהן אָבער אַנדערע, אַז נבואה קען גאָרנישט אַריינעמען אַ גלויבן אין אינדעטערמיניזם, ווייל די צוויי זענען גאָר אַ תרתי דסתרי: נבואה מיינט דאָך פאַרזען... וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט", בעת אינדעטערמיניזם איז אומבאַשטימטקייט בנוגע דער צוקונפט. נבואה און אינדעטערמיניזם שליסן דע־ריבער אויס איינע די אַנדערע. אָבער דער מחבר וויל אָט־די סתירה פאַרגלעטן מיט אַ פשטל, אַז „די לאָגיק פון תרתי דסתרי פאָדערט נאָר, אַז היפּוכים זאָלן

נישט קענען פאַרשטעלן דיזעלביקע זאַך. זי איז אָבער נישט קעגן דעם, אַז זיי זאָלן פאַרשטעלן פאַרשיידענע זאַכן" (ז' 139).

אויב אַזוי, פרעגט זיך: וואָס בלייבט פון דעם מחברס גאַנצער אַרגומענטאַציע (וואָס דאָס איז די אַרגומענטאַציע פון אַלע אינדעטערמיניסטן), אַז דער מענטש טראָגט די פולע אַחריות פאַר זיינע מעשים, מחמת ער האָט די ברירה אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס און דערפאַר איז שכר־ועונש באַרעכטיקט? און אויב בלויז יחידי־סגולה פאַרמאָגן פרייען ווילן, פרעגן זיך נאָך אַנדערע האַרבע קשיות. ווי אַזוי דערגרייכן זיי פרייען ווילן — דורך זייער אייגענעם ווילן, אָדער ס'איז ביי זיי אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט? אין ערשטן פאַל וואָלט עס געמיינט אַזוי: וויבאַלד אַ מענטש קען אין אַ דעטערמיניסטישער וועלט דערווערבן פרייען ווילן, דעמאָלט איז פרייער ווילן בלויז אַ פראַגע פון אַנשטרענגונג, ווי איינער קאָן דורך אַנשטרענגונג ווערן געבילדעט, ווערן אַן אַרכיטעקט, אַן אינזשעניער, אָדער עפּעס אַנדערש. דעמאָלט מיינט עס אויך, אַז דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם זענען בלויז פאַרשיידענע מדרגות, נישט קיין נאַטור־געזעץ, אייגנשאַפט, אָדער צושטאַנד; אין צווייטן פאַל — אויב, הייסט עס, געוויסע מענטשן ווערן געבוירן מיט דער מתנה פון פרייען ווילן, זענען זיי יוצאי־מן־הכלל; איז דערפון ווידער לאָגיש צו דרינגען, אַז ווי יעדער אויסנאַם באַשטעטיקן זיי דעם כלל, אָבער... אויב אַזאַ אויסנאַם איז מעגלעך, מוזן מיר זיך אויך פאַרשטעלן די מעגלעכקייט, אַז עס זענען דאָ יחידי־סגולה, וואָס זענען נישט אונטערגעוואָרפן דעם כוח פון גראַוויטאַציע...

פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף זיין אייגענער פאַרזיכערונג, אַז בלויז יחידי־סגולה באַזיצן פרייען ווילן, שטערט עס נישט דעם מחבר אַנצווענדן דעם פּרינציפּ פון בחירה חפשית אָגולנע, אויף גאַנצע פעלקער און אויפן גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע. אַזוי באַמיט ער זיך צוצושרייבן דעם אונטערגאַנג פון דער גרויסער אַראַבישער אימפּעריע מיט איר גרויסאַרטיקער קולטור און ציוויליזאַציע צום „פאַקט", וואָס די אַשוריטן, די מאַכמעדאַנער, וועלכע גלויבן אין דעטערמיניזם, האָבן באַזיגט די טוטוזולאַס, די מאַכמעדאַנער, וועלכע גלויבן אין פרייען ווילן. אויך דידאָזיקע סברא קען מען תיכף איבערדרייען אין אַן אַרגומענט פאַר דעטערמיניזם — און אין דעם פאַל נישט נאָר פון פילאָסאָפישן, נאָר אויך פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. אויב דערקלערן דעם אונטערגאַנג פון אימפּעריעס און קולטורן מיט דעם זיג פון דעטערמיניסטן איבער אינדעטערמיניסטן, מיינט עס דאָך, אַז די אינדעטערמיניסטן שוואַכן אָפּ דאָס פאָלק און ווערן שטענדיק באַזיגט...

פאַרוואָס זענען אונטערגעגאַנגען די גריכישע, רוימישע, עגיפּטישע און פערסישע ציוויליזאַציעס? פאַרוואָס איז אונטערגעגאַנגען די יידישע מלוכה און

פֿאַרוואָס האָט דאָס יידישע פֿאָלק דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגן און פֿינצטערן גלות? איז אין יעדן פֿאַל שולדיק דער נצחון פֿון דעטערמיניסטן איבער אינדעטערמי־ניסטן? על־פּי לאָגיק וואָלט דאָך געדאַרפֿט זיין פֿאַרקערט: די דעטערמיניסטן, וואָס זיי גלייבן, אַז אַלץ איז פֿאָראויסבאַשטימט, וואָלטן געדאַרפֿט זיין די פֿריד־לעכסטע מענטשן, גלייבנדיק, אַז דאָס, וואָס עס דאַרף פּאַסירן, וועט דאָך סיי־ווי פּאַסירן, אַז עס איז אומפֿאַרמיידלעך. די אָנהענגער פֿון אינדעטערמיניזם, דאַקעגן, וואָלטן געדאַרפֿט זיין די אַגרעסיווע, ענערגישע און טעטיקע, גלייבנדיק, אַז דער מענטש האָט אַ פֿרייען ווילן און ביי אים איז די ברירה אונטערצושטופּן די רעדער פֿון דער געשיכטע...

נאָך אַלע ראיות און אַרגומענטן פֿאַר און קעגן (אין שייכות צום פּראָבלעם דעטערמיניזם) מוזן מיר פֿאָרט צוריקגיין צום מאמר פֿון ספּינאָזאָן, וועלכן אָגושע־וויטש ציטירט: „מענטשן מיינען — זאָגט ספּינאָזאַ — אַז זיי זענען פֿריי, מחמת זיי זענען באַוווסטזיניק אין זייער וועלן און שטרעבן — און אין זייער אומוויסנ־קייט חלומען זיי אַפֿילו נישט וועגן די אורזאַכן, וואָס אַ דאַנק זיי זענען זיי גענייגט אַזוי צו וועלן און שטרעבן". און ספּינאָזאַ איז נישט דער איינציקער גרויסער דענ־קער, וואָס קומט, נאָך אַלע שפּעקולאַציעס וועגן דעטערמיניזם און בחירה חפשית, צום אויספֿיר, אַז ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האַנדלען מיר ווי אונדזער ווילן וואָלט געווען פֿריי, אַפֿילו ווען מיר וויסן, אַז ער איז נישט פֿריי (ז' 120). ספּינאָזאַ זאָגט אויך (אין „די עטיק"), אַז ווען דער שטיין וואָלט געקענט דענקען, וואָלט ער געדענקט, אַז ער פֿאַלט ווו ער וויל...

עס איז דאָ נאָך כדאי מוסיף צו זיין, אַז נישט נאָר פֿון פֿילאָסאָפֿישן, נאָר אויך פֿון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, דאַרפֿן מיר נישט באַטראַכטן דעטערמיניזם — אויב מיר נעמען אים אָן — פֿאַר עפּעס אַ פֿינצטערן גזר־דין. וויבאַלד מיר גלויבן אין דעם אוניווערסאַלן שכל, מוזן מיר אויך אָננעמען, אַז דער דאָזיקער אַלץ־אַרומנעמענדיקער פֿאַרשטאַנד, ווייסט וואָס ער טוט. אויב ער האָט אונדז אַריינ־געשטעלט אין אַ דעטערמיניסטישער וועלט, מוז עס האָבן אַ זין און אַ תכלית. וואָס ס'איז שייך אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, איז נישט קיין נפקא־מינה, צי מיר גלויבן אין דעטערמיניזם, אָדער אין אַ פֿרייען ווילן. קיין דעטערמיניסט האָט זיך נאָך נישט אָוועקגעזעצט מיט פֿאַרלייגטע הענט און געוואַרט, אַז זאַכן זאָלן געשען אָן זיין אָנטייל — מחמת זיי וועלן דאָך סיי־ווי געשען. דער גלויביקער אין דעטערמיניזם און דער גלויביקער אין פֿרייען ווילן זענען ביידע טעטיקע מענטשן און ביידע צדדים, אויב זיי זענען דענקענדיקע מענטשן, גענייגט צו פֿי־לאָסאָפֿישן פּלפּול, זענען ליידנשאַפֿטלעכע קעמפֿערס פֿאַר זייערע שטאַנדפּונקטן...

א. אַלמי

*

אַ סך שטאַרקער און אויסגעהאַלטענער איז ר. אגושעוויטש אין זיין קאַמף קעגן דער מאַטעריאַליסטישער פעסטונג. ער פילט זיך דאָ אויך זיכערער, ווייל דאָ קען נישט קומען צו אַזעלכע פאַרלעגנהייטן, ווי דער אָפּגרונט־טיפער ווידערשפּרוך צווישן דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם. דאָ באַגייט אָבער דער מחבר דעם טעות, וואָס ער שלאָגט זיך קעגן דעם אַרכאַאישן מאַטעריאַליזם, נישט נאָכפאָלגנדיק די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די מאַטעריאַליסטישע שיטות, ווי אין די קאָנצעפּציעס פון די קעגנערישע טעאָריעס, איבערהויפּט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. דער נעאָ־מאַטעריאַליזם איז אינגאַנצן אַנדערש, ווי דער אַמאָליקער, אַנטקעגן וועלכן אגושעוויטש קעמפט. דער מאַטעריאַליזם איז, אונטער דער השפעה פון די נייע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און דערפינדונגען, היפּשלעך „פאַרגייסטיקט" געוואָרן, אַריינגענומען אין זיך עלעמענטן, וואָס ער וואָלט אַמאָל אָפּגעוואָרפן ווי מעטאַפיזיק. דער איינציקער אָפּצווייג פון מאַטעריאַליזם, וואָס האַלט זיך פאַרעקשנט ביי די פאַרגליווערטע און באַנקראָטירטע מאַטעריאַליסטישע דאָגמעס, איז דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער — דער מאַרקסיזם, ווי דאָס האָבן שוין לאַנג צוריק אָנגעוויזן פאַרשיידענע סאָציאַלע און סאָציאַליסטישע דענקערס, צווישן זיי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

דער מאַטעריאַליזם אין אַלגעמיין — אויף די פיזיקאַלישע און ביאָכעמישע געביטן — האָט דורכגעמאַכט אַ גרינטלעכע רעוואָלוציע, דער עיקר אונטערן דרוק פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע און מאַקס פּלאַנקס קוואַנטום־טעאָריע. אין דער ערא פון אַזעלכע רעוועלאַציעס און רעוואָלוציעס אין די וויסנשאַפטן, זענען בכלל פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן אַ סך אידייען און הנחות, אַרום וועלכע די פאָרשטייערס פון די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע ריכטונגען האָבן אַמאָל געפאָכטן גרויסע מלחמות. עס איז בכלל אַריבער די צייט פון אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע, באַזירט אויסשליסלעך אויף לאָגישער — אָדער סכאָלאַסטישער — שפּעקולאַציע. יעדער פילאָסאָפישער רעיון מוז זיך אַצינד אָנשפּאַרן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד. אין דעם זאַמלבוך „אַלבערט איינשטיין", אונטער דער רעדאַקציע פון פּאַול אַרטור שליפּ, ווערט דערציילט, אַז פּראָפ׳ אַדאָלף האַרנאַק האָט אַמאָל געזאָגט: „מענטשן באַקלאָגן זיך, וואָס אונדזער דור האָט נישט קיין פילאָסאָפן. דאָס איז אומגערעכט. דער אמת איז, אַז די הייניטיקע פילאָסאָפן זיצן אין אַן אַנדער אָפּטייל. זייערע נעמען זענען: פּלאַנק און איינשטיין".

איינשטיין פאַרנעמט זיך מיטן פיזישן אוניווערס, מיט מאַטעריעלע דערשיי־נונגען, אָבער עס וואָלט געווען פאַלש אים צו באַצייכענען פאַר אַ מאַטעריאַליסט. אויפן גרונט פון זיינע פיזיאַ־מאַטעמאַטישע דערגרייכונגען קומט איינשטיין צו פילאָסאָפישע אויספירן (אין זיינע עסייען), וואָס קענען דערפרייען דאָס האַרץ פון יעדן דעאיסט און אַפילו — טעאיסט. עס איז דעריבער אַ שאָד, וואָס הרב אָגושעוויטש פאַרזעט דערמדאָזיקן פאַקט, אַז דער מאַטעריאַליזם איז אַצינד נישט דער אייגענער, נישט נאָר ווי אין דער צייט פון די „חכמי אתונא״, נאָר אַפילו נישט ווי מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, און ער ראַנגלט זיך קעגן מאַטעריאַליסטישע אידייען, וואָס זענען אָדער שוין אומבאַשטרייטלעך באַוויזן און אָנגענומען געוואָרן, אָדער אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ווי אַ ביישפּיל דערפון קען אונדז דינען דעם מחברס פאַרעקשנט באַקעמפן די מאַטעריאַליסטישע הנחה, אַז „קראַפט און שטאָף, אָדער ווערב און סובסטאַנטיוו, שטעלן פאַר דאָס זעלביקע וועזן (ז׳ 56), און ער קערט זיך אום צום שטרייט קעגן אָט־דער הנחה ווידער און אָבער אויף די ווייטערדיקע זייטן, הגם איינשטיין האָט דאָס אייגענע באַוויזן אין זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע (אַז שטאָף און ענערגיע זענען צוויי־ערליי מאַני־פעסטאַציעס פון איין כוח). דאָס הייסט, אַז פאַקטיש באַקעמפט דאָ דער מחבר איינעם פון די הויפּט־פּרינציפּן אין איינשטיינס טעאָריע, נישט חושד זייענדיק, אַפילו, אַז ער פאַרמעסט זיך קעגן דער העכסטער מאַטעמאַטיק, אַנשטאָט קעגן דעם אַבסטראַקטן פילאָסאָפישן געדאַנק. אַ סימן האָבן מיר, אַז איינשטיינס נאָמען ווערט דערביי נישט געדאַכט...

גערעכט איז אָגושעוויטש, ווען ער שרייבט, אַז „אַטעאיזם און מאַטעריאַליזם זענען, פאַרשטייט זיך, נישט קיין סינאָנימען... אַן אַטעאיסט מוז נישט זיין קיין מאַטעריאַליסט... אָבער, אויב נישט קיין ענגע פאַרבינדונג, איז דאָ צווישן די צוויי אַ וועזנטלעכע קרובהשאַפט — אַ מין איינזייטיקע פאַרבינדונג, וועלכע מאַכט, אַז יעדער מאַטעריאַליסט זאָל מוזן זיין אַן אַטעאיסט״ (ז׳ 25). אָבער... אויך דאָס איז אַ געוויסנער אמת. אויך אין דער מאַטעריאַליסטישער באַציִונג צו רעליגיע איז אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פאָרגעקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע. עס האָבן זיך, אייגנטלעך, אַלעמאָל געפונען אויסנאַמען צווישן די מאַטעריאַליסטן, וואָס זייער פי־לאָסאָפיע האָט זיי נישט געשטערט צו זיין רעליגיעזע מאַמינים און אַפילו אָפּהיטן ריטואַלן. דאַרווין, וואָס זיין טעאָריע פון עוואָלוציע האָט לייכט־קעפּיקע משכילים (יידישע, ווי נישט־יידישע) געפירט צו אַטעאיזם, פלעגט יעדן זונטיק גיין אין קירך אַריין און דאָרט מתפלל זיין מיט גרויס כוונה.

אָבער אין די לעצטע עטלעכע דעקאַדן איז די צאָל וויסנשאַפטסלייט, וואָס זענען רעליגיעז — אין פילאָסאָפישן, אָדער אין פאָרמאַליסטישן מיין פון דעם

וואָרט — שטאַרק אויסגעוואָקסן. בעת מיליקאַן, דער אַנטדעקער פון די קאָסמישע שטראַלן, גלויבט אין אַ געטלעכן פאַרשטאַנד, באַצייכענען עדינגטאָן און דזשיימס דזשינס דעמדאָזיקן פאַרשטאַנד פאַר אַ מאַטעמאַטישן. לעמעטר, דער גרויסער אַסטראָ־פיזיקער, איז אַ קאַטוילישער גלח. סער אָליווער לאָדזש, איינער פון די גרעסטע פיזיקער פון אונדזער צייט און אַ שטרענגער מאַטעריאַליסט, האָט געגלויבט נישט נאָר אין השגחה כללית, נאָר אויך אין השגחה פּרטית און אין השארת־הנפש. אַזעלכע גלויביקע זענען געווען סער אַרטור היל, דער פיזיקער, און אַלעקסיס קאַרעל, דער אַמעריקאַנער ביאָלאָג און כירורג. די רשימה פון אַזעלכע מאמינים צווישן די וויסנשאַפטלעכע ריזן איז אַ זייער לאַנגע. און איינשטיין אַליין? זיין רעליגיעזער וועלט־באַנעם קומט צום אויסדרוק אין זיינע עסייען, אָבער באַזונדערס אין זיין באַרימטן שמועס מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרען, וואָס וועגן דעם איז דאָ אין אַן אַנדער עסיי (ז' 17).

*

---

* הכל בידי שמים חוץ מצינים ופחים שנאמר „צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם". (בבא מציעא, דף ק"ז).

אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה שנאמר „מה מצעדי גבר כוננו" (חולין ז').

„והמתנשא לכל לראש" אפילו ריש גרגותא משמיה מוקמי ליה (בבא בתרא צ"א).

ארבעים יום קודם יציאת הולד בת קול מוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני בית פלוני לפלוני שדה פלוני לפלוני (סנהדרין, כ"ב, סוטה ב').

אותו מלאך הממונה על הריון לילה שמו ונוטל טיפה ומביאה לפני הקב"ה ואומר לפניו טיפה זו מה תהא עליה גבור או חלש, חכם או טיפש, עשיר או עני (נידה ט"ז).

כשם שמזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה כך חסרונותיו של אדם קצובין לו (ב"ב, י').

הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים שנאמר „ועתה מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה אותו" (נידה, ט"ז).

*

פאַראַן נאָך אַ סך שטעלן אין תלמוד און אין אַנדערע פונדאַמענטאַלע רעליגיעזע ווערק, וואָס פון זיי קען מען דריגגען, אַז די יידישע אמונה איז אַ דעטערמיניסטישע — פונקט ווי מען קען פון אַנדערע פסוקים און מאמרי חז"ל דריגגען — ווי הרב אַגור־שעוויטש טוט דאָס — אַז די יידישע אמונה איז באַזירט אויף בחירה חפשית.

דער דורכשניטלעכער ייד איז גענייגט צום ערשטן אויסטייטש — אַז אַלץ איז

באַשערט מן השמים, פון גאָט, הגם אויך ער, דער דורכשניטלעכער ייִד, האַנדלט, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אַלצאייגנס צי זיי גלויבן אַזוי אָדער אַנדערש, אָדער טראַכטן זיך איינגאַנצן נישט אַריין אין אַזויגע ענינים — ווי ער וואָלט געהאַט אַ פרייען ווילן.

זע אויך די עסיי „פרייער ווילן" אין מיין בוך „מענטשן און אידייען" (וואַרשע, 1933), וווּ עס ווערן געבראַכט קעגנזעצלעכע מיינונגען וועגן דעם ענין פון פּלאַטאָ, ווי אויך פון מאָדערנע וויסנשאַפטסלייט און פילאָסאָפן, ווי בערגסאָן, אַרטור ה. קאָמפּטאָן, עדינגטאָן, מיליקאָן און אַנדערע.

פאַראויסזעאונג און פאָראויסבאַשטימטקייט

אויב אפילו איין פאַל פון פאָראויסזעאונג אויף דער צוקונפט — אין חלום, אָדער אין וואַכן צושטאַנד — זאָל זיך אַרויסווייזן, אָן יעדן ספק, פאַר ריכטיק, האָבן מיר דאָסמאָל נישט קיין אַנדער ברירה ווי קומען צום אויספיר, אַז די וועלט מיט אַלע אירע געשעענישן איז דעטערמינירט. עס קען נישט געמאָלט זיין אַן אויסנאַם־פאַל פון דערזען זאַכן איידער זיי פּאַסירן — און ס׳איז קיין חילוק נישט, צי מיט מינוטן, אָדער יאָרן פריער — ווי ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין קיין אויסנאַם־פאַל פון גראַוויטאַציע. פּונקט ווי דער עפּל, וואָס ניוטאָן האָט געזען אַראָפּפאַלן פון בוים (אַלצאיינס צי דאָס האָט באמת פּאַסירט, אָדער עס איז בלויז אַ מין משל) האָט אים עווענטועל דערפירט צו זיין גראַוויטאַציע־טעאָריע, אַזוי צווינגט אונדז אַ פאַל פון רעאַליזירטער פאָראויסזעאונג אָנצונעמען דעטערמיניזם, וואָס איז טויזנטער יאָרן געווען בלויז אַ פילאָסאָפישע השערה, ווי דאָס איז אויך געווען דער אַטאָמיזם אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, ביז די וויסנשאַפט האָט דורך עקספּערימענטן פאַקטיש און פּראַקטיש באַוויזן די עקסיסטענץ פון אַטאָמען און ענדלעך דעם אַטאָם געשפּאָלטן *).

אָבער מער ווי איין פאַל פון פאַרווירקלעכטער פאָראויסזאָגונג איז פאָרזיכטיק באַשטעטיקט געוואָרן. פון טויזנטער פאַלן אַזעלכע, דער עיקר אין חלומות, האָבן וויסנשאַפטסלייט, אינדיווידועל, אָדער קאָלעקטיוו, דורך אַזעלכע קערפּערשאַפטן ווי די געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג, אָדער די פּאַראַפּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס, מיט גרויס פאָרזיכט, נאָך אַ שטרענגער נאָכקאָנטראָ־

---

*) זע מיין פריערדיקע עסיי „דער איבערמענטש פון פרייען ווילן", וווּ איך ווייז אָן, אַז כל־זמן אַזאַ פּראָבלעם ווערט באַהאַנדלט אַבסטראַקט — אָן פאַקטישע באַווייזן — קען עס נישט געלייזט ווערן אַזוי, אָדער אַנדערש.

לירונג פון אַלע דעטאַלן, אָפּגעקליבן עטלעכע צענדליק, וואָס אין זייער פולער אויטענטישקייט עס קען נישט זיין דער מינדסטער ספק. די מיינסטע פּאַראויסזאָגונגען פּאַסירן אין חלום און דזשיימס וויליאַם דאַן, דער ענגלישער דערפינדער און מאַטעמאַטיקער האָט (אין זיין בוך „אַן עקספּערימענט וויט טיים") אַרויסגעבראַכט אַ טעאָריע, אַז חלומות, ווי פאַרפּלאָנטערט און צעמישט זיי זאָלן נישט זיין, זענען אונדז מגלה די צוקונפט. הגם די עקספּערימענטן, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט הונדערטער סטודענטן פון די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, האָבן אין אַ היפּשער מאָס באַשטעטיקט זיין השערה, לייקנט דאָס נישט אָפּ געוויסע אַנדערע באַדייטונגען — אין באַשרענקטן גראַד — וואָס פרויד און אַנדערע טעאָרעטיקער אויפן פסיכישן געביט האָבן צוגעשריבן דעם חלום.

דער פאַקט, וואָס די מיינסטע פּאַראויסזעאונגען פּאַסירן אין חלום, באַווייזט בלויז אַז אין חלום, ווען דער מענטשלעכער געדאַנק און די אַנדערע חושים זענען באַפרייט פון דעם דרוק פון טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, דאגות, אַרומיקן טומל און דעם כסדרדיקן פלוס פון איינדרוקן, איז די פסיכע אין מענטש פריי אויפצוכאַפּן, צו שפּירן און זען דינערע, סובטילערע וויבראַציעס און ראַדיאַציעס, וואָס אין וואַכן צושטאַנד ווערן זיי פאַרטומלט און פאַרטושט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אַזאַ פּאַראויסזעאונג, אָדער העלזעאונג, צי אַ טעלעפּאַטישער אויפנעם קען נישט פּאַסירן אין וואַכן־צושטאַנד, ווען אַ מענטש פאַלט פּלוצלינג אַריין אין אַ מין טראַנס, מעג עס געדויערן נישט מער ווי אַ רגע. אַזוינס האָט געטראָפן און טרעפט, אָבער זעלטענער ווי אין חלום. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות וואָלט געקענט דערציילן עטלעכע אייגענע אַזעלכע דערפאַרונגען, אָבער איך וויל דאָ ליבערשט זיך פאַרנעמען בלויז מיט אַזוינע פאַלן, וואָס זענען נאָכגעקאָנטראָלירט געוואָרן פון וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן.

גוט באַוווּסט איז, למשל, דער פאַל מיט אייבערהעם לינקאָלן, וואָס אַ שטיקל צייט פאַר זיין מאַרטירער־טויט, האָט ער געחלומט ווי ער זעט אין ווייסן הויז אַ טויטן־אָרון, באַוואַכט פון סאָלדאַטן און ווען ער פרעגט זיך, ווער עס ליגט אין דער מיטה, קריגט ער דעם ענטפער, אַז מען האָט דערהרגעט דעם פּרעזידענט. אויך אין אָט־דעם פּראָפעטישן חלום איז נאָך מעגלעך דער עלעמענט פון דערוואַרטונג, פון שרעקן זיך פאַר אַן אַטענטאַט אין אַזאַ אויפגעטרייסלטער צייט ווי די פּעריאָדע פון בירגער־קריג און באַלד דערנאָך, ווען מען האָט געקענט דערוואַרטן פון באַזיגטן צד אַלערליי איבעררעאַשונגען, — און אָט־די שפּאַנונג האָט זיך געשטאַלטיקט אין חלום. אָבער ווען מאַרק טוויין זעט אין חלום זיין ברודער, וואָס ער האָט אפילו נישט געוווּסט ווו ער איז, אַ טויטן אין אַ טרונע אויף אַ שיף, מיט אַ ווייסער רויז אויף זיין ברוסט, און אין אַ צייט שפּעטער

לעבט ער איבער די סצענע אַקוראַט ווי אין חלום, מיט אַלע דעטאַלן: טאַקע אויף אַ שיף, וואָס זעט־אויס פּונקט ווי די שיף אין חלום, מיט אַ ווייסער רויז אויף דער ברוסט פון זיין טויטן ברודער — דאָ איז שוין נישט שייך צו רעדן פון דערוואַרטונג צוליב וועלכע עס איז אומשטענדן, אָדער פּאַסירונגען.

אָדער אַזאַ אומשולדיקער חלום ווי דער וואָס רידיאַרד קיפּלינג האָט געהאַט: ער געפינט זיך אין אַ גרויסן זאַל, פול מיט מענטשן, אַלע יום טובדיק אָנגעטון. אויבנאָן קומט עפּעס פאַר, אָבער אַ דיקער, ברייטער פּאַרשוין, וועלכער שטייט פאַר קיפּלינגן, פאַרשטעלט פאַר אים אַלץ און ער קען גאַרנישט זען. דאַן קומט צו אים צו אַן אומבאַקאַנטער, נעמט אים אָן ביים אָרעם און רופט אים אַוועק אָן אַ זייט: „קומט, איך וויל אייך עפּעס זאָגן!". אין אַ צייט אַרום איז קיפּלינג ביי אַ חתונה־צערעמאָניע אין וועסטמינסטער־עבי. פּונקט אַזאַ ברייטער פּאַרשוין פאַרשטעלט אים די צערעמאָניע און דאַן קומט עמעצער צו אים צו, נעמט אים אָן ביים אָרעם און פירט אים אַוועק אָן אַ זייט, אים עפּעס צו זאָגן. ווי קען מען אויף אַזאַ חלום געבן אַן אַנדער לאָגישע דערקלערונג, ווי — דעטערמיניזם. דאָס הייסט, אַז די צוקונפט ליגט אַ פאַרטיקע פאָראויס פון אונדז, אָדער ווי דער דערמאָנטער דזשיימס וויליאַם דעפינירט עס, אַז נעכטן, היינט און מאָרגן זענען איינס?

דער חלום, וואָס דער פראַנצויזישער אַדוואָקאַט מעטר דואוועל האָט געהאַט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער שיף „טיטאַניק" (דעם 12טן אַפּריל, 1912), פיר טעג איידער זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזבאַרג און אונטערגעגאַנגען, באַווייזט אונדז, אַז אין דער נאַטור זענען נישטאָ קיין צופאַלן. דעם חלום האָט מ׳סיו דואוועל געהאַט בייטאָג, בעת ער האָט געכאַפּט אַ דרימל און אַזוי רעאַ־ ליסטיש איז דער חלום געווען, מיט אַלע טראַגישע איינצלהייטן, אַז ער האָט דאָס דעם אייגענעם טאָג דערציילט זיינעם אַ קאָלעגע, אַן אַדוואָקאַט, און אויך געשריבן וועגן דעם צו זיין דאָקטער. דאָס איז שטרענג נאָכקאָנטראָלירט און באַשטעטיקט געוואָרן. הייסט עס נישט, אַז דער מענטש קען נישט אַנטלויפן פון זיין גורל?

טשאַרלס דיקענסן האָט זיך געחלומט, אַז ער זעט אַ דאַמע אין אַ רויטן שאַל, שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו אים. ווען זי דרייט זיך אויס, איבערצייגט ער זיך, אַז זי איז אים פולשטענדיק אומבאַקאַנט, אָבער זי שטעלט זיך פאַר אים פאַר: „מיס נייפּיער!". אויף דעם נאָמען האָט ער קיינמאָל פריער נישט געהערט. אויף מאָרגן אָוונט קומען צו אים עטלעכע פריינט. מיט זיי איז אַ פרוי אין אַ רויטן שאַל און זיי שטעלן זי פאָר פאַר דיקענסן: „מיס נייפּיער!". בעת אַזאַ חלום קען דערקלערט ווערן מיט טעלעפּאַטיע, אַנשטאָט מיט פּראָפעטישער פאַר־

אויסזעאונג, מחמת עס קען געמאָלט זיין, אַז ווען די פריינד האָבן באַשלאָסן צו ברענגען די מיס נייפיער צום באַרימטן נאָוועליסט, האָט דאָס טעלעפּאַטיש זיך איבערגעגעבן צו דיקענסן, ווי אַ ראַדיאָגראַם — קען אָבער נישט שייך זיין קיין טעלעפּאַטיע אין דעם פאַל מיט קיפּלינגן און אַוודאי נישט אין דעם חלום וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער „טיטאַניק", מיט די בולטע סצענעס פון די פאַר־צווייפלטע פּאַסאַזשירן.

ד״ר דזשיי. בי. רהיין, דירעקטאָר פון דער פּאַראַפּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַ־טאָריע ביים דיוק־אוניווערסיטעט (דורהעם, נאָרד־קאַראָליינאַ), דערציילט וועגן אַן אָרעמער פרוי, וואָס האָט געחלומט פון אַ ים־רייזע, אויף איר, וועלכע האָט נישט געקענט דערוואַרטן ווען־עס־איז באמת צו מאַכן אַזאַ רייזע, האָט דער חלום געמאַכט אַזאַ רושם, אַז זי האָט אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן און כסדר איבערדערציילט פאַר קרובים און באַקאַנטע וועגן דער גרויסאַרטיקער שיף, דערביי האָט זי געשילדערט די פאַרשיידענע דעטאַלן, ווי די קאָליר פון דעם טעפּיך אין עס־סאַלאָן, די גרויסע שאַנדעליערן, די טאַפּעצירטע שטולן און דאָס פּרעכטיקע מעבל. זי האָט געדענקט, אַז זי אַליין איז געווען אָנגעטון אין איר בעסט קלייד — אַ גרינס. זי האָט אַזוי פיל מאָל איבערדערציילט דעם חלום, אַז ס'איז געוואָרן אַ פאַמיליען־שפּאַס.

מיטאַמאָל האָט עס איר פאַמיליע אָנגעהויבן גיין מזלדיק, רייך געוואָרן, זיך געלאָזט ווילגיין און געמאַכט ווייטע רייזעס. איינמאָל — 25 יאָר נאָכן חלום — איז זי אין שאַנכיי אַרויף אויף אַ שיף — און זי איז געבליבן שטיין אַ גע־פּלעפּטע: דאָס איז געווען די שיף פון איר חלום, מיט גענוי אַלע דעטאַלן, מכוח וועלכע זי האָט יאָרן־לאַנג דערציילט: די שאַנדעליערן, די קאָלירן פון טעפּיך, דער סטיל פון מעבל, די סטרוקטור פון דעם עס־סאַלאָן. בלויז איין זאַך האָט נישט געשטימט: איר קלייד איז נישט געווען גרין, ווי אין חלום. איז אָבער דער נאָמען פון דער שיף געווען „קאָנטע ווערדע", און „ווערדע" מיינט אויף איטאַ־ליעניש — גרין...

ד״ר רהיין דערציילט נאָך אַ ריי אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס זענען דורך די געלערנטע פון דער פּאַראַפּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע נאָכגעקאָנטראָלירט און גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן, אָבער איך נעם אַרויס בלויז דעם איינעם פאַקט, דעם חלום פון וועגן דער ים־רייזע, וואָס האָט זיך מאַטעריאַליזירט אין 25 יאָר אַרום — אַ פאַקט, וואָס ס'איז אוממעגלעך אים צו אינטערפּרעטירן ווי טעלע־פּאַטיע — אַגב, אַן אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, וואָס די היפּער־פּאַרזיכטיקע געלערנטע האָבן ביז גאָרנישט לאַנג צוריק זי אויך נישט געוואָלט אָנערקענען, ווי דאָס איז געווען מיט היפּנאָטיזם און מים אַנדערע פּסיכישע

מאַניפעסטאַציעס, וואָס די וויסנשאַפט איז סוף־כל־סוף געצוווּנגען געווען אָנצו־ערקענען און אפילו זיך באַנוצן מיט זיי. דער שיף־חלום איז אויף די פולע הונדערט פּראָצענט אַ פּראָפעטישער. פון פּראַפעטישן כאַראַקטער זענען אויך די מערקווירדיקע חלומות פון דעם ענגלענדער דזשאָן קאַדלי, דערציילט פון אים אַליין, מיט עדות, און פאַררעגיסטרירט אין די נאָכקאָנטראָלירטע דאָקומענטן פון דער געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג.

דזשאָן קאַדלי האָט אין זיינע חלומות געלייענט אין מאָרגנדיקע — און טייל־מאָל אויך אין שפּעטערדיקע — צייטונגען די רעזולטאַט־באַריכטן פון פערד־געיעגן, מיטן נאָמען פון דעם פערד־געווינער. דעם ערשטן חלום פון דעם מין האָט ער געהאַט אין דער נאַכט פון 8טן מערץ, 1946, און דעם לעצטן — דעם 10טן פעברואַר, 1949. טייל חלומות זענען געווען וועגן פערד, וועמענס נעמען ער האָט אפילו פריִער קיינמאָל נישט געהערט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, זיך געוועט אויף די פערד־געווינער, מכוח וועלכע ער האָט געלייענט אין חלום און — געוווּנען. בלויז צוויי מאָל האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש און מיסטער קאַדלי טייטשט דאָס אויס פאַר אַ מין שטראָף פון זיין „אונטערבאַוווסטזיין" פאַר קאָ־מערציאַליזירן אַן איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפט.

דזשאָן קאַדלי האָט זיך אַזוי נוהג געווען: באַלד ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חלום, האָט ער פאַרצייכנט די רעזולטאַטן פון די פערד־געיעגן, נאָמען פון פערד, דאַטע. דערמיט איז ער אויף מאָרגן אינדערפרי אַוועק אויף דער פּאָסט, אין דער קעגנוואַרט פון עדות האָט ער דעם בריוו געלאָזט פאַרזיגלען, איבערגע־געבן אים צום פּאָסט־מייסטער, צו באַהאַלטן אין דער פייער־קאַסע פון דער פּאָסט. דערנאָך ווען די צייטונג איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן אין אַ צוויי, דריי, אָדער מער טעג אַרום מיט דעם באַריכט פון די פערד־געיעגן, האָט מען אַרויס־גענומען דעם בריוו און פאַרגליכן. דאָ איז נישט מעגלעך געווען קיין שום דריידל.

יעדע רעאַליזירונג פון אַ חלום מיינט, ווי פריִער געזאָגט: דעטערמיניזם; מיינט, אַז די צוקונפט איז שוין דאָ; מיינט, אַז אַלץ, וואָס געשעט מיט אונדז און אַרום אונדז, איז פאַראויסבאַשטימט (כאָטש מיר קענען נישט זאָגן ווער, אָדער וואָס, באַשטימט, אָדער ווי־אַזוי). דאָס הייסט — דאָ נאָכאַמאָל איבערצוחזרן ספּינאָזאַן: אַז מיר האַנדלען ווי מיר וואָלטן געהאַט פרייען ווילן, אָבער אין אמתן איז בחירה חפשית אַן אילוזיע, אַ פאַרבלענדעניש, אַ גייטיקע פאַרבלענדעניש, וואָס אָן איר וואָלט אונדזער עקסיסטענץ אפשר נישט מעגלעך געווען.

דאָס קען פאַרגליכן ווערן מיט אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, וואָס באַווייזט זיך דעם מידן און דאָרשטיקן וואַנדערער אין מדבר — אַ מיראַזש פון אַ קוואַל, אַ טייך,

אָדער פון אַ שטאָט מיט מויערן און פּאַלאַצן. דאָס איז אַ מין חלום אויף דער וואָר פון דער געשפּאַנטער פאַנטאַזיע. ווען דער וואַנדערער לאָזט זיך לויפן צום וואַסער, אָדער צו דער שטאָט, צערינט די פאַרשטעלונג, ווי אַ נעפּל, אָבער דער קוואַל, צי די שטאָט עקסיסטירט ערגעץ. זיי זענען רעאַל. דורך אַ פענאָמען פון ליכט־רעפלעקסיעס, וואָס קען נאָך לעת־עתה נישט צופרידנשטעלנדיק אויפגעקלערט ווערן, ווערט די וויטע שטאָט, אָדער טייך רעפלעקטירט אין מדבר, פּאַר דעם וואַנדערערס אויגן, ווי די בילדער אין טעלעוויזיע־אַפּאַראַט. אַזאַ פענאָמען, וואָס פּאַסירט פון צייט־צו־צייט אין סאַהאַראַ־מדבר, איז איבערהויפּט אָן אָפּטע דערשיינונג אין די ארקטישע געביטן, ווי דאָס ווערט געשילדערט פון פאַרשערס אין די געגנטן פון דעם צפונדיקן און דרומדיקן פּאָל.

ווי דער פאטא־מאָרגאנא איז אַ רעפלעקסיע פון ווירקלעך־עקסיסטירנדיקע טייכן, שטעט און וועלדער, אַזוי עקסיסטירט, אויב מיר נעמען אָן די דעטערמיניסטישע אינטערפּרעטאַציע, די צוקונפט — מיט אונדזער גורל — וואָס רעפלעקטירט זיך אין דער פּראָפעטישער זעאונג, אין חלום, אָדער אין וואַכן־צושטאַנד. און, ווי געזאָגט, בלייבט אונדז נישט קיין אַנדער ברירה — ווען מיר אַנאַליזירן די פאַלן פון רעאַליזירטע פאָראויסזעאונגען — ווי צו אַקצעפּטירן דעם דעטערמיניסטישן פּרינציפּ.

מען קאָן פאַרשטיין יענע, וואָס ראַנגלען זיך מיט ציין און נעגל קעגן דער דעטערמיניסטישער שיטה. אויב מיר האָבן נישט קיין פרייען ווילן, אויב אַלץ איז פאָראויסבאַשטימט — דאַן איז דאָך לית דין ולית דיין. אונדזערע אַלע מאָראַלישע און עטישע קאָדעקסן און געזעצן האָבן דעמאָלט קיין זין נישט. מיר קענען נישט קיין טענות האָבן צום רשע, צום רוצח, צום אויסוואורף און אוודאי איז אָן אומרעכט זיי צו באַשטראָפן — מחמת זיי האָבן דאָך קיין ברירה נישט, זיי פירן אויס די ראָלן, וואָס דער וועלט־רעזשיסאָר האָט פאַר זיי פאָראויס אָנגעצייכנט, ווי מיר קענען נישט בייז זיין אויפן אַקטיאָר, וואָס שפּילט דעם אינטריגאַנט אויף דער טעאַטער־בינע. אונדזער גאַנצע עקסיסטענץ איז אין אַזאַ פאַל — לויט זייערע רייד — בלויז אַ טראַגי־קאָמעדיע.

נו, אויב מיר טראַכטן נישט אין די טערמינען פון דעטערמיניזם — איז אונדזער קורצע עקסיסטענץ אויף דער ערד נישט קיין טראַגי־קאָמעדיע? אדרבא, פרעגט קהלתן, שאָפּענהויערן, הארטמאַנען און די אַנדערע גרויסע פעסימיסטן. אויב די פאַקטן זאָלן אונדז איבערצייגן, אַז, לײדער, אָדער נישט־לײדער, איז עס אַזוי: די וועלט מיט אַלע אירע געשעענישן איז אַ פרע־דעטערמינירטע, קענען מיר זיך דען העלפן? און פון וואַנען קענען מיר וויסן, צי ס'איז בעסער, אָדער ערגער אַזוי, וויבאַלד מיר האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט צו וויסן די כוונה

אָדער ציל, אָדער פּלאַן, וואָס ליגט הינטער, איבער, אָדער אין דעם אַלעמען? מיר מוזן די וועלט אַקצעפּטירן אַזוי ווי זי איז. אויב דעם רשע איז „אָנגעשריבן״ געוואָרן צו באַגיין רשעותן, איז דאָך אויך די שטראָף פאַר אים „אָנגעשריבן״ געוואָרן און ס׳קאָן נישט זיין קיין פראַגע פון באַגיין אַן אומרעכט ווען מיר זענען אים מקיים־פּסק. ס׳איז אַ קאָמעדיע? אפשר יאָ און אפשר נישט. אפשר איז טאַקע דאָ — און איך גלייב, אַז ס׳מוז זיין — עפּעס אַ שכל, אַ תכלית דעריין? האָבן מיר דאָך אַלעמאָל, למשל, געוווּסט, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך — דעטערמיניזירט, הייסט עס — פונדעסטוועגן האָבן מיר צוליב דעם נישט אויפ־געהערט צו לעבן און כסדר צו פּראָדוצירן נאָך און נאָך קרבנות פאַרן טויט...

אָבער איין גרויסע טרייסט איז זיכער דאָ אין אַ פרע־דעטערמינירטער וועלט — אַ טרייסט אין די שווערסטע מאָמענטן פון לעבן. דער מענטש עסט זיך כסדר אויף פון גריזשעניש, פון זעלבסטבאַשולדיקונג: אפשר ווען כ׳וואָלט נישט געטון אַזוי־און־אַזוי, נאָר געטון פאַרקערט, דאָס הייסט: דאָס, וואָס איך האָב נישט גע־טון, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען, בעסער געווען! אַלעמאָל אַזוי. די שטענדיקע זעלבסטפּייניקונג „אפשר״ און „טאָמער״ זענען די ערגסטע פּלאָג אין אונדזער לעבן — מיר וועלן עס אַפילו אַ שונא נישט ווינטשן. אָבער, אויב מיר נעמען אָן, אַז אונדזער גורל איז דעטערמינירט, פאַלט אַראָפּ אַן אומגעהייערע משא פון אונדזערע אַקסלען. מיר טראַכטן זיך: וויבאַלד אַלץ איז פאָראויסבאַשטימט און די ברירה איז נישט אין אונדזערע הענט — אַלץ, וואָס ס׳האָט פּאַסירט, האָט געמוזט פּאַסירן! — איז דאָך נישט שייך און נישט כדאי זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ. בלויז אַזאַ באַוווּסטזיין קען אונדז פירן צו שלום מיט זיך און מיט דער וועלט, צו פול־שטענדיקער גייסטיקער מנוחה.

אַזוי נעמט אויף די וועלט מיט איר געשען דער סטאָיִקער. אַזוי נעמט אויף די וועלט דער עכט־רעליגיעזער מענטש, דער ייִדישער, ווי דער נישט־ייִדישער — הגם ייִדנטום זאָל, על־פּי דרוש, באַזירט זיין דווקא אויף בחירה חפשית...

*

און דאָך... איז אפשר פאַרט מעגלעך אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע פון רעאַליזירטער פאָראויסזעאונג — ווי דעטערמיניזם? דאָס איז נישט אויסגעשלאָסן, ווען מיר האָבן אין זינען, אַז אַלע אונדזערע אידייען, פאָרשטעלונגען און קאַלקו־לאַציעס באַזירן זיך אויף דער דערפאַרונג פון אונדזערע חושים, אויף אונדזער לאָגיק — בקיצור: אויף אַ מוראַדיק־באַשרענקטן פאַרכישופטן קרייז, צוגעקייטלט צו דריי דימענזיעס. קען גרייכלעך זיין, אַז אין דער סופּרא־מענטשלעכער, אָדער אויסערמענטשלעכער לאָגיק, אין דער איבער־מענטשלעכער וועלט פון פיר די־

מענזיעס, ווו ס׳זענען שולט איראַציאָנאַלע כוחות, וואָס פון זיי האָבן מיר די מינדסטע שפירונג נישט, איז דאָ אַן אַנדער ענטפער אויף דער רעטעניש פון רעאַליזירטער פאָראויסזעאונג.

אָבער פאַר אונדז, ווי מיר זענען און ווו מיר זענען און אויב מיר האָבן דעם מוט צו ציִען די געהעריקע שלוסן פון די פאַקטן, ווי זיי דערשיינען פאַר אונדז, איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה ווי אָנצונעמען די דעטערמיניסטישע אינ־טערפּרעטאַציע פון די פּראָפעטישע מאַטעריאַליזירונגען — אַן אינטערפּרעטאַציע פון דער וועלט, צו וועלכער גרויסע גייסטער, צווישן זיי אַזאַ ריז ווי ספּינאָזאַ, זענען געקומען אַפילו אָן דער „הילף״ פון מקוים־געוואָרענע חלומות און דמיונות. דאָס אויסמיידן אַ דעטערמיניסטישן אויספיר, ווי דאָס טוען טייל דענקערס — סיי פילאָסאָפישע, סיי רעליגיעזע, ווי אויך פּסיכאָלאָגישע פאָרשערס, ווי דער דערמאָנטער ד״ר רהיין, מחמת מורא מודה צו זיין אויף עפּעס, וואָס זעט זיי אויס אומבאַקוועם, צו טראַגיש, אָדער צו קאָמיש — איז ממש קינדיש בכיוון צו פאַר־מאַכן די אויגן, כדי נישט צו זען אַזוינס, וואָס מיר ווילן נישט זען, שאַפט נישט אָפּ דעם פאַקט. ס׳קוקט אויס ווי מיר וואָלטן געשטעלט אַ תנאי, אַז מיר אַק־צעפּטירן די וועלט בלויז אין אַזאַ־און־אַזאַ, וואָס איז לויט אונדזער גוסט און מיר וואַרפן זי אָפּ אין אַן אַנדער געשטאַלט. גלייך ווי מיר וואָלטן אימשטאַנד געווען צו וויסן וועלכע געשטאַלט איז דאָס בעסערע און שענערע, אָדער ערגערע און מיאוסערע פאַר אונדזער עקסיסטענץ, צי פאַר אונדזער קאָנצעפּציע פון עק־סיסטענץ.

די עטישע געזעלשאַפט...

„ביאָלאָגישע אויפפאַסונג פון מענטש און געזעלשאַפט" פון ה. וואָלף, אַ בוך פון 266 גרויסע און געדיכטע זייטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג דוד לערמאַן (בוענאָס איירעס, 1946), איז אַ נייער באַאַרבעטונג פון דעם בוך „עטישער סאָציאַליזם", וואָס דער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט מיט דרייצן יאָר פריִער, ווי ער דערציילט עס אין זיין קורצער הקדמה. די נייע באַאַרבעטונג איז דער פּועל־יוצא, — דערציילט אונדז ווייטער ה. וואָלף — פון ווייטערדיקן שטודירן, וואָס האָט אים געפירט צו מאָדיפיצירן אַ סך אויספירן אין דעם פריִערדיקן בוך, כאָטש די גרונט־געדאַנקען זענען געבליבן דיזעלביקע. איצט — איז דער מחבר צו־פרידן — איז דער פעלער פאַרריכט. „איצט איז דער געדאַנקענגאַנג פון בוך גאַנץ און איינהייטלעך פון אָנהייב ביזן סוף".

נו, איך האָב זיין פריִערדיקן בוך, לוידער, נישט געלייענט, אָבער איך האָב אַ סך געלייענט וועגן דעם בוך — און דאָס זענען אַלץ געווען פּאָזיטיווע אָפּרופן, באַגלייט פון סופּערלאַטיוון. פון די אַלע רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן דעם בוך, „עטישער סאָציאַליזם" האָב איך געוווסט, אַז וואָלף פּריידיקט אַן עטיש־סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, באַהויכט פון אַ געוויסער רעליגיאָזיטעט. איז טאַקע גוט, וואָס איך האָב די אַלע אַרטיקלען געלייענט, אַנדערש וואָלט איך דאָס נישט פאַרדעכטיקט, לייענענדיק די איצטיקע נייע באַאַרבעטונג — ביז אַרום דעם 226טן זייטל. ביז אַהין מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן דאָ אַ זאַמלונג עסייען וועגן ביאָלאָגישער און סאָציאַלער עוואָלוציע; וועגן דער מענטשלעכער פּסיכיק, וועגן עגאָיִזם, עגאָטיזם, עראָטיזם, רעליגיע און נאָך אַזעלכע אינטערע־סאַנטע פּראָבלעמען.

טייל פון די עסייען זענען שטאַרקער און אינטערעסאַנטער און אַנדערע שוואַכער און אומאינטערעסאַנטער; קיין אַמעריקעס אַנטדעקן זיי נישט, אָבער

זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ דענקענדיקע און אומרויִקע פּערזענלעכקייט, אַן ערודיט, אַ מענטש מיט אַ הונגעריקן גייסט, וואָס זוכט און בלאָנדזשעט, בלאָנ־דזשעט מער ווי ער זוכט. דערפאַר טאַקע איז מען נישט חושד, אַז די קאַפּיטלען, וואָס זענען אויס ווי באַזונדערע עסייען, צילן ערגעץ, צו אַ באַשטימטן פּונקט, צו אַ באַשטימטער אידייע. דער פאַקט איז, אַז נאָכדעם ווי איר קומט צום עיקר, כאַפּט איר זיך, אַז די אַלע פריִערדיקע קאַפּיטלען האָט מען אָדער אינגאַנצן געקענט אַרויסוואַרפן און נאָכדעם פון זיי צונויפשטעלן אַ באַזונדערע זאַמלונג פון עסייען און שמועסן, אָדער זיי לכל הפּחות קאָנדענסירן און רעדוצירן צו איין קאַפּיטל, ווי אַן אַריינפיר צום בוך. די אַלע רעדענישן ביז דעם זייטל 226, צי מיר זענען מיט זיי מסכים, אָדער נישט, האָבן בפירוש קיין שייכות נישט צו זיין הויפּט־טעזע — די עטישע געזעלשאַפט. אויב אַן עטישע געזעלשאַפט, ווי וואָלף שטעלט זי פאָר, איז מעגלעך אין מיטן פון דער פּראַקטישער, צעריסענער, נישט־עטישער וועלט, איז קיין גרויסע נפקא מינה נישט, צי דער מענטש איז אַ דואַלע, אָדער אַן איינהייטלעכע פּערזענלעכקייט און צי ער ליידט יאָ, אָדער נישט פון די אַלע אייגנשאַפטן, ביאָלאָגישע, פּסיכישע און פּאַטאָלאָגישע, מכוח וועלכע ה. וואָלף פּילפּולט זיך.

פּונקט ווי איך וואָלט נישט פאַרדעכטיקט קיין הויפּט־טעזע אין ה. וואָלפס ניי־באַאַרבעט בוך, אויב איך וואָלט נישט געלייענט די רעצענזיעס וועגן זיין פריִערדיק בוך (און צוויי רעצענזיעס וועגן דער נייער באַאַרבעטונג), אַזוי האָב איך נישט פאַרדעכטיקט, אַז ה. וואָלף פּריידיקט אַסימילאַציע — אַסימילאַציע אין נאָמען פון עטיק, אָבער פּאַרט אַסימילאַציע. איך ווייס נישט, צי וועגן דעם איז גאָרנישט געוועזן אין זיין פריִערדיק בוך, וואָס איז ביי אונדז אַזוי שטאַרק געליבט געוואָרן, אָדער די חשובע קאָלעגן, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם פריִערדיקן און וועגן דעם איצטיקן בוך, האָבן זיך פּשוט געפוילט צו דערלייענען ביז אָט דעם פּונקט. אַזעלכע ביכער לייענען זיך זייער שווער און מען דאַרף זיך באמת אָנגורטן מיט כוח און געדולד...

וואָלף איז קעגן קינסטלעכער אַסימילאַציע. ער איז אָבער מיט לייב און לעבן פאַר אַ נאַטירלעכער אַסימילאַציע, דאָס הייסט, אַן אַסימילאַציע, וואָס ווערט פון „קיינעם נישט אַרויפגעצוווּנגען, נאָר זי קומט אַלס אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון די נייע לעבנס־תנאים, אין וועלכע מ׳האָט זיך איבערגעפלאַנצט" (ז׳ 238). „קעגן נאַטירלעכער אַסימילאַציע קען מען גאָרנישט אויסזעצן. פאַרקערט, דאָס איז אַן אויסדרוק פון פּראָגרעס" (ז׳ 239). דער מחבר פּריידיקט „אַן אַלמענטשלעך פאָלק", צו וועלכן די מאָדערנע וועלט, פאַרזיכערט ער, איז פולשטענדיק צו־געגרייט — און דאָס זאָגט דערזעלביקער מחבר, וואָס גלויבט, אַז מען מוז האָבן

אַ באַזונדערע געזעלשאַפט פון עטישע מענטשן — אַן עטישע געזעלשאַפט — מחמת נישט אינדיווידועל, נישט סאָציאַל, נישט פּסיכיש זענען מענטשן אין אַלגעמיין צוגעגרייט צו לעבן עטיש.

וויל איך נישט דאָ ווידער אַריינגיין באריכות אין דעם ענין נאַציאָנאַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם, אַסימילאַציע, וואָס איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל אין פאַרלויף פון יאָרן זיך מיט אים פאַרנומען, נאָר בלויז אגב־אורחאדיק באַמערקן, אַז ריידן זועגן סתם מענטשהייט איז פּונקט אַזאַ אַבסורד ווי ריידן וועגן סתם פלאַנץ, סתם בלום, אָדער סתם פאַרב, אָדער טאָן. די נאַטור — דעריך אויך די מענטשלעכע נאַטור — איז פאַרשיידנאַרטיק, פיל־פאַרביק, פיל־קלאַנגיק. יעדע נאַציאָנאַלע קולטור איז אַ טאָן אין דער רייכער סימפאָניע פון דער אַלמענטשלעכער קולטור. פסלען נאַציאָנאַליזם דערפאַר, וואָס עס דערפירט איין פאָלק, אָדער אַן אַנדער פאָלק צו פּוסטער גאווה און ראַסן־טעאָריע, איז ווי פסלען דאָס געפיל פון ליבע מחמת דעם, וואָס עס דערפירט דעם און יענעם צו ווילדער אויפעררזוכט און צו מאָרד. צוליב דעם משוגע־געוואָרענעם נאַציאָנאַליזם סאַנקציאָנירן, למשל, די „נאַטירלעכע אַסימילאַציע״ פון אַמעריקאַנער ייִדנטום און זיך נאָך צאַצקען דער־מיט, ווי וואָלף טוט דאָס, איז עפּעס אַזוינס, וואָס לייגט זיך ממש נישט אויפן שכל...

אָבער דער עיקר פון וואָלפס ווערק, נאָכדעם ווי מיר עלימינירן די אַלע קאַפּיטלען, וואָס האָבן דערצו קיין שייכות נישט, איז די עטישע געזעלשאַפט. איז טאַקע כדאי אַ קוק צו טון וואָס פאַראַ באַשעפעניש דאָס איז.

„עס דאַרף — שרייבט דער מחבר — געשאַפן ווערן אַ געמיינשאַפט פון עטישע מענטשן, וועלכע זאָלן איבעררייסן אויפן גאַנצן פראָנט מיטן איצטיקן לעבן. די מיטגלידער פון דער דאָזיקער געמיינשאַפט זאָלן זיך אָפּזאָגן פון באַזיץ, און לעבן איינפאַך און אָרעם. זייער אויפגאַבע זאָל זיין צו לעבן און ווירקן פאַר די אייביק־מענטשלעכע אידעאַלן. דאָס זאָל זיין אַ מין געזעלשאַפט פאַר סאָציאַ־לער דערלייזונג און די מיטגלידער אירע זאָלן מאַכן פאַר זייער אויפגאַבע עטיש לעבן און עטישע סאָציאַלע אַקציע״ (ז׳ 227). בקיצור: זיי זאָלן! זיי זאָלן! אָבער ווי אַזוי? זאָלן זיי זיך אָפּזונדערן, ווי יענע עטישע לייט אין יעווּרעאינאָווס „שיף מיט צדיקים״, וואָס האָבן זיך צום סוף צעקריגט און צעהרגעט איינער מיטן אַנדערן, ווייל דער מענטש קען נישט אַנטלויפן פון זיין אייגענער נאַטור? ניין, נישט אָפּזונדערן זיך, נאָר אָט־די עטישע מענטשן, וואָס וועלן באַשטיין (ווי וואָלף גיט זיי באַצייטנס אַ כאַראַקטער־אַטעסטאַט) „פון די בעסטע אינדיווידן, וואָס דער מענטשלעכער מין גיט פון זיך אַרויס״, דאַרפן לעבן אין מיטן דער וועלט, אינעם קאָך פון דעם אַרומיקן לעבן, נאָר „זיך אויסטיילן אין באַזונדערע גע־

מיינשאַפטן, און אַזוי־אַרום, דורך די דאָזיקע געמיינשאַפטן, קומען אין קאָנטאַקט מיטן כלל"... די עטישע געמיינשאַפטן, — ברייעט ער ווייטער, — דאַרפן כלפּי־פּנים מיט זיך פאַרשטעלן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט אין מיניאַטור, און כלפּי־חוץ דאַרפן זיי ווירקן ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי... וועגן די מיטגלידער פון די דאָזיקע עטישע געמיינשאַפטן רעדט דער מחבר אין הוילע סופּערלאַטיוון, ווי אַ פאַר־ליבטער. ער רופט זיי „נביאישער טיפּ", — „העלדן פון דער מאָראַל", די „מיסיאָ־נערן פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט". און ה. וואָלף, וואָס ער איז איינער פון זיי, באַגרייפט נישט אין זיין שרעקלעכער אומבאַשיידנקייט, אָדער נאַיוויטעט אַז אַזעלכע מענטשן, וואָס וועלן אַרומגיין מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען די בעסטע און פיינסטע פון דעם מענטשלעכן מין, וועלן מיט דער צייט זיך פאַר־וואַנדלען אין סנאָבן, אין אַ נייער אַריסטאָקראַטיע פון אויסדערווײילטע, פון אַ האַרן־קאַסטע, וואָס דאָס מוז ענדלעך דערפירן צו קרענקלעכער פּסיכישער דעגענע־ראַציע.

אַזוי באַגרייפט ער אויך נישט, אַז אַט־די „העלדן פון דער מאָראַל", אויב זיי זאָלן זיך, ווי ה. וואָלף וויל, מישן אין פּאָליטיק, וועלן אין דעם פּאָליטישן טומל אָדער אויסגענוצט ווערן פון כיטרע פּאָליטיקאַנטן, וואָס וועלן צוליב שטיי־מען אַפילו זיך פּראָקלאַמירן פאַר עטישע פּערזענלעכקייטן; אָדער זיי אַליין, די „מיסיאָנערן פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט", וועלן מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלען אין כיטרע פּאָליטיקאַנטן, וואָס די ווערטער אמת, יושר, פרייהייט, עטיק, מאָראַל וועלן ביי זיי ווערן, ווי ביי דעם גרויסן רוב, אויב נישט ביי אַלע פּאָליטיקאַנטן — ווערטער, נישט מער... דער מחבר זאָגט אונדז נישט אויס גענוי, ווי אַזוי די „עטישע לייט" זאָלן אָנטייל נעמען אין דער פּאָליטיק, צי זיי זאָלן מאַכן קאָמפּראָמיסן פאַר אַנדערע, צי זיי אַליין זאָלן אַרויסשטעלן עטישע קאַנדידאַטן פאַר פּרעזידענט, פאַר פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, ריכטער, גובערנאַטאָרן, אָבער ווען ער דערקלערט אונדז, אַז דער „עטישער מענטש ביי דער מאַכט וואָלט — ווידעראַמאָל — געהאַט די אויפגאַבע אויף אַלערליי אופנים צו סטימולירן אין אַרוסרופן פרייע גייסטיקע כוחות" אאַז"וו, פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט גאָר־גאָר גרויסע פּאָליטישע אַמביציעס. און ווידער באַגרייפט נישט דער מחבר, אַז מיט דעם עטישן מענטש ביי דער מאַכט וועט געשען אַקוראַט דאָס אייגענע, וואָס מיט אַלע „אידעאָלאָגישע" מאַכט־האָבערס, וואָס הויבן אָן מיט גוטע כוונות און פאַרענדיקן מיט קאָזעמאַטן און טויט פאַר אַלע, וואָס דענקען אַנדערש. אין דעם פאַל וועט מען ליקווידירן מענטשן דערפאַר, וואָס זיי זענען נישט עטיש — לויט דער ליניע פון די עטישע געמיינשאַפטן...

ס׳איז באמת זייער טשיקאַווע ווי מענטשן, וואָס זענען „באַזעסן״ פון אַ געוויסער אידייע, אָדער אידעאָלאָגיע, זענען זייער קריטיש און אַנאַליטיש לגבי אַנדערע אידעאָלאָגיעס, אָבער ווערן פולשטענדיק בלינד, ווען עס קומט צו זייער אייגענער פיקס־אידייע. ער איז זייער קריטיש וועגן מאַרקסן, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער פאַרשיידנקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און דערפאַר קען זיין קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט קיין האָפט ניט האָבן. ער איז זייער קריטיש וועגן דעם מענטש בכלל. „דער אַרבעטער־קלאַס, — שרייבט ער אויף זייט 135 — באַשטייט פון געוויינלעכע מענטשן. מיט דעם פאַקט, וואָס איינער אַרבעט, ענדערט זיך גאָרנישט אין זיין וועזן... דער געוויינלעכער מענטש, פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן, פון קליינבירגערטום, צי פון רייכן קלאַס, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַסיוו, עגאָיסטיש וועזן״... ה. וואָלף האָט כסדר אין אויג די סתירות אין דער מענטשלעכער נאַטור, אין זיין פסיכישן איינשטעל, וואָס דאָס אַלץ איז קעגן יעדער „גלייכשאַלטונג״, קעגן דעם אַרויסרוקן אַ באַשטימטן קלאַס ווי דעם בחיר־היצירה. אָבער ווי נאָר עס קומט צו זיין פיקס־אידייע פון אַן „עטישער געמיינ־שאַפט״, אָדער „געזעלשאַפט״, פאַרגעסט ער תיכף די פאַרשיידנאַרטיקייט, די פסיכישע קאָנפליקטן אין דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און ער רעכנט זיך אַפילו נישט מיט די כלערליי אונטערנעמונגען צו עטאַבלירן עטישע, אַנאַרכיסטישע און רעליגיעזע קאָמונעס, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ.

*

ה. וואָלף איז, ווי געזאָגט, אַ גייסטרייכער, זוכנדיקער מענטש, אָבער מער ווי זוכן קען ער נישט — און זוכן אַליין איז אַ וויכטיקער ענין. דאָס, וואָס ער האָט, ווי ער מיינט, געפונען, האַלט נישט אויס קיין שום קריטיק. עס איז נישט קיין ניי „געפינס״. פון די אסיים ביז די עטישע געזעלשאַפטן אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער מענטשלעכער געשיכטע אין ממש אַלע טיילן פון דער וועלט, האָבן מיר געהערט די אייגענע שיינע רייד. אָבער ה. וואָלף רעדט דערפון ווי ער וואָלט דאָס אַלץ נאָר־וואָס אַליין אַנטדעקט, נישט ברענגענדיק קיין שום ביישפּיל פון דער געשיכטע, אָדער ציטאַט.

בכלל ציטירט וואָלף קיינעם נישט, דערמאָנט אַפילו נישט וועלכע־ס׳איז אויטאָריטעט, אַ חוץ מאַרקסן, גליך די אַלע אידייען און געדאַנקען, וועלכע ער באַהאַנדלט אין זיין בוך — וועגן פסיכאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, רעליגיע, מאָראַל און אַנדערע אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים — זענען צו אים אַראָפּגעפאַלן פון דער הוילער לופט. דאָס איז מסתמא אַ פאַרזען. וואָלף נייטיקט זיך אין אַ גוטן רעדאַק־טאָר. אַזעלכער וואָלט ערשטנס דאָס בוך אומגעהייער מקצר געווען; צווייטנס

וואָלט ער אויפמערקזאַם געמאַכט דעם מחבר אויף די אַלע ווידערשפּרוכן אין זיין ווערק; דריטנס וואָלט ער געזען, אַז דער מחבר זאָל אָנגעבן די קוואַלן, פון וועלכע ער שעפּט. אַ גוטער רעדאַקטאָר וואָלט אויך אַכטונג געגעבן אויף אַ גאַנצער ריי „קליינינקייטן". אַזאַ קליינינקייט, למשל, איז קאַרעקטור פון זאַצן. באַלד אין ערשטן קאַפּיטל שרייבט דער מחבר, אַז „דאָס, וואָס וואָלט פריִער פון אַלץ געדאַרפט גענומען ווערן אין באַטראַכט ביים צוגיין מאַכן די וויסנשאַפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט" — קלינגט „מאַכן די וויסנשאַפט" קוידעריש. אַ ביסל ווייטער שרייבט ער: „דער מענטש האַלט זיך כסדר אין איין ענדערן און בייטן, זיך צופּאַסנדיק, פאַר יעדעס מאָל". איז מוחל שוין דאָס „ענדערן און בייטן", אָבער „פאַר יעדעס מאָל" איז ווידער קוידעריש. אַזעלכע פעלערן זענען צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך. אָט איז נאָך אַ „קליינינקייט": ווען דער מחבר רעדט וועגן עראָטישן געפיל, שרייבט ער: „ווען דער מענטש וואָלט נישט באַזעסן קיין שכל, וואָלט ער מיט זיין עראָטישן אינסטינקט געבליבן אויף דער זעלבער מדרגה וואָס די חיה, דאָס הייסט, געקעמפט פאַרן דירעקטן צונויפטרעפן זיך מיט דער „זי" (ז' 52). ביים מחבר איז, הייסט עס, דער מענטש בלויז אַ מאַנסביל, וואָס רייסט זיך צו דער „זי", וועלכע איז שוין מסתמא נישט קיין מענטשלעך וועזן. דער מחבר האָט דאָס זיכער נישט געמיינט. אָבער ער האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געכאַפּט, אַז מען קען דאָ פשוט ריידן וועגן קאָנגרויטיקן דירעקטן צונויפטרעפן זיך.

אַ ווערק פון אַזאַ גרייס (אין קוואַנטיטעט) מוז אומבאַדינגט האָבן אַ זוכצעטל, דאָס איז נישטאָ. ס'איז יאָ דאָ אַן אינהאַלט־פאַרצייכעניש, וואָס איז אָבער לחלוטין נישט אינפאָרמאַטיוו. יעדעס קאַפּיטל אין בוך האָט אַ באַזונדערן נאָמען, אָבער אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש ווערן נישט אָנגעגעבן די נעמען, נאָר די נומערן: קאַפּיטל איינס, קאַפּיטל צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס אאַז"וו. דאָס דערמאָנט אָן יענעם שילער, וואָס ווען דער לערער האָט אים געהייסן אויסרעכענען די פינף גרעסטע מלחמות אין דער וועלט־געשיכטע, האָט ער אויסגערעכנט: ערשטע מלחמה, צווייטע מלחמה, דריטע מלחמה — אַזוי ביז פינף...

דאָס זענען אַלע קליינינקייטן, אָבער אין אַ וויסנשאַפטלעך ווערק זענען זיי נייטיק, כדי צו קענען נאָכפאָלגן דעם מחבר און צו קענען צוריקגיין צו פריִערדיקע קאַפּיטלען און ענינים.

אַהאַספער, יודאַס און שיילאָק

I

צו די צוויי אַנטי־ייִדישע סימבאָלן — אַהאַספער, דער אייביקער ייִד, וואָס זאָל האָבן אַ שטויס געטון דעם נוצרי, בעת מען האָט אים געפירט צו דער קרייציקונג, און יודאַס, וואָס זאָל האָבן פאַרראַטן יעזוסן פאַר דרייסיק זילבערנע שקלים — האָט וויליאַם שעקספיר צוגעשטעלט אַ דריטן: שיילאָקן. שיילאָק איז אין די איבער דריי הונדערט יאָר פון זיין עקסיסטענץ געוואָרן אַזוי קריסטלעך ווי זיינע פיל־עלטערע צוויי ברידער, אָדער שותפים. אַהאַספער, יודאַס און שיילאָק זענען אַ דריי־אייניקייט, וואָס דאַרף באַרעכטיקן די פאַרפאָלגונגען און בלוטיקע אָנפאַלן מצד די קריסטלעכע פעלקער אויפן פאָלק ישראל. אַלע דריי זענען זיי סימבאָלן, וואָס זענען אַריין אין דעם פלייש און בלוט און אין דער פסיכיק פון די קריסטלעכע פעלקער. אַלע קלוגע היסטאָרישע אַנאַליזן און אויפקלערונגען, אַז סיי די מעשה מיט יודאַס און סיי די מעשה מיט אַהאַספער זענען לא היה ולא נברא וועלן דאָ נישט העלפן. אַזוי וועלן נישט העלפן אַלע טיפזיניקע אויסטייטשונגען, אַז שיילאָק איז אַ פּאָזיטיווער ייִדישער טיפּ, אַ פּראָטעסט קעגן דער קריסטלעכער רשעות און אַז זיין באַשטיין דווקא אויפן פונט פלייש איז, ערשטנס, דאָך אין הסכם מיט דעם קריסטלעכן געזעץ, וואָס האָט דערלויבט אַזאַ אַקט און, צווייטנס, אַ באַרעכטיקטער אויסדרוק פון פּראָטעסט און צאָרן מצד דעם אומגעהייער־געקריוודעטן שיילאָק. די שיילאָק־געשטאַלט, ווי זי האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער פסיכיק פון פעלקער, וועלן מיר שוין נישט ענדערן. יודאַס און שיילאָק וועלן ווייטער בלייבן, צי אונדז געפעלט דאָס אָדער נישט, סינאָנימען פון ייִדישן פאַרראַט, אַכזריות און געלט־גייציקייט.

בעת מיר האָבן כמעט שלום געמאַכט מיט אַהאַספערן און יודאַסן, און אַפילו

ייִדן, איבערהויפּט שריפטשטעלער און אינטעליגענטן, האָבן אָט־די צוויי אַנטי־ייִדישע סימבאָלן אַריינגענומען אין זייער שפּראַך־לעקסיקאָן און באַנוצן זיי אין דעם אייגענעם זין, ווי אונדזערע קריסטלעכע שכנים. קענען מיר נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיט דעם דריטן, מיט דעם ייִנגסטן פון דער הייליקער טריניטעט, מיט שיילאָקן. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס בעת יודאַס און אַהאַספער קומען צו דער וועלט פון דער מיטאָלאָגיע, קומט שיילאָק פון דער קונסט, וואָס האָט געזאָלט ווערן די נייע רעליגיע פון דער מענטשהייט, פון דער ליטעראַטור און טעאַטער, און מיט אַ ליטעראַט קענען מיר נאָך, מיינען מיר, אפנים, זיך ווי־עס־איז אויסגלייכן, כאָטש דער ליטעראַט איז דאָ דער גרויסער, דער געניאַלער וויליאַם שעקספּיר, וואָס ער אַליין איז שוין באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטאָלאָגישער פיגור, וואָס וועגן זיין אידענטיטעט הערשן שאַרפע חילוקי־דעותן און וואָס ליטעראַטור־פּראָפעסאָרן האָבן אים באַדעקט מיט אַזעלכע פעק שמותן, אַז איינער, וואָס דערוועגט זיך צו וועלן עפּעס אַראָפּדינגען פון שעקספּירס גרויסקייט, אָדער בלויז אַנצוווייזן אויף די מעלאָדראַמאַטישע שונד־עלעמענטן אין זיינע ווערק, ווערט באַטראַכט אָדער פאַר אַ משוגענעם, אָדער פאַר סתם אַ שרעקלעכן חצוף.

עס זעט אויס, אַז טייל ייִדישע שריפטשטעלער קענען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז דער גרויסער שעקספּיר, דער סופּרא־קינסטלער, זאָל האָבן אַרונטערגעפאַלן אונטער אַנטיסעמיטישע טענדענצן ביים באַשאַפן שיילאָקן. און עס איז באמת מערקווירדיק, אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש, וואָס גראָד נאָך טרעבלינקע און מיידאַנעק, נאָך דער קריסטלעכער שחיטה פון זעקס מיליאָן ייִדן, האָט זיך ביי אונדז פאַנאַנדערגעפלאַקערט שטאַרקער ווי ווען־עס־איז פריער די פּלוגתא אַרום שיילאָקן. נישט לאַנג צוריק האָט לעאָ פינקעלשטיין אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אין אַ פּרעכטיקער עסיי אין „צוקונפט", אַז דאָס ייִדישע פאָלק לעבט איצט איבער אויף דאָס ניי די עפּאָכע פון רבי עקיבא און בר־כוכבא — דער עיקר אויפן סמך פון עטלעכע דערציילונגען און פאָעמעס, וואָס זענען לעצטנס ביי אונדז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די צוויי גרויסע פיגורן אין דער ייִדישער געשיכטע. מען וואָלט אפשר מיט מער רעכט געקענט באַצייכענען די איצטיקע צייט אין ייִדישן לעבן פאַר אַ שיילאָק־תקופה, אויב מיר זאָלן משפּטן אונדזער צייט לויט דער גרויסער צאָל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין אונדזער פּרעסע און ליטעראַטור וועגן שיילאָקן און מיט שיילאָקס אויפטריט אויף דער ייִדישער בינע — אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. מאָריס שוואַרץ פירט אויף אַרי אבן־זהבס „שיילאָקס טאָכטער". די העברעיִשע טעאַטער־גרופּע „פּרגוד" האָט אויפגעפירט, מיט דעם „הבימה"־קינסטלער ד.

בן־ארי, אונטער דער רעזשי פון פּעטער פריי — „שיילאָק 1947". ביידע פּיעסן זענען אַפּאָלאָגעטיש. ביידע באַמיִען זיך צו דרינגען, דורך אומוועגן און אַלערליי פּאַרטלען, אַז שיילאָק איז אַ פּאָזיטיווער יידישער טיפּ און אַ פּראָטעסט קעגן דער אכזריות פון דער נישט־יידישער וועלט לגבי יידן.

אין דער פּאָלעמיק, וואָס אברהם טייטעלבוימס בוך „וויליאַם שעקספּיר", דאָס ערשטע פולע ביאָגראַפישע ווערק אין יידיש וועגן דעם סטראַטפאָרדער דיכטער, האָט אַרויסגערופן וועגן שיילאָקן, זענען די מיינונגען צעטיילט. טייטעלבוים אַליין, אַ התלהבותדיקער שעקספּיר־חסיד, איז איבערצייגט, אַז שיילאָק איז אַ פּאָזיטיווער יידישער טיפּ. ד"ר שלמה ביקל (אין „אונדזער וועג") האַלט אויך אַזוי. מיטן מויל פון אַ לערער, וואָס ער האָט באַגעגנט און מיט וועמען ער איז מסכים, זאָגט ער אונדז מיט גרויס עקסטאַז: „שעקספּיר איז אַ גאון אין אַלץ שטייט ביי אים, ווי אין דער ביבל". און ער לערנט אַרויס פון דער שעקספּירשער ביבל, אַז שיילאָק באַשטייט אויף דעם „פונטל פלייש", נישט ווייל ער איז אַן אכזר, אַ נקמה־נעמער, נאָר דערפאַר, וואָס שיילאָק ווייסט, אַז ליידן איז אפשר דער איינציקער וועג אויפצוועקן אין די „גוטע אַנטאָניאָס" די חושים, אַז זיי זאָלן זען און דערפילן די ליידן פון זייערע קרבנות. „און ווייטער שטייט געשריבן ביי שעקספּירן — פּאַרזיכערט ד"ר ביקל דורך זיין לערער — אַז וויבאַלד די וועלט פון פּאַרשיאַס און אַנטאָניאָס און פון זייערע ריכטער וועט האָבן אָפּגעראַטעוועט דעם תליון פון שטריק — וועט זי ווערן פול מיט רחמנות אַפילו צום קרבן" אאַז"וו. „אַ גאון געווען איז שעקספּיר און אַ נביא. ער האָט אַלץ פאָראויסגעזען"...

דאָס מיינט, אַז שעקספּיר האָט פאָראויסגעזען די צייט פון טרעבלינקע און מיידאַנעק, ווען די „קריסטלעכע ליבע" האָט דעם תליון געמאַכט פאַר אַ נגזל און דעם קרבן — פאַר אַן אכזר. אָט־אַזוי לייענט מען אַריין (און אַרויס) ביי שעקספּירן זאַכן, וואָס ער האָט נישט געשריבן, אַפילו נישט געדאַכט, כדי צו ראַטעווען די רעפּוטאַציע — פון וועמען? פון שעקספּירן, צי פון יידישן פאָלק?

א. ניסענזאָן (אין „יידישע קולטור") דריקט אויס די אייגענע מיינונג, אַז שיילאָק איז אַ פּאָזיטיווער יידישער טיפּ, אַז שעקספּיר איז דאָ אויסן געווען בלויז די יידישע אינטערעסן ממש. דערביי ברענגט ער נאָך דעם אַרגומענט, אַז שעקספּירס פּיעסע הייסט דאָך גאָרנישט „שיילאָק", נאָר „דער סוחר פון ווענעדיק" און אַז שיילאָק איז דאָרט בלויז איינער פון די הויפּט־העלדן.

יעקב גלאַטשטיין (אין „יידישן קעמפער") זוכט אויף שעקספּירן אַ זכות, אַז אין דעם ראַם פון זיין צייט און סביבה איז שעקספּיר כמעט געווען אַ מליץ־יושר פאַר יידן, דורך שיילאָקן. אַלע פּאַרטיידיקער פון שעקספּירס שיילאָק צי־

טירן מיט גרויס פּיעטעט די ווערטער פֿון שײַלאָקס רעדע פֿאַר זײַנע ריכטער: „ווען איר שטעכט אונדז, בלוטיקן מיר נישט? און ווען איר סמט אונדז, שטאַרבן מיר נישט?" און זיי באַגרײַפֿן, אַפֿנים, נישט, אַז גראָד די דאָזיקע ווערטער זײַנען די שטאַרקסטע באַליידיקונג פֿאַר אונדז, דער הילכיקסטער פּאַטש אין פּנים אונדזער מענטשלעכקייט; אַט־די ווערטער פּאַסן זיך פֿאַר אַ צער־בעל־החיימניק, וואָס נעמט זיך אָן פֿאַר אַ געשלאָגענער חיה, אַז דער חיה טוט וויי, פּונקט ווי אַ מענטשן, ווען מען פּײַניקט זי. זיי באַגרײַפֿן אויך נישט, די שעקספּיר־פֿאַר־טיידיקער אונדזערע, אַז היסטאָרישע געשטאַלטן, אַלצאײַנס צי זיי זײַנען רעאַלע, צי מיטאָלאָגישע, זײַנען דאָס, וואָס דורות מאַכן פֿון זיי. ווען אַפֿילו שעקספּיר וואָלט מיט שײַלאָקן אויסן געווען אונדזער טובֿה, איז עס קיין גרויסער חילוק נישט. ער וועט בלײַבן דאָס, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט געמאַכט פֿון אים, ווי יודאַס און אַהאַספֿער — און יעזוס אַלײן — וועלן פֿאַרבלײַבן — נישט וואָס זיי זײַנען היסטאָריש באמת געווען (אויב זיי זײַנען בכלל געווען), נאָר דאָס וואָס די וועלט האָט אין פֿאַרלויף פֿון דורות געמאַכט פֿון זיי.

די קריסטלעכע וועלט מוז האָבן אַהאַספֿערן, יודאַסן און שײַלאָקן, סײַ צו באַרעכטיקן איר רשעות לגבי דעם ייִדישן פֿאָלק, סײַ ווי אַ באַלזאַם אויף איר שולדיק געוויסן. גערעכט זײַנען דעריבער אהרן צייטלין („מאָרגן זשורנאַל"), ה. לייוויק („טאָג") און אַנדערע ייִדישע שרײַבער, וואָס זעען אין שײַלאָקן אַ ייִדנ־פֿײַנטלעכע פּיעסע.

דער אמת מוז געזאָגט ווערן, אַז געוויסע קריסטלעכע עלעמענטן, ליבעראַלן, הומאַניסטן, האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן דערפֿילט די אומגערעכטיקייט, וואָס שעקספּיר איז באַגאַנגען לגבי ייִדן מיט זײַן שײַלאָק און זיי האָבן זיך באַמיט ווי־נישט־איז צו פֿאַרריכטן די עוולה. אַזוי האָט אין אונדזער צײַט — אין יאָר 1935 — דער ניו־יאָרקער בילדונגס־ראַט (באָארד אָוו עדיוקיישאָן) אָפֿיציעל פֿאַרבאָטן צו לערנען דעם „סוחר פֿון ווענעדיק" אין די „האַי־סקולס", אָבער אין אַ צוויי יאָר אַרום אַראָפּגענומען דעם פֿאַרבאָט, אײַנזעענדיק, אַז דווקא דער פֿאַקט, וואָס צווישן שעקספּירס ווערק איז נישטאָ דער „מוירטשענט אָוו ווענים", וועט אַרויסרופֿן אַ גרויסע נײַגעריקייט און אינטערעס צו דער פֿאַרבאָטענער דראַמע. בעת דער בילדונגס־ראַט האָט אַראָפּגענומען דעם פֿאַרבאָט, האָט יעדער „האַי־סקול" געגעבן די ברירה יאָ, אָדער נישט צוריקצונעמען שײַלאָקן. אַ צאָל „האַי־סקולס" (גימנאַזיעס) האַלט זיך דעריבער נאָך ביים חרם אויף שײַלאָקן ביזן היינטיקן טאָג.

II

וואָס איז דער היסטאָרישער אמת וועגן שעקספּירס „דהי מוירטשענט אָוו וועניס"? גלייך אין אָנהייב דאַרף דערציילט ווערן, אַז די דאָזיקע פּיעסע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1600 און דער נאָמען פון דער פּיעסע אין בוכפאָרם איז געווען „דהי עקסעלענט סטאָרי אָוו דהי מוירטשענט אָוו וועניס וויט דהי עקסטרים קרועלטי אָוו שיילאָק דהי דזשו". דאָס מיינט: „די אויסגעצייכנטע געשיכטע וועגן דעם סוחר פון ווענעדיק און דער עקסטרעמער אכזריות פון שיילאָק דעם ייד". דאָס האָט שעקספּיר אַליין אָנגעשריבן מיט זיין געניאַלער האַנט. שעקספּיר האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און ווען אַזאַ טיטול וואָלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אָן זיין דערלויבעניש, וואָלט ער זיכער נישט געשוויגן. שוין אין דעם דאָזיקן נאָמען פון דער פּיעסע איז בולט אויסגעדריקט שעקספּירס אַנטי־יידישע טענדענץ. ניסענזאָנס אַרגומענט, אַז די פּיעסע הייסט נישט „שיילאָק" איז דעריבער גאָרנישט ווערט.

נאָך וויכטיקער איז, וואָס שעקספּיר האָט זיך באַנוצט מיט אַ פּאַרטיקער מעשה וועגן אַן אָפּמאַך צווישן צוויי מענטשן, אַז אויב איינער וועט דעם אַנדערן נישט אָפּגעבן אין אַ באַשטימטן טאָג דעם חוב, וואָס ער איז אים שולדיק, זאָל ער אים דערפאַר מוזן געבן אַ פונט פלייש פון זיין אייגענעם קערפּער. אָבער אין אָט־דער מעשה איז דער, וואָס מאָנט אַ פונט פלייש, נישט קיין ייד, נאָר אַ גוי. שעקספּיר האָט אים אָבער געמאַכט פאַר אַ ייד... שעקספּיר האָט די מעשה גענומען פון דעם בוך „איל פּעקאָראָנע", פאַרפאַסט פון דזשיאָוואַני פלאָרענטינאָ (1558). אַז שעקספּיר האָט די טעמע גענומען פון דאַנען איז צו זען דערפון, וואָס סיי אין „איל פּעקאָראָנע", סיי אין „מוירטשענט אָוו וועניס" איז נישט נאָר די מעשה וועגן דעם פונט פלייש די אייגענע, נאָר אויך די סביבה — אין ביידע ווערק ווערט די העלדין אין דערזעלביקער אימעניע — אין בעלמאָנט. דער אונטערשייד איז בלויז אין שיילאָקס ראַסע...

אַז די מעשה מיטן פונט פלייש איז אַן אַלטע און האָט גאָרנישט צו טון מיט יידן, קען מען זען דערפון, וואָס זי געפינט זיך אין פאַרשיידענע אַלטע ביכער און ביי פאַרשיידענע פעלקער. מיר געפינען די מעשה אין דער „מאַהאַבאַראַטאַ", דעם גרעסטן עפּאָס פון אינדישן פאָלק, וואָס איז אַרום דריי טויזנט יאָר אַלט; אין „קורסא מונדי", וואָס איז שוין באַקאַנט געווען אין ענגלאַנד אין דרייצנטן יאָרהונדערט. צווישן 1400 און 1600 איז דיזעלביקע מעשה דערשינען אין כל־ערליי וואַריאַציעס אין אַ ריי לענדער — מיט אַ ייד און אָן אַ ייד. אין „געסטאַ ראָמאַנאָרום", איבערזעצט אויף ענגליש דורך ראָבינסאָן (1577), ווערט די גע־

שיכטע דערציילט אַן דעם אַנטייל פון אַ יידן. דאַקעגן אין „לייף אָוו סיקסטוס דהיי פיפטה" איז יאָ דאָ אַ ייד, אָבער נישט דער ייד מאָנט אַ פונט פלייש פון אַ קריסט, נאָר פאַרקערט: אַ קריסט מאָנט אַ פונט פלייש פון אַ ייד. עס זענען אויך דאָ ווערק, וווּ אַ ייד איז דער פלייש־מאָנער, ווי אין דער באַלאַדע „גערנוטוס, דער ייד", וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דעם מאַגדאַלן־קאָלעדזש אין קיימברידזש, און דער שעקספּיר־פאָרשער קאַפּל דערמאָנט אַ דערציילונג „דער ייד פון ווענעדיק".

פאַראַן באַווייזן, אַז שעקספּיר האָט זיין „סוחר פון ווענעדיק" געשריבן אויף דער באַשטעלונג פון דעם אוירל אָוו עסעקס, אַלס אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. אַט־די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע דריי חדשים נאָכדעם ווי דער אַלטער יידישער לייב־דאָקטער פון דער קיניגין עליזאַ־בעט איז עפנטלעך געהאַנגען געוואָרן אין לאָנדאָן צוליב אַ בלבול פון פאַרראַט. דער נאָמען פון דעם אומגעבראַכטן יידישן דאָקטער איז געווען ראָדעריגאָ לאָפּעז, אַן אַנטלאָפענער פון שפּאַניע, אָדער פּאָרטוגאַל. דער בלבול אויף אים האָט געמאַכט דער פּאָרטוגעזער אַנטאָניאָ. איבער דעם יידישן דאָקטער איז דורכ־געפירט געוואָרן אַן עפנטלעכער פּראָצעס און דער פּאָרזיצער פון דעם געריכט איז געווען דער דערמאָנטער אוירל אָוו עסעקס. דער פּראָקוראָר איז געווען גענעראַל קאָוק, אַ פאַנאַטישער שונא ישראל, דער יוליוס שטרייכער פון יענער צייט. אין טאָג פון ווייַנאַכטן (קריסטמעס) פון יאָר 1594 איז דער יידישער דאָק־טער אויפגעהאָנגען געוואָרן פאַר די אויגן פון טויזנטער לאָנדאָנער.

דער שעקספּיר־פאָרשער האוקינס שטעלט זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער פאַסירונג אין דעם זשורנאַל „טעאַטער" פון נאָוועמבער, 1879; ווענן דעם שרייבט אויך פּראָפעסאָר לי. ביידע זאָגן זיי אויסדריקלעך, אַז שעקספּיר האָט זיך באַנוצט מיט דעם שענדלעכן פּראָצעס איבער דעם ייד לאָפּעז אויפן סמך פון אַ פאַלשער מסירה, וואָס אַנטאָניאָ האָט צוגעשטעלט. אויך אין שעקספּירס דראַמע איז עס אַן אַנטאָניאָ, אָבער ביי שעקספּירן איז דער אַנטאָניאָ דער פיינער מענטש, פון וועמען שיילאָק פאָדערט אַ פונט פלייש... די אויפרעגונג קעגן יידן נאָך דער עפנטלעכער הינריכטונג פון דעם יידישן דאָקטער האָט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווי עס דערציילן די היסטאָריקער פון יענער צייט, און דער אוירל אָוו עסעקס האָט געוואָלט, אַז די שנאה צו יידן זאָל וואַקסן און ער זאָל זיך דעריבער האָבן גע־ווענדט צו זיין פריינט וויליאַם שעקספּיר, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַן אַנטי־יידישע דראַמע. אַט־די דראַמע וועגן דער „עקסטרעמער אכזריות פון שיילאָק דעם ייד" איז, ווי געזאָגט, אויפגעפירט געוואָרן דריי חדשים נאָך דעם יידישן דאָקטערס מאַרטירער־טויט. און זינט יענער ערשטער אויפפירונג האָט כמעט יעדע אויפ־

פירונג פון „סותר פון וועגעדיג״ אין פאַרשיידענע לענדער אויף פאַרשיידענע לשונות אַרויסגערופן בייז בלוט און אַטאַקעס אויף ייִדן.

אָבער וואָס די מאָטיוון שעקספּירס זאָלן נישט האָבן געווען ביים שרייבן זיין שיילאָק־דראַמע און צי ער האָט זי יאָ, אָדער נישט געשריבן אויף באַשטעלונג, איז דער עיקר דאָ דער ריינער פּועל־יוצא — און דער פּועל־יוצא איז, אַז שיילאָק איז אַ נעגאַטיווער ייִדישער טיפּ. אַזוי האָט אים אויך די וועלט, די נישט־ייִדישע און די ייִדישע, אויפגעפאַסט. די ייִדישע וועלט האָט דאָס נישט נאָר „ליטעראַריש״ אַזוי אָפּגעשאַצט, נאָר האָט עס אויך פיזיש געפילט אויף די ייִדישע פּלייצעס. עס איז צו באַגרייפן דעם ווייטיק פון ייִדן, וואָס דער באַרימטסטער און אוניווערסאַל־פאַרגעטערטער דראַמאַטורג האָט דער וועלט געגעבן נאָך אַ וואָפן קעגן ייִדן, אָבער מיט אָפּשפּרעכן שיילאָקן אַן עין־הרע און מיט דווקא וועלן עמעצן איינשמועסן, אַז שיילאָק איז „גוט פאַר ייִדן״, וועלן מיר, ווי געזאָגט, אַבסאָלוט גאָרנישט ענדערן. עס איז „ווישפול טהינקינג״, ווי מען זאָגט עס אויף ענגליש, בפרט, אַז די נישט־ייִדישע וועלט הערט זיך סיי־ווי נישט צו צו אונדזערע פּלפּולים. לודוויג לואיסאָנס גרינטלעך ווערק וועגן שיילאָקן, ווו עס קומט צום אויסדרוק דער ייִדישער שטאַנדפּונקט, איז כמעט פאַרשוויגן געוואָרן אין דער נישט־ייִדישער וועלט, הגם עס איז געשריבן אין ענגליש און הגם יעדעס אַנדערע ווערק לואיסאָנס רופט, געוויינטלעך, אַרויס אַ סך אויפמערקזאַמקייט. טאָ וואָס קענען מיר שוין דערוואַרטן פון די שיילאָק־פּלפּולים צווישן זיך אַליין, אויף ייִדיש און העברעיִש? דורך אונדזער כשרן פאַר זיך אַליין שיילאָקן און טענהן, אַז דער אינדיק איז נישט קיין אינדיק, נאָר אַ פיש, וועלן מיר קיין רעאַלן פיש נישט באַשאַפן. מיר האָבן באין־ברירה שלום געמאַכט מיט אַהאַספערן און יודאַסן און באין־ברירה מוזן מיר שלום מאַכן מיט שיילאָקן — זיך צוגעווינען צום געדאַנק, אַז שעקספּיר האָט געשאַפן אַן אַנטי־ייִדישן ייִד, ווי די קריסטלעכע עוואַנגעליע, וואָס איז דאָס ווערק פון אייגענע ייִדן, האָט געשאַפן אַן אוניווערסאַלן אַנטי־ייִדישן שטאַנדפּונקט.

1948.

משה נאַדיר - דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט זיין אַנדערש

די ערשטע נאַכט שבועות, 8־טער יוני, 1943. אַליין אין הויז. דער טעלעפאָן קלינגט. אַ קאָלעגעס קול: „נו, איז שוין משה נאַדיר אויך נישטאָ!”. וואָס מיינסטו? „נישט געהערט נאָך? געשטאָרבן היינט בייטאָג אין וווּדסטאָק”. כ׳וויל עפּעס איבערפרעגן. נאָר דאָ צעפּילדערן זיך סירענעס, וועקן, שרעקן, דערמאָנען און מאָנען: בלעקאוט! יהי חושך! פינצטער זאָל זיין! פינצטער, פינצטער! כ׳הענג אויף ס׳טעלעפאָן־טרייבל, פאַרלעש שנעל די ליכט. און בלייב אין דער פינצטער — אין דער פינצטער מיט משה נאַדירן. איך לאָז זיך אַראָפּ אין דער וויגשטול. ער — אַנטקעגנאיבער מיר אויף דער סאָפע. מיר קוקן זיך אָן. זיין ווייסער קאָפּ האָר לייכט דורך דער פינצטערניש. און זיינע אויגן שמייכלען, שמייכלען — ווי אַלעמאָל — דורך אַ דינעם נעפּל פון טרויער.

די פינצטערניש באַוועגט זיך, דאַכט זיך, שוועבט, טראָגט זיך ערגעץ פאַרביי פאַר באַקאַנטע ערטער. אָט זענען מיר ביי דרייסיק יאָר צוריק — אין דער דירה פון דעם זעצער און קולטור־טוער מאיר קאַסטאָף, אויף בלעיק עוועניו, איסט־ניו־יאָרק, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט. מיינע ערשטע חדשים אין אַמעריקע.

גערענקסט, משה, ווי דו האָסט מיך אויסגעפרעגט וועגן קאָלעגן אין וואַרשע. איבערהויפּט וועגן נאָמבערגן און יוסף טונקלען. געדענקסט ?

פאַרלעשט! פאַרלעשט! — צעשרייט זיך אַ קול אין גאַס. ערגעץ־ערגעץ אין אַ פענצטער פלעמלט אַ ליכטל. פאַרלעשט! הערסט, משה? היינט איז די נאַכט פון מתן־תורה. מיט בליץ און דונער ווערן אין מדבר פּראָקלאַמירט די העכסטע

מאַראַלישע פּרינציפּן. מיט בליץ־קריג און באָמבע־דונער האָט אין 1939 דער שטן זיך פאַרנומען צו פאַרטיליקן יענע מאַראַלישע פּרינציפּן.

„יהי אור" ראַנגלט זיך נאָך אַלץ קעגן „יהי חושך" — און דערפאַר מוזן מיר דאָ איצט זיצן אין דער פינצטער, דער שונא זאָל אונדז נישט דערזען. און כדי צו פאַרזיכערן דעם יהי אור מוזן מיר דערווייל אויך שרייען יהי חושך. אַזוי איז עס, משה. נאָר... לאָמיר דאָס אַצינד אָפּלאָזן. עס קען אונדז פאַרפירן ווער־ווייס־וווהין... דו פילסט ווי די פינצטערניש פלאַטערט, פליט, ווי אַ מאַגי־שער טעפּיך? אָט פליען מיר פאַרביי דעם „קונדס", ווו מיר האָבן באַנאַנד געאַרבעט ביי — הומאָר. באַטראַכט נאָר די גאַנצע כאַליאַסטרע: יעקב מאַרינאָוו, דער לעבעדיקער, ל. קעסנער, ח. גאָטעספעלד, משה לייב האַלפּערין, לאָלאַ, שאול ראַסקין. דו הייבסט זיך דעמאָלט אָן צו געפינען, אָדער אפשר זאָגן — פאַרלירן?

האָב קיין פאַראיבל נישט. עס איז נישט קיין קיבעץ אַזאַ, אויך נישט בייז־ווילִיקייט, אָט־די באַמערקונג וועגן „פאַרלירן". דו ביסט דאָך דער מענטש, וואָס האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין אַנדערש. אַ יאָ? און דאָס איז דער גורל פון די, וואָס ווילן זיין אַנדערש — זיי ווערן מיט דער צייט אַנדערש פון זיך אַליין אַפילו. דאָס הייסט, אַז זיי פאַרלירן זיך אַליין, ווי, למשל, דער עכטער אַקטיאָר, וואָס לעבט זיך אַריין אין אַזוי פיל ראָלן, אַז מיט דער צייט ווייסט ער נישט ווו עס הייבט זיך אָן „ער" און ווו עס ענדיקט זיך, לאָמיר זאָגן, פיאָטער דער גרוי־סער, אָדער האַמלעט, אָדער הערשעלע דובראָוונער... פריִער האָסטו פאַרלוירן יצחק רייזן, דערנאָך אויך משה נאַדירן. דאָס — זאָג איך נאָכאַמאָל — איז דער גורל — די טראַגעדיע — פון יעדן קינסטלער, וואָס זוכט, וואָס איז אומצופרידן מיטן „ווי ס'איז", מיטן רוטין און מיטן שאַבלאָן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, פון די מענטשן, פון זיך אַליין.

האָסט געוואָלט זיין אַנדערש דאָס גאַנצע לעבן דיינס — אַנדערש אין דיין קליידונג, אַנדערש אין שרייבן, אַנדערש אין דעם אויפפיר. ווי יעדער אמתער הומאָריסט, ביסטו געווען אַ פעסימיסט און ווי יעדער אמתער קינסטלער, ביסטו געווען אַן אינדיווידואַליסט. האָסט אַלעמאָל געוווסט, אַז עס איז דאָ איין שטיקל לעבן און דו האָסט דאָס איינציקע שטיקל לעבן געוואָלט איבעראַנדערשן, נישט צוליב עפּעס אַן אידייע, נאָר צוליב — שפּיל, שווישפּיל, לעבנס־שפּיל. האָסט געוווסט, אַז אין טויט איז שוין נישטאָ, קען שוין ניט זיין אַנדערש... מען קען לעבן אַנדערש־אַנדערשדיק, אָבער מען קען נישט זיין אַנדערש טויט, אָט ווי עס איז נישטאָ דער עלעמענט פון צייט אין טויט. איינער, וואָס איז געשטאָרבן אָט נאָר־וואָס איז פונקט אַזוי טויט ווי איינער, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ מיליאָן יאָר

צוריק. עס איז נישט שייך אַן עלטערער טויטער און אַ ייִנגערער טויטער — אַ טויטער אַ קלאַסיקער און אַ טויטער — אַן אַנהייבער.

האָסטו דערפֿאַר אַלעמאָל געקוקט אין שפּיגל און געזוכט תּחבולות ווי אַנדערש צו זיין. אויב אַ „רובאַשקע" מאַכט דיך אַנדערש אין דעם רובאַשקעלאָזן אַמעריקע, זאָל זיין אַ רובאַשקע. געדענקסט ווי כ'האָב דיך איינמאָל אָנגעטראָפֿן אויף צווייטער עוועניו אין מיטן אַן אַטאַקע פֿון חוזק־בליקן און חוזק־שמייכלען פֿון די פֿאַרבייגייער — אָבער האָסט אויסגעזען אַנדערש, מוראדיק אַנדערש פֿון אַלעמען — אין דער פֿעלערינע, קני־הויזן, פֿאַנטאַסטיש אויסגעזייט העמדל און אַ שנירל אַרום האַלדז. נישט געהאַט דעם קוראַזש זיך אָפּצושטעלן מיט דיר, אַ פּאָך געטון מיט דער האַנט און שנעל זיך אָפּגעטראָגן. אָבער דו האָסט געהאַט קוראַזש, און עס פֿאָדערט זיך אַ סך קוראַזש אַרויסצוגיין אין אַזאַ הולך אין מיטן ניו־יאָרק. נישט ווייניקער קוראַזש פֿאָדערט זיך צו צעשיסן אַ וואָרט, איבערברעכן אַ פֿראַזע, אַט ווי די היינטיקע פֿיזיקער צעשיסן אַן אַטאָם, וואָס מען האָט אַמאָל געמיינט, אַז אַזוינס איז אוממעגלעך.

ס'איז דאָך מאָדנע, משה, וואָס צווישן די הונדערטער „איזמען" איז ממש פֿאַרלוירן געוואָרן איין „איזם", אפֿשר דער וויכטיקסטער — לעביזם, דאָס הייסט: לעבן צוליב לעבן, ווי קונסט צוליב קונסט, אָדער ווי משה נאַדיר צוליב משה נאַדיר... אָדער שפּיל צוליב שפּיל... אַלע „איזמען" ריידן בלויז וועגן שטאַרבן — שטאַרבן צוליב דער אידייע. פֿאַרוואָס? כּדי מאָרגן זאָל עפּעס אַ מענטש, וואָס דער גוטער יאָר וויס אים ווער ער איז, וואָס מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געקענט פּערזענלעך, וואָס איז נאָך אפֿשר גאָרנישט געבוירן געוואָרן — כּדי מאָרגן זאָל ער, דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער צוקונפֿט־מענטש, געניסן די פּרוכט פֿון אונדזער טויט... אָבער מאָרגן זאָגט מען ווידער יענעם מענטש, אַז זיין פֿליכט אַלס מענטש און אידעאַליסט איז — צו שטאַרבן פֿאַר געוויסע איזמען, וואָס אַן זיי איז מען נישט זיכער מיט דער צוקונפֿט... אַזוי הייסט מען דעם מענטש כּסדר שטאַרבן פֿאַר מאָרגן, פֿאַר עולם הבא, פֿאַר עמעצן אַנדערש...

דו האָסט נישט געהאַלטן דערפֿון. בטבע און בתוך ביסטו געווען אַ לעביסט און, ווי פֿריִער געזאָגט — אַ פּעסימיסט. ס'גייט איינס מיטן אַנדערן. ביידע ווייסן, אַז היום חי ומחר בקבר. אַז מ'האָט אונדז שוין יאָ, אַן אונדזער ווילן און דערלויבעניש, אַריינגעבאָרן אין דער וועלט אַריין אויף אַ שטיקל צייט, ווילן מיר דאָס שטיקל צייט הנאה האָבן. עס איז טאַקע גאָרנישט מיט גאָרנישט, אָבער דער גאָרנישט מיט גאָרנישט איז אַלץ, וואָס מיר האָבן. דער אונטערשייד צווישן פּעסימיסט פֿון שאָפּענהויערישן שטייגער און דעם הומאָריסטישן פּעסימיסט באַ־

שטייט דאָך דעריץ, וואָס דער ערשטער באַווייזט די נישטיקייט פון לעבן און דער צווייטער באַלאַכט די זעלביקע נישטיקייט.

דו האָסט באַלאַכט. אַפילו פון דיינע לייכטע הומאָרעסקעס, נישט נאָר פון דיינע „פילאָסאָפישע“ שמועסן — אין „פון מענטש צו מענטש“ — שוימט אַרויס דער צער און דאָס באַוווּסטזיין פון הכל הבל... האָסטו דעם היינט געמאַכט פאַר דיין ציל — „פון נעכטן ביז מאָרגן“. צווישן זיי ביידן ליגט דער היינט ווי אַ סאַנדוויטש. היינט איז אַ שפּאַן אין דעם שפּאַן פון לעבן. דאַרף מען אים אויסנוצן ביז — ביז וואָס? דאָס איז דיר קיינמאָל נישט קלאָר געוואָרן. עס קען נישט קלאָר זיין. האָסטו זיך געשפּילט מיט ווערטער — הנאה געהאַט פון דעם אויפטו: — וואָס מען קען אַלץ מאַכן פון אַ וואָרט! עס האָט טאַקע איבערראַשט! און פון שפּיל מיט וואָרט — צום שפּיל מיט מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס מיטן וואָרט, דורכן וואָרט. אַ וואָרט לאָזט זיך. מענטשן אָבער שרייען, מענטשן שעלטן. ביסטו שוין אין כעס געוואָרן, ווי געטון. וויפל מאָל האָסטו טאַקע מיר אַליין אַ שטאָך געטון, אַ ביס און אַ ריס געטון אין דיינע פעליעטאָנען, געדענקסט? און נישט צוליב אַן אידייע, נאָר פּשוט — צוליבן שפּיל.

שלום עליכם האָט זיך טועה געווען וועגן דיר — אפשר דערפאַר, וואָס עס איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון דיין שאַפן. מיר האָבן געפרעגט זיין מיינונג וועגן דיר — עס איז אויפן רעליף־באַזאַר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען, און ער האָט געזאָגט, אַז דיין הומאָר איז ווי פּריש־געפּאַלענער שניי, וואָס גיט אַ בלענד מיט זיין ווייסקייט און — צעגייט. ניין, גיכער איז דיין הומאָר שאַרף־געשליפענער האָגל, וואָס שניידט דאָס פּנים, אַמאָל אויך די נשמה. אָבער סוף־כל־סוף, וואָס ווייסן מיר איינער וועגן דעם אַנדערן? עס איז איין וועלט, זאָגט ווענדל ווילקי. און עס איז אמת אויך — לאַנד מיט לאַנד, פאָלק מיט פאָלק. דאָך איז יעדער מענטש, יעדער יחיד, אַ וועלט פאַר זיך, אַ וועלט, ווו קיין אַנדערער קען נישט אַריינדרינגען. האָסט אין איין צייט הנאה פאַרשאַפט און אַנדערע וויי־געטון, בעת דו אַליין האָסט אין טרויער דיינע לונגען אויסגע־שפּיגן. אויב דו האָסט געוואָלט דערגרייכן אַנדערשקייט, אַוועק פון דעם רוטין, פון דעם שאַבלאָן, האָסטו דאָס דערגרייכט — ביסט אַזוי אַנדערש געווען, אַז אָפט ביסטו אַפילו, ווי געזאָגט, אַנדערש געווען פון זיך אַליין, פון דיר אַליין.

ביסט אַן אָריגינעלע, אַן אייגנאַרטיק־אַנדערשדיקע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. אָבער מען דאַרף דיך נאָך געפינען, אַרויס־גראָבן דעם אמתן משה נאַדיר פון אונטער אַלע נאַדיריזמען, פון אונטער אַלע אַנדערשדיקייטן־מאַסקעס. ווו ביסטו, משהן?... אַנטשולדיק, פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַט־דאָ, אַ טויטער, אַ טויטער? אפשר בין איך אויך טויט — און מיר זיצן

אָט־אַזוי, צוויי טויטע, אין דער נאַכט פֿון מתּן־תּורה, בעת אַ בלעקאַוט אין ניו־יאָרק — און שמועסן זיך דורך. ווער ווייס? קאָנפֿוציוס איז גערעכט געווען, אַז מיר ווייסן נישט וואָס לעבן איז. דאָך ווייסן מיר די פֿונקציעס פֿון לעבן. אָבער וואָס ווייסן מיר פֿון טויט? אַבסאָלוט גאָרנישט. מיר שטאַרבן שוין הונדערטער טויזנטער יאָרן — דאָך ווייסן מיר נאָך גאָרנישט וועגן דעם טויט. איז עס טאַקע סוף, אָדער נייער אָנהייב, אַ מין אויפֿכאַפּן זיך נאָך אַ קורצן ערדישן לעבנס־חלום?

דו הערסט — די סירענעס. דער „יהי חושך" איז אַריבער. דער „יהי אור" קומט אָן. לאָמפּן צינדן זיך אָן. ליכט פּראַלט פֿון אַלע פֿענצטער. דיין געשטאַלט צעשווימט אין דער ליכטיקייט. אַדיע, משה, אַדיע!

פּרץ הירשביין - דער מענטש, וואָס איז געוואָרן אַנדערש...

מיט פּרץ הירשביינען האָב איך זיך באַקענט — דורך משה טייטשן — אין זאַקסישן גאָרטן, אין וואַרשע, — דאַכט זיך, אַז אין זומער פון 1911. מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געווען אויף אַן „אָוונט“, ווו הירשביין, מנחם, שלמה גילבערט און דער ניסתר האָבן פאָרגעלייענט זייערע זאַכן. נאָך דער פאָרלעזונג בין איך פאַרבליבן מיט די דערמאָנטע יונגע שרייבערס און, צוזאַמען מיט מיין חבר יהושע פּערלע, זיך נאָכגעשלעפּט מיט זיי אין אַ רעסטאָראַן.

הירשביין האָט אויף מיר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק — נישט צוליב קיין אַנדער חטא, ווי זיין אומנאַטירלעך ריידן, זיין אויסגעצויגענע, מאַנאַטאָנע, דעקלאַמאַטאָרישע אינטאָנאַציע פון די ייִדישע ווערטער. דאָס איז געווען אַ צו־גאָב צום שלעכטן איינדרוק, וואָס זיינע „וואַנדערער טרוימען“, די ערשטע זאַך (אָדער זאַכן) הירשביינס, וואָס איך האָב געלייענט, האָבן געמאַכט אויף מיר. כאָטש נאָך זייער אַ יונג בחורל, אַן אָנפאַנגער, ווען ליטעראַטור און ליטעראַטן זענען ביי מיר געווען ממש קודש־קדשים, האָב איך אָבער שוין דעמאָלט געהאַט אַ ווידערווילן צו פאַלשע טענער, פּאָזע, אָנשטעל. עס האָט מיר געגרילצט אין די אויערן און זיך שווער געלייגט אויף מיין געמיט.

דערדאָזיקער אומגינסטיקער איינדרוק, וואָס הירשביין און זיין שרייבן האָבן אויף מיר דעמאָלט געמאַכט, איז ביי מיר פאַרבליבן אויף אַלע יאָרן. וויזט אויס, אַז נישט איך און נישט הירשביין האָבן זיך אין דעם פּרט געענדערט... הירשביין איז געבליבן ביי זיין פאַלשן טאָן און איך בין געבליבן ביי מיין ווידערווילן צו פאַלשע טענער. טיילמאָל האָט מיך אַפילו שטאַרק פאַרדראָסן אויף הירשביינען,

פאַרוואָס ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין אַזאַ פאַלשן, אַזאַ נישט נאַטירלעכן טאָן — אין זיין ריידן און אין זיין שרייבן.

אַז דאָס איז נישט הירשביינס נאַטירלעכער, אמתער טאָן, אַז ער, דעם מילנערס זון, דער קרעפטיקער יונג, מיט די אייזערנע הענט, וואָס האָבן געקענט בייגן זילבערנע רובלס, האָט ממש געטויט זיין אמתן „איך", באַווייזן די עטלעכע פשוטע, פאָלקסטימלעכע דראַמען זיינע, ווי די „פוסטע קרעטשמע", „גרינע פעלדער" און אַנדערע. אָט־די פיינע, ליריש־געמיטלעכע שאַפונגען זענען גע־בוירן געוואָרן, בין איך זיכער, אין מאָמענטן, ווען די אוממיטלבאַרע נאַטיר־לעכקייט האָט זיך אין אים אויפגעוועקט און דורכגעריסן דעם אומנאַטירלעכן פאַלשן טאָן, וואָס איז, ליידער, שוין דעמאָלט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, געווען זיין צווייטע נאַטור.

פערזענלעך האָב איך צו אים קיינמאָל גאָרנישט געהאַט. די, וואָס האָבן אים גוט געקענט, האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז אַ גוטער, האַרציקער מענטש, אַ גאַסטפריינטלעכער און אַלעמאָל גרייט צו טון יענעם אַ טובה. איך האָב נישט די מינדסטע סיבה מסופק צו זיין אין אָט־דער גוטער מיינונג, כאָטש איך אַליין האָב קיינמאָל פון זיין פריינטשאַפט נישט טועם געווען — צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס אינסטינקטיוו האָט ער געפילט מיין באַציִונג, אָדער אומבאַציִונג צו אים — און מיר אָפּגעצאָלט מיט דער אייגענער מטבע. פאַרמעל און אויסערלעך זענען מיר געווען פריינטלעך און העפלעך איינער צום אַנדערן, אָבער מער ווי צו אַן אויסטויש פון עטלעכע גאָרנישט־מיינענדיקע געווינטלעכע ווערטער איז עס נישט געקומען. בלויז איינמאָל בין איך געווען ביי אים אין הויז, בעת מיר זענען געווען שכנים אין דער בראָנקס, איז דאָס ממש געווען אַ צופאַל.

הגם די פערזענלעכע ריינקייט און גוטסקייט פון אַ מענטשן איז ביי מיר אַלעמאָל וויכטיקער ווי דאָס, וואָס ער טוט (פאַרשטייט זיך, אויב ער טוט נישט, וואָס מען דאַרף נישט טון), האָב איך פאָרט נישט געקענט צוקומען נאָענט צו הירשביינען צוליב זיין פאַלשן, אומנאַטירלעכן טאָן — אין זיין שרייבן און אין זיין ריידן. עס האָט מיך אָפּגעשטויסן. און באַהאַלטן מיין מיינונג וועגן זיין שרייבן, האָב איך נישט געקענט. דאָס אומנאַטירלעכע, וואָס ער האָט, אפשר אומבאַ־וווסטזיניק, אויף זיך אַרויפגעצויגן אין סאַמע אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט פאַר אים פאַרשטעלט די לעבעדיקע וועלט מיט אירע לעבעדיקע מענטשן. ער האָט זיי פשוט נישט געזען. אין דער מליצה האָט אַלץ איין פנים און איין פאַרב. אַפילו ווען ער האָט זיך באַפרייט פון דער געשוואָלענער מליצה פון זיינע „וואַנדערער טרוימען" און זיך גענומען שרייבן רעאַליסטישע ראָמאַנען, האָט ער שוין מער נישט געקענט זען קיין פנימער. דערצו איז ער, לויט מיין

איינדרוק, נישט געווען קיין איבעריקער חכם, צו קענען זיך אָריענטירן אין סיטואַציעס, אין מענטשלעכע ראַנגלענישן. אויך דער פּסיכאָלאָגישער חוש, וואָס איז נייטיק ביים שרייבן אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, האָט אים לגמרי געפעלט.

זיינע גרעסערע ראָמאַנען, ווי „בבל", „רויטע פעלדער" און די אַנדערע, זענען דעריבער מוראַדיק נודנע און לאַנגווייליק. נישטאָ אין זיי קיין איין לעבעדיקע געשטאַלט, קיין איין פּאַרטיפּטע שילדערונג. אין סך־הכל זענען זיי ליטעראַרישע שונד־ראָמאַנען — דאָס הייסט: שונד אין אַ ליטעראַרישן מאַנטל, אין אַ ליטעראַריש־קאָרעקטער שפּראַך, געשריבן מיט די בעסטע כוונות... זיין אומבאַהאָלפנקייט אין שאַפן אַ לעבעדיק בילד, אין דערזען דאָס לעבעדיקע לעבן אין זיינע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען, אין זיינע פילפאַרביקע וואַריאַציעס דעמאָנסטרירט זיך צום בולטסטן אין זיינע רייזע־באַשרייבונגען. הירשביין איז געווען דער ערשטער וועלט־רייזנדער אין דער יידישער ליטעראַטור; עס איז ממש נישטאָ אַ ווינקעלע אויף דער וועלט, ווו ער האָט נישט אָנגעשפּאַרט און וואָס ער האָט נישט באַשריבן. אָבער — ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט געקוקט אויף דער וועלט, אויף די פאַרשיידענע ראַסן, פעלקער און שבטים און נישט בכוח געווען זיי אויפּצונעמען. די מליצה און דער פאַלשער טאָן האָבן פאַר אים פאַרשטעלט די וועלט. די מליצה האָט שוין אַזאַ טבע, אַז זי פאַרדעקט, אָדער פאַרמעקט אַלץ.

ווען הירשביינס רייזע־באַשרייבונגען זענען אַרויס אין בוך־פאָרם — אין צוויי בענד — האָב איך פאַרעפנטלעכט וועגן זיי אַ גרעסערע רעצענזיע אין „פאָרווערטס", ווו איך האָב אָנגעוויזן, אַז אין זיין באַשרייבונג איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן קאַלקוטאַ און ווילנע, צווישן סידני, אויסטראַליע, און וואַרשע. אומעטום בלאָזן ווינטלעך. אומעטום זענען דאָ בלאָלעכע וואָלקנס. אומעטום רעדן די מענטשן — פּרץ הירשביינס לשון... מעקט אויס די נעמען קאַלקוטאַ און וואַרשע, אָדער באָמביי און ווילנע — און לייענט די באַשרייבונגען — און איר וועט נישט וויסן, ווו הירשביין באַשרייבט די אינדישע שטעט, ווו — די ליטווישע און פּוילישע... ווען מיין רעצענזיע איז געדרוקט געווען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", האָט זיך הירשביין געפונען אויף אַ באַזוך אין וואַרשע. ז. וויינפּער, וועלכער איז דעמאָלט אויך געווען אין וואַרשע, האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז דער נומער „פאָרווערטס" מיט מיין רעצענזיע איז אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער", פּונקט ווען הירשביין איז דאָרט געווען. וויינפּער האָט באַמערקט מיין רעצענזיע, זי איבערגעלייענט און באַהאַלטן דעם נומער, אַז הירשביין זאָל אים נישט זען...

אָבער אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין צייטונגען, אַז מען זאָל זיי יאָ לייענען. און הירשביין האָט סיי־ווי געלייענט מיין רעצענזיע. ווען ער איז צוריקגעקומען

קיין ניו־יאָרק, האָט ער אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון מיר יעדעסמאָל, וואָס מיר האָבן זיך ערגעץ באַגעגנט. אָבער איינמאָל בין איך אַריינגעקומען אין אַ „ליטע־ראַרישן" רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי — אויף איינעם פון מיינע זייער־זייער זעלטענע וויזיטן אין ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס — און זיך אַנידערגע־זעצט ביי אַ טיש, ווו עס זענען געזעסן עטלעכע קאָלעגן. מיטאַמאָל האָב איך באַ־מערקט הירשביינען ביים עק טיש. זיך צוריק אויפהייבן און אַוועקגיין, וואָלט געווען נאַריש. סוף־כל־סוף האָב איך זיך מיט גאָרנישט געפילט שולדיק קעגן אים פערזענלעך. האָב איך צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און — צו מיין איבעראַשונג — האָט ער צוריקגעשאָקלט. האָט מיר שוין באַנג געטון פאַרוואָס איך האָב אים נישט אָפּגעגעבן אַ „שלום־עליכם" — איז ער דאָך געווען אַזאַ לאַנגע צייט אַוועק אין מרחקים. נאָר באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט. הירשביין האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן, אויף זיין דעקלאַמאַטאָריש־רעטאָרישן שטייגער, וואָס מכוח דעם צירקולירן אַזוי פיל אַנעקדאָטן און וויצן, צו רעציטירן אַלערליי באַמערקונגען וועגן מיין רעצענזיע. ביסלעכווייז איז זיין טאָן געוואָרן שאַרפער, קריגערישער און אַ זעץ טוענדיק מיט דער פויסט אין טיש אַריין, אַז די טעלערס און „זילבערוואַרג" האָבן זיך אַזש צעקלונגען, האָט ער אויסגערופן:

— אַלמי, איר דאַרפט זיך עפנטלעך אַנטשולדיקן פאַר מיר!

— זייער גוט! — האָב איך געענטפערט, — איך וועל זיך עפנטלעך און טאַקע דאָ גלייך אויפן אָרט פאַר אייך אַנטשולדיקן, אויב איר וועט מיר ענטפערן אויף איין פראַגע.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ פאַרוווּנדערטן בליק און כאָטש ער האָט גאָרנישט געענטפערט אויף מיין תנאי, האָב איך אָבער געלייענט אין זיינע אויגן: „נו, פרעגט!..."

— אין אייערס אַ שילדערונג פון יאַפּאַן, פון טאָקיאָ, אָדער יאָקאָהאַמאַ, — דערציילט איר, פריינד הירשביין, מכוח אַ שמועס, וואָס איר האָט געהאַט מיט אַ יאַפּאַניש ייִנגל, אַ שטיוול־פּוצער. ער האָט געפּוצט אייערע שיך און איר האָט אים געשטעלט פראַגעס און — דאָס יאַפּאַנישע ייִנגל האָט אייך געענטפערט. דאָס איז נישט קיין פיקציע, קיין דיכטונג. איר גיט עס איבער אין אַ רייזע־באַשרייבונג ווי אַ פאַקט. איז ענטפערט מיר: אויף וועלכער שפּראַך האָט איר זיך צונויפגערעדט מיטן יאַפּאַנישן ייִנגעלע?... ווען איר דערציילט מכוח אַ שמועס מיט אַ יאַפּאַנישן שרייבער, אָדער אַ פּאָליטיקער, צי אַ געלערנטן, קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז איר האָט געשמועסט חצי ענגליש פּאָלאָווינע דייטש. אָבער

אַן אָרעם יאַפּאַניש ייִנגעלע, אַ שטיוול־פּוצער, קען זיכער נישט קיין ענגליש, אָדער דייטש, אָדער ייִדיש.

הירשביין איז אויפגעשפּרונגען, אַוועק פון טיש, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַן אַנדער טיש, אָבער באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן און — אַרויס פון רעסטאָראַן. דאָס רעטעניש מיטן יאַפּאַנישן ייִנגעלע איז מיר קיינמאָל נישט אויפגעקלערט געוואָרן...

נאָכדעם האָב איך זיך מיט הירשביינען נישט באַגעגנט עטלעכע יאָר, ביז איינמאָל, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן אים אין דער רעדאַקציע פון „טאָג". ער איז געזעסן מיט עדלינען, דעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פון „טאָג", פּאַרטון אין אַ שמועס. ווען איך בין אַריינגעקומען, איז ער מיר ממש אַנטקעגן־געלאָפן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיך באַוואָרפן מיט פראַגעס, וואָס איך מאַך, וואָס איך טו און דערביי מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר מיינס אַן אַרטיקל אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע". איך בין געווען פאַרוווּנדערט און — טיף גערירט. זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך נאָך עטלעכע מאָל באַגעגנט און ער האָט אַלעמאָל פריינטלעך געענטפערט אויף מיין באַגריסונג, אויב ער איז נישט געווען דער ערשטער דאָס צו טון.

אין 1940־41 האָט הירשביין פאַרעפנטלעכט אין „טאָג" זיינע זכרונות. אין שבת אינדערפרי, אָנהייב יאַנואַר, 1940, לייען איך אַ קאַפּיטל פון די מעמואַרן, ווו הירשביין דערציילט אַזאַ אינצידענט: בעת ער האָט אַ זומער געוווינט ביים ים הינטער אָדעס, איז איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען אין דרויסן האָט געכליאַפּעט אַ שווערער רעגן, אַן אמתער מבול, צו אים אַריינגעפאַלן ח. נ. ביאַליק, אַן אויס־געווייקטער, און גלייך געגומען רעציטירן: „קול מבשר מבשר ואומר". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפן וועג צו הירשביינען, האָט דער שווערער רעגן אַרויס־גערופן אין ביאַליקן אַ קינדער־ליד וועגן רעגן. אָבער מער ווי צוויי שורות האָט ער דערוויל נישט: „קול מבשר מבשר ואומר — עס גיסט אַ רעגן פון די ביימער". הירשביין דערציילט ווייטער, אַז זיי זענען ביידע, ביאַליק און ער, אָפּגעזעסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט, מיִעדיק זיך צוצושרייבן נאָך שורות, אָבער עס איז נישט געגאַנגען.

מיר איז פאַרגעקומען מאָדנע. עס האָט זיך מיט פּשוט נישט געלייגט אויפן שכל, אַז ביאַליק, נאָך דערצו מיט דער הילף פון הירשביינען, זאָל נישט בכוח זיין אָנצושרייבן עטלעכע סטראָפן פון אַזאַ איינפאַך קינדער־ליד, וואָס די ווערטער בעטן זיך ממש: נעם און שרייב אונדז אויף! יעדער דיכטער, יעדער איינער, וואָס קען שרייבן פערזן, וואָלט זיך דאָ לייכט אַן עצה געגעבן. אָבער אַזוי דער־ציילט הירשביין — און איך וויל אים גלייבן, פּונקט ווי איך האָב אים געוואָלט

אין געראַנגל פון אידייען

גלויבן די מעשה מיטן יאַפּאַנישן יינגעלע, כאָטש עס האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל... אָט־אַזוי לייענענדיק הירשביינס מאָדנע מעשה און וווּנדערנדיק זיך, האָב איך גענומען די פּען און געשריבן:

קול מבשר, מבשר ואומר,
ס׳גיסט אַ רעגן פון דיביימער;
פון די ביימער גיסט אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדער ס׳וועגן.

קול מבשר, מבשר ואומר,
פייגעלעך שלאָפן אין די ביימער,
שלאָפן אין די וואַרעמע נעסטן
אין דעם רעגן אין דעם גרעסטן.

קול מבשר, מבשר ואומר —
אינם רעגן שפּאַנט דער שומר,
שפּאַנט געלאַסן, שפּאַנט אַ נאַסער
שפּאַנט און מורמלט: קול מבשר!

דריי סטראָפן. איך וואָלט געקענט אַזוי אויסציען דעם „קול מבשר״ אויף צען, אויף פופצן, אויף אָן אַ שיעור סטראָפן — און דאָס וואָלט, ווי געזאָגט, גע־קענט טון יעדער דיכטער. צו אַזאַ לייכט לידל דאַרף מען נישט קיין רוח־הקודש און איך האָב עס געשריבן מעשה שפּאַס, זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז עפּעס איז דער מער מיט דער מעשה, וואָס הירשביין דערציילט. פּאַרטיק געוואָרן, האָב איך דאָס לידל אָוועקגעשיקט צו הירשביינען. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז הירשביין האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט אין קאַליפאָרניע און עס אים געשיקט אויף זיין בראָנקסער אַדרעס, אין סימען סטריט. אָבער די פּאָסט האָט עס אים איבערגעשיקט קיין קאַליפאָרניע. איך האָב נישט אונטערגעשריבן מיין נאָמען און אויפן צוריק־אַדרעס בלויז אָנגעגעבן דעם נומער פון הויז, די גאַס און אויך דעם נומער פון מיין דירה. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז מיר אָנגעקומען אַ בריוול פון הירשביינען, דאַטירט: לאָס־אַנגעלעס, 28טער יאַנואַר, 1941. ער שרייבט:

„ג. פ.

„איך האָב דערהאַלטן דעם „קול מבשר״... איך רעכן עס איבער־שיקן אין „קינדער־זשורנאַל״ מיט אַ באַמערקונג.

א. אַלמי

„פּאַרוואָס זייט איר אַזוי באַשיידן און האָט צום ליד נישט צו־געשריבן אייער נאָמען?
טוט עס, עס וועט אייך קיין בזיון נישט אָנטון.

אייער
פּ. הירשביין״.

דערוויסנדיק זיך, אַז הירשביין גרייט זיך צו לאָזן דאָס ליד אָפּדרוקן, דערצו מיט אַ באַמערקונג, ווו ער וועט מסתמא דערציילן, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם טאַלאַנט, אַ פּשוטן פּאָלקס־מענטש, אַ גרויסען עניו — האָב איך, נישט וועלנדיק אים עפּנטלעך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט, תיכף־ומיד אַוועקגעשיקט הירשביינען אַ בריוו, ווו איך בין זיך מודה, אַז דער מחבר פון דעם ליד בין איך — און דערביי דריק איך אויס די האָפענונג, אַז ער וועט מיר מוחל זיין פאַר מיין אומשולדיקן שפּאָס. איך בין זיכער געווען, אַז הירשביין וועט מיר ענטפערן, אַז דאָס ליד דאַרף סיי־ווי געדרוקט ווערן, כאָטש דער מחבר איז נישט קיין יונגער טאַלאַנט און נישט עפּעס אַ ייִד, אַ דיכטערשער למד־וואָווניק... האָבן דאָך צוויי ליטעראַרישע גדולים, ביאַליק און הירשביין, געאַרבעט אויף אַזאַ ליד אַ גאַנצע נאַכט און עס איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען — און דאָ נעם איך און מאַך עס איינס־צוויי... אָבער הירשביינען האָט, נעבעך, אויך געפעלט דער חוש פון הומאָר — ווען ער וואָלט יאָ געבענטשט געווען מיט דעמדאָזיקן וואונדערלעכן חוש וואָלט ער אפשר נישט אַריינגעפאַלן אין דעם פאַלשן, דעקלאַ־מאַטאָרישן טאָן — האָט ער מיר קיינמאָל נישט געענטפערט אויף מיין בריוו און דאָס ליד, וואָס איז אים אַזוי געפעלן, איז געבליבן ביי אים, אויב ער האָט עס נישט אַוועקגעוואָרפן.

הירשביינס מאַנגל אין הומאָר האָט אים ביים סוף 1942 אַריינגעפירט אין אַ טראַגישן טעות, אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן. אים, דעם הומאָרלאָזן, האָט זיך פלוצלינג פאַרגלוסט צו ווערן אַ הומאָריסט, אַ רעאַליסטישער הומאָריסט, און אויף וועמען האָט ער אויסגעפּרובירט זיין הומאָר? — אויף די געפּייניקטע ייִדן אונטער היטלערס ממשלה, אויף אונדזערע קדושים. צו „הומאָריזירן״ דאָס גרעסטע ייִדישע אומגליק, די מוראדיקסטע טראַגעדיע אין אונדזער געשיכטע — דאָס אַליין איז שוין אַזאַ שטיק געשמאַקלאָזיקייט און נאַרישקייט, אַז עס איז פּשוט געווען אומפאַרשטיילעך, ווען הירשביין האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין „טאָג״ אַ סעריע „געטאָ־מאָנאָלאָגן״. עס איז ביי מיר דער מינדסטער ספק נישט, אַז הירשביין האָט געהאַט די בעסטע כוונות, נאָר ער איז פּשוט פאַרפירט געוואָרן פון זיין נישט־איבערגעשפּיצטקייט און פולשטענדיקער הומאָרלאָזיקייט.

הירשביין איז אַפּנים אויסן געווען „גאַלגאַן הומאָר", אָבער ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז צו „גאַלגאַן הומאָר" דאַרף מען קודם באַזיצן הומאָר און, צווייטנס, אַז אַפּילו „גאַלגאַן הומאָר" איז נישט אויפֿן אָרט ביי אַ טראַגעדיע פֿון אַזאַ פֿאַרנעם. איך האָב וועגן זיינע „געטאָ־מאָנאָלאָגן" פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שאַרף אַרטיקל אין „וואָכנבלאַט" (29טער יאַנואַר, 1943). נאָכן דערשיינען פֿון מיין אַרטיקל האָבן זיך די „מאָנאָלאָגן" אויפֿגעהערט צו דרוקן. איך ווייס אָבער נישט, צי דאָס איז טאַקע געווען דער פּועל־יוצא פֿון מיין אַרויסטריט, אָדער דער „טאָג" אַליין האָט אויפֿגעהערט זיי צו דרוקן, צי הירשביין אַליין האָט זיי אָפּגעשטעלט.

אין מיין אַרטיקל האָב איך געשריבן:

„אַרנאָלד צוויג האָט מיט אַ צייט צוריק דערקלערט אין אַן אינטערוויו (אין דער ניו־יאָרק „טיימס"), אַז דורך דער גאַנצער צייט פֿון דער מלחמה וועט ער נישט שרייבן קיין בעלעטריסטיק. פֿאַרוואָס? ווייל די פּאַסירונגען אין אונדזער צייט זענען פֿון אַזאַ אומגעהייערן פֿאַרנעם, אַז די רייכסטע פֿאַנטאַזיע פֿון דעם גרעסטן קינסטלער קען זיך מיט זיי נישט פֿאַרמעסטן. דעריבער איז פֿאַרן קינסטלער גלייכער צו שווייגן. קענען זיין פֿאַרשיידענע מיינונגען וועגן אָט־דער מיינונג, אָבער זיכער איז, אַז פֿון דעם קינסטלער פֿאָדערט זיך אַ סך אחריות און טאַקט, אויב ער רירט זיך יאָ צו צום וועלט־חורבן. קלייבט ער אויס אַ פּרט, אַ געוויסן פּונקט אויפֿן פּאָן פֿון דער אַלוועלטלעכער, בלוטיקער קאַנווע, מוז עס זיין ווי דער טראָפּן וואַסער, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַלע עלעמענטן אָדן אייגנשאַפֿטן פֿון ים. איבערהויפּט אין אַזאַ וועלט־גערעַנגל, ווי דער איצטיקער, אַ גערעַנגל צווישן אהורא־מאזדא און אחרימון, צווישן ליכט און פֿינצטערניש — מוז ער זיין אָפּגעהיט פֿון מינימיזירן און דער עיקר — פֿון וווּלגאַריזירן.

„נאָך שטאַרקער אָפּגעהיט זיין דאַרף דער ייִדישער שריפֿטשטעלער. אונדזער אומגליק איז אַן אומגליק אין אומגליק, אַ טראַגעדיע אין טראַגעדיע. טויזנטער און טויזנטער ייִדישע מענער, פֿרויען און קינדער ווערן אומגעבראַכט יעדן טאָג דורך די גערמאַנישע מערדער; די ערד איבער די ברודער־קברים פֿון צענדליקער טויזנטער לעבעדיק־באַגראָבענע קדושים איז נאָך נישט פֿאַרטריקנט. צו די הימלען רייסן זיך די תּפֿילות און גסיסה־געשרייען פֿון געשאָסענע, געשאָכטענע און פֿאַרסמטע ייִדן; די האַנט פֿון דעם נייעס־שרייבער אין דער ייִדישער צייטונג ציטערט, באַשרייבנדיק די מוראדיקע, גרויליקע ידיעות. ווי מוז שוין ציטערן די האַנט — און די פּען אין דער האַנט — פֿון דעם בעלעטריסט, וואָס דערוועגט זיך צוצורירן צו דעם בלוטיקן שטאָף — שטאָף פֿון דעם גרעסטן חורבן און בראָך אין דער גאַנצער ייִדישער מאַרטירער־געשיכטע?

„אסור, אויב איך פֿאַרשטיי ווי אַזוי אַן אחריותדיקער ייִדישער בעלעטריסט

קען זיך אַנידערזעצן אָנשרייבן אַ סקיצע, אַ דערציילונג, אָדער אַ ראָמאַן וועגן ייִדישן בלוט, וואָס פליִיצט נאָך, וועגן ייִדישע יסורים, וואָס ברענען נאָך. און ווי שטאַרק אַ סקיצע, דערציילונג, אָדער ראָמאַן זאָלן נישט זיין — קען עס זיך דען פאַרמעסטן מיט דער גרויס און פאַרנעם פון דער קאָשמאַר־רעאַליטעט? קען דאָס טרילערן פון אַ קאַנאַריק אַריבערשרייען אַ טאָרנאַדאָ, וואָס ברעכט דעם וואַלד און אַלצדינג אין זיין וועג? אין אַ ליד קען מען שרייען, קלאָגן, שעלטן, — אָבער אין אַ דערציילונג? דאָ דאַרף מען דאָך דערציילן, שילדערן. ווי איז דאָס מעגלעך? וואָס קען דערפון אַרויסקומען ביים בעסטן ווילן און אַפילו ביים גרעסטן קינסטלער? לייען איך דערציילונגען, וואָס ייִדישע שריפטשטעלער שרייבן וועגן דעם מוראַדיקסטן ייִדישן אומגליק — און זיי זענען אַזוי שוואַך, אַזוי בלאַס, אַזוי נישטיק פאַראַלעל דער מינדסטער ידיעה פון „יענער וועלט" אין אונדזער פרעסע, אַז עס איז פשוט צו שטוינען ווי אַן אַחריותדיקער דערציילער, וואָס איז אויפגעטרייסלט פון ייִדישן בראָך און וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיין אייגן וואָרט, זאָל דאָס נישט אַליין איינזען.

„פרץ הירשביין האָט דאָס, אפּנים, יאָ איינגעזען. ער האָט מסתמא געפילט די אומבאַהאָלפנקייט פון אַ שרייבער, וואָס וויל דווקא טונקען די פען אין דעם בלוט פון חורבן, גסיסה און טויט — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו זיין „אַנדערש", אָריגינעל, אויפטועריש. וואָס זאָל דאָס אַזוינס זיין? אָט האָט ער עס! אַלע ברעכן די הענט און וויינען, וועט ער לאַכן. דווקא אין אַנבליק פון דעם שוידערלעכסטן אומגליק, וועט ער ווערן הומאָריסטיש, שלום־עליכמדיק און אַפילו — ווולגאַר. דאָס וועט זיין שוין אַ גאַר גרויסער אויפטו, אַן איבערראַשונג סיי מיט דעם אַנדערשדיקן צוגאַנג צום חורבן ישראל, סיי מיט דער אייגענער ליטעראַרישער דערגרייכונג. וואָרן אַזוי איז דאָך דווקא זיין שרייבן ריין פון הומאָר — וועט ער דווקא אַצינד, אין די יאָמער־טעג, ווערן הומאָריסטיש און חכמהדיק; אַזוי איז דאָך זיין שרייבן ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל און מענטשן ריידן ביי אים ווי נישט־דאַיִקע — וועט ער דווקא אַצינד, אויפן חשבון פון אונדזערע קדושים, פון לעבעדיק־באַגראָבענע ייִדן, ווערן אַ ביסעלע — און אפשר מער — ווולגאַר.

„אַזוי שטעל איך מיר פאָר האָט פרץ הירשביין אויסגעחשבונט, איידער ער האָט גענומען שרייבן זיין „תחית המתים" (פון אַ סעריע געטאָ־מאָנאָלאָגן), אַנדערש איז בכלל אוממעגלעך צו באַגרייפן ווי אַ ייִד — אָדער אַפילו אַ גוי — שרייבט אַן אָט אַזוינס, ווי ער האָט מחבר געווען („טאָג", 18טער דעצעמבער, 1942) — אַ מאָנאָלאָג פון אַ ייִדן, כאַצקל, וואָס האָט זיך אַרויסגעגראָבן פון אַ קבר, וווּ מען האָט אים באַגראָבן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער עדה ייִדן. הירשביין

רופט עס אָן: „מאַנאַלאַג פון אַ געטאָ־גלויביקן ייִדן". מילא, איז עס שלעכטע גראַמאַטיק, וואָרן געטאָ־גלויביקער מיינט דאָך איינער, וואָס גלויבט אין געטאָ, וואָס געטאָ איז ביי אים אַן אידייע, בעת הירשביין האָט זיכער געמיינט אַ גלויביקן געטאָ־ייִד, אַ פרומען ייִדן, וואָס ווױנט אין געטאָ. דער עיקר איז אָבער דאָ, וואָס אָט־דער ייִד רעדט און ווי ער רעדט. און דאָס, וואָס און ווי דער כאַצקל רעדט, איז אַזאַ חילול־השם, אַזאַ חוזק און פאַרשוועכונג פון אונדזערע קדושים, אַז מיט שרעק האָב איך זיך אַליין געפרעגט: וואָס האָט פּאַסירט אין הירשביינס אויבערשטיבל?

„ווען הירשביין באַצייכנט זיין „תחית המתים" פאַר אַ מאַנאָלאָג פון אַ משוגע־געוואָרענעם ייִדן, וואָלט מען נאָך ווי־עס־איז געקענט די זאַך אַראָפּ־שלינגען. מען וואָלט געזאָגט, אַז עס איז אַ שלעכטער מאַנאָלאָג, אַ שונדישער. אָבער הירשביין וויל נישט, אַז מיר זאָלן זיין כאַצקלען האַלטן פאַר אַ משוגענעם, און ער האַנדלט טאַקע נישט ווי אַ משוגענער — ער רעדט בלויז ווי אַ משוגע־נער, ווייל הירשביין האָט אים דערצו געצוווּנגען. ער רעדט די רייד, וואָס הירש־ביין האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין. דערפאַר הייבט זיך אָן דער מאַנאַלאָג מיט „כאַ־כאַ־כאַ" און ענדיקט זיך מיט „כאַ־כאַ־כאַ" — עס איז הירשביינס „כאַ".

„כאַ־כאַ־כאַ... צוליב וואָס ווײנען, אויב עס איז גרינגער צו לאַכן? — זאָגט כאַצקל אין מאַנאַלאָג. —וואָס קוקט איר מיך אָן, וואָס ביי מיר איז דער בוין איינגעפאַלן? אויך מיר אַ דאגה. בויך, שמויך. כ'האָב שוין פאַרגעסן דעם טעם פון יויך. לעבן, צי טויט. כ'האָב שוין פאַרגעסן דעם טעם פון ברויט. אַז איך בין שוין איינמאָל אויפגעשטאַנען תחית־המתים, וועט מיר שוין דער מלאך־המות מיט זיין שאַרפן חלף אויך נישט באַווייזן מיין האַלדז איבערצושניידן"... אָט־אַזוי רעדט אַ ייִד, וואָס האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט פון אַ קבר, דערצו אין גראַמען: בויך, שמויך, יויך... און דאַן דערלאַנגט ער אַזאַ זאָג: „ווי אַזוי איך בין אויפגעשטאַנען פון קבר ווילט איר וויסן? ס'איז כדאי צו דערציילן"... איר הערט עפּעס? ס'איז כדאי צו דערציילן, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ מסחרל, אָדער וועגן אַ שידוך. און אָט ווי אַזוי ער דערציילט:

„וואָס מיר געטאָ, וואָס מיר נון, אלף, צדיק, יוד? איינמאָל שטאַרבט דער מענטש, נישט צוויי מאָל. און אַ ייִד? דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. אַ ייִד איז שוין אַ סך, אַ סך מאָל געשטאָרבן. וויפל מאָל האָט מען שוין דעם ייִדן צוגעלייגט אַ פּעדערל צו דער נאָז? כמע, ווער קען עס רעכענען?"... אָט־דאָס פילאָסאָפירן וועגן דער ייִדישער אייביקייט, ווי כאַצקלס כסדרדיק אויסמיידן צו ברענגען אויף זיינע ליפּן דאָס טרייפענע וואָרט „נאַצי", וואָס אַנשטאָט דעם זאָגט ער: נון, אלף, צדיק, יוד; ווי אויך זיין שפּעטערדיקע האַנדלונג, בעת ער גראָבט זיך אַרויס

פון קבר און לייגט צו אַן אויער — אפשר לעבט נאָך עמעצער, אַ חוץ אים — דאָס אַלץ באַווייזט אונדז, אַז כּאַצקל איז נישט משוגע, און אַז הירשביין וויל נישט, אַז ער זאָל זיין משוגע.

„וואָס טוט כּאַצקל, ווען דער דייטשער סאָלדאַט קומט נאָך אים, אים צו פירן צו דער שחיטה? .ווען נון, אלף, צדיק, יוד האָט זיך באַוויזן אין מיין טיר, — דערציילט כּאַצקל, — און ער האָט אַ זאָג געטון: יודע, קום אַרויס! בין איך אים געקומען אַנטקעגן. וואָס ווילסטו פון מיר? האָב איך אים אָנגעקוקט. באַ־גראָבן דיך לעבעדיקערהייט, האָט ער מיר געזאָגט. נו, איז מיר געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן, האָב איך גענומען און אים אַ פרעג געטון: צי וועסטו מיך באַ־גראָבן אַ זאַטן, צי אַ הונגעריקן? און צו דעם האָב איך אים אויסגעזונגען: פאַלקע, פאַלקע, ווייסטו וואָס? לאָמיר גיין אויפן גרינעם גראָז... אויפן גרינעם גראָז איז זייער שיין, לאָמיר ביידע טאַנצן גיין".

„נאָכדעם ווי מען זעצט כּאַצקלען אַרויף אויפן וואָגן מיט אַנדערע ייִדן און מען פירט זיי צו דער שחיטה, מאָנאָלאָגירט כּאַצקל אַזוי: „נו, איז דאָך אַוודאי גוט. אין קבר אַריין פאָרן, איז אַוודאי גלייכער ווי גיין צופוס. און אַוודאי וועט מען דאָך הייסן, אַז איך אַליין זאָל גראָבן מיין קבר, איז דאָך אַוודאי גוט. איך ווייס ווי לאַנג איך בין. איך ווייס וואָס פאַר אַ געלעגער איך האָב ליב... נו, האָב איך זיך געדאַרפט לאָזן וויינען? האָב איך גענומען און ווידער אויסגעזונגען: אַז אַ יונגינקע מיידעלע שפּילט אַ ליבע, שפּילט זי דאָך אויס אירע פאַרבן. אַז זי ליבט אים און ער איר גאָרנישט, דאַן מוז זי אַ יונגינקע שטאַרבן"...

„ווען כּאַצקל ליגט שוין אין קבר צווישן אַנדערע קדושים, כאַפּט ער זיך, אַז אים האָט די קויל נישט גענומען. ער לעבט. אַ סימן — זאָגט ער — האָט ער „וואָס עס גלוסט זיך אַ שנעפּסל מיט אַ פאַרבייסעכץ. כאַטש צוגעדעקט מיט ערד, האָט עס מיך געטיאָכקעט (אַז) איך זאָל ווידער אָנהייבן זינגען, אפשר וועלן זיך די רוצחים דערשרעקן און זיך צעלויפן"... אויך דאָס דאַזיקע לאָגישע נאָכ־דענקען כּאַצקלס איז נישט פון קיין משוגענעם. משוגע און ווולגאַר זענען בלויז די ווערטער, וואָס הירשביין האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין. וועגן די אַנדערע ייִדישע הרוגים זאָגט כּאַצקל: „פון אַלע זייטן ליגן לעבן מיר אחינו בני ישראל"... „אפנים געבליבן שפּעלטלעך צווישן איין לאָפּעטע ערד און צווישן דער אַנדערער. פאַר די, וואָס האָבן פון די קוילן געקראַפּירט, איז עס גענוג געווען, אַז שפּעטער זאָלן הינט קומען, מיט די לאַפּעס אַראָפּגראָבן די ערד און פאַרזוכן דעם טעם פון אַ דערשאָסענעם ייִדן". איר הערט אַ לשון פון אַ ייִדישן שרייבער וועגן אונדזערע קדושים? — געקראַפּירט!"

*

מער האָב איך הירשביינען קיינמאָל נישט באַגעגנט. איך האָב בלויז געהערט פון אים — דורך אַנדערע, וואָס האָבן אים באַזוכט אין קאַליפאָרניע. און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז הירשביין איז אויף מיר בייז, שטאַרק בייז. עס איז באַשערט געווען, אַז הירשביין זאָל אַוועק פון דער וועלט אַ ברוגזער אויף מיר. און עס איז מיר באמת אַ שאָד, וואָרן, ווי געזאָגט, האָב איך צו אים פּערזענלעך קיינמאָל גאָרנישט געהאַט און איך האָב נישט, ווי געזאָגט, דעם מינדסטן ספק, אַז ער איז געווען אַ ליבער, האַרציקער מענטש, ווי אַלע, וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, האָבן דערציילט וועגן אים.

י. י. זינגער

אַ קאַלטער, זוניקער פעברואַר־טאָג, 1944. אויף בראָדוויי ביי 72טער גאַס טרעף איך אָן י. י. זינגערן מיט זיין פרוי געניע. מיר שטעלן זיך אָפּ. ער זעט אויס פריש, מונטער, און אַ הייטערער דערציילט ער מיר, אַז ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין מאָנטרעאָל אויף עטלעכע טעג. איך בין אים מקנא, וואָס ער וועט פאַרברענגען אין דער פרעכטיקער שטאָט, וואָס ליגט ווינטער איינגעדעקט אין שניי און ווו שליטעלעך יאָגן זיך איבער די גאַסן און דערמאָנען אָן דער אַלטער היים. מיר שפּאַצירן אַ ביסל און איך בעט אים צו גריסן אין מאָנטרעאָל מלך ראַוויטשן, י. י. סיגאַלן, ישראל ראַבינאָוויטשן און אַנדערע פריינד און באַקאַנטע.

אין עטלעכע טעג אַרום באַגעגן איך אים אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און דערמאָן אים נאָכאַמאָל אָן די גרוסן, אָבער זינגער דערקלערט מיר, אַז דער־ווייל פאָרט ער נישט, ווייל דער ענין, וואָס צוליב אים האָט ער געזאָלט פאָרן, איז אָפּגעלייגט געוואָרן. נו, וועט איר פאָרן אַ ביסל שפּעטער! — זאָג איך אים אין אַ טאָן פון טרייסט, — אָבער פאָרן זאָלט איר, איר וועט זיך מחיה זיין!

אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך ווידער אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס". הלל ראָגאָף קומט אָן אַ טרויעריקער, עטלעכע מענטשן פון דער געשעפטס־אָפּטיילונג גייען אים נאָך און ריידן עפּעס אַזוי נערוועז, צערודערט. וואָס האָט פּאַסירט? זינגער איז נאַר־וואָס געשטאָרבן! — שעפּטשעט ראָגאָף אַרויס. זינגער? י. י. זינגער? — פרעגט מען איבער אומגלויביק. עפּעס לייגט זיך עס נישט אויפן שכל. יאָ, י. י. זינגער... ראָגאָף, אַ שכן אין דעמזעלביקן הויז, איז געווען דערביי בעת זינגער האָט אויף אייביק פאַרמאַכט די אויגן.

דער טויט, ווי דאָס לעבן, האָט זיינע קאַפּריזן. מיר זענען די עדות פון דידאָזיקע טויט־און־לעבן „קאַפּריזן" און „שטימונגען" שוין אַזוי פיל דורות.

אָבער מיר האָבן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צו זיי. מיר ווערן נאָך אַלץ איבערגעראַשט — און ווי שטאַרק מיר זאָלן זיך נישט אָנשטרענגען צו געפינען עפּעס אַ זין, פּאַטשט אונדז פּאַרט דער אומזין אין פּנים אַריין.

דער קינסטלער זוכט דאָך, אייגנטלעך, זין אינעם לעבן און זין אינעם טויט. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג און אויפן זיבעטן טאָג האָט דער באַשעפער גערוט. אָבער דער קינסטלער שאַפט זיין וועלט יאָרן און יאָרן און קיין שבת איז פאַר אים נישטאָ. דער אמתער קינסטלער זאָגט קיינמאָל נישט „כי טוב". ער איז קיינמאָל נישט צופרידן, קען קיינמאָל נישט רוען.

מען דאַרף זיין אַ גאָט, כדי צופרידן צו זיין מיט דער וועלט און מיט זיך און זיך אָפּרוען, צו מאַכן שבת. דער זוכנדיקער, דער שעפערישער מענטש איז דאָס נישט ביכולת.

אינעם קינסטלער, פילאָסאָף און וויסנשאַפטסמאַן לעבט אַן אייביקער אומרו, און וואָס גרעסער דער קינסטלער איז, אַלץ אומרויִקער און אומצופרידענער איז ער. י. י. זינגער איז געווען דער אייביק־אומצופרידענער, דער אייביק־אומרויִקער און זיין אומצופרידנקייט און אומרו האָט ער איבערגעגעבן די געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַשאַפן.

ער האָט אויפגעכאַפּט אַלערליי פאַרשוינען, טיפּן און געשטאַלטן פון דער וועלט, כדי זיי איבערצופורעמען אין זיין געשטאַלט, אָבער קיין זין האָט ער פאַר זיי נישט געפונען — און ווו עס איז נישטאָ קיין זין — איז נישטאָ, קען נישט זיין, קיין שלימות, קיין פרייד, קיין רו, קיין גליק.

י. י. זינגערס טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון חורבן און טויט, אַנטוויקלט זיך אין די יאָרן פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, אין די יאָרן פון תוהו, בירגער־קריג און ברודער־מאָרד. זינגער וויל זיך ראַטעווען פון דעם כאַאָס דורך אַוועקגיין אויף דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם דרך־המלך פון דער יידישער טראַדיציע, לעגענדע און פאָלקלאָר — און עס וואַקסט אַרויס פון אונטער זיין פעדער „יאָשע קאַלב", אַ ווערק פון די סאַמע טיפענישן פון יידישן לעבן, רייך, פילפאַרביק, קינסטלעריש רייף, אָבער — וואָס איז דער זין דערפון?

זינגער דער רעאַליסט און סקעפּטיקער געפינט נישט קיין זין אין דער רעאַליטעט — און קיין אַנדערע וועלט, ווי די, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונ־דזערע באַגרענעצטע חושים, האָט ער נישט. דאָך ווערט „יאָשע קאַלב", אפשר אומבאַוווּסט פאַרן מחבר אַליין, אַ סימבאָל — יאָשע קאַלב, דער מענטש, וואָס האָט זיך אַליין פאַרלוירן, אָט ווי אונדזער גאַנצער דור, פאַרלוירן זיך, ווי דעם באָדן אונטער די פיס און דעם הימל איבערן קאָפּ. יאָ, אַלע, אַלע זענען מיר

אין דער בחינה פון יאָשע קאַלב. אָבער דער קינסטלער בלייבט אומצופרידן. ער האָט געזוכט אַ זין, געמיינט, אַז ער דערנענטערט זיך צו אים, באַהעפט זיך מיט אים — און אין אמתן האָט ער זיך גאָר דערווייטערט פון אים.

ווערק נאָך ווערק — און אַלץ באַדנלאָזיקייט, תוהו, וואָס לאָזט זיך נישט איינשפּאַנען, נישט פאַרעמען און פורעמען; כסדר איבערברוך, כסדר האַלבקייטן — אַזוי אין די „ברידער אַשכנזי", אַזוי אין זיין אפשר וויכטיקסטן ווערק „חבר נחמן". זינגער וויל געפינען אָרדענונג און זין אין דער רוסישער רעוואָלוציע, אין דער פּראָלעטאַרישער אָרדענונג — און ער פאַרענדיקט זיין ווערק אַן אַנטוישטער, ווי חבר נחמן. נישטאָ קיין זין. און דער קינסטלער לײדט מיט זיין העלד.

איך געדענק אַן אָוונט אין הויז פון אַ געמיינשאַפטלעכן פריינד — יצחק האַראָוויצן. מיר לויבן זינגערס „חבר נחמן" ווי אַ וויכטיקע קינסטלערישע דער־גרייכונג. אָבער האַראָוויץ שטייט צו אים צו: „איז מיט וואָס קומט איר צו אונדז — וואָס איז אייער בשורה? צעבראָכן און פאַרצווייפלט זענען מיר דאָך געווען. איז עס דעם קינסטלערס אויפגאַבע בלויז קדיש צו זאָגן?" אָט אַן ערך אַזוי. זינגער פאַרטיידיקט חבר נחמן — זיך אַליין, הייסט עס, אַז אָט אַזוי איז עס. ס'איז נישט דעם קינסטלערס אויפגאַבע צו טרייסטן, אויב קיין טרייסט איז נישטאָ; אָדער גאַנץ צו מאַכן, אויב עס איז צעבראָכן. ווער איז גערעכט? איז דען בכלל דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ קינסטלערס מיסיע? דער קינסטלער שאַפט איבער אוממיטלבאַר וועלט און מענטש. אויב ער איז אַליין גלויביק, וועט זיין גלויביקייט זיך איבערגעבן זיינע פּערסאָנאַזשן. אויב ער איז דורכגענומען פון סקעפּ־טיציזם, קען ער נישט אַוועקגיין פון זיך אַליין בלויז אויס איינזעעניש מיטן לייענער־עולם, כדי אים אויפצומונטערן.

אין דער „פאַמיליע קאַרנאָווסקי" אויך איבערברוך — פיזיש און גייסטיק. אָבער דאָ ברענגט זינגער די פאַמיליע קיין אַמעריקע — צו אַ ניי לעבן. מיר דערזעען דאָ די גולי גרמניה אויפן באָדן פון דעם לאַנד „פון די פרייע און בראַווע", וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענטשן זענען געבוירן גלייך. אין דערדאָזיקער דערציילונג האָט י. י. זינגער צום ערשטן מאָל קינסטלעריש דער־שפּירט דעם אָטעם פון דער נייער וועלט, פון נייעם לעבן, פון אויפבוי, פון האָפענונג, פון אָפּטימיזם. אַן אָנהייב בלויז, וואָרן דער פּראָצעס פון קינסטלע־רישן איינלעבן זיך אין אַ נייער סביבה איז אַ פּאַמעלעכער.

קען זיין, אַז ווען דער טויט מישט זיך נישט אַריין, וואָלט י. י. זינגער אפשר ענדלעך געפונען — אין דער פרייער אַמעריקאַנישער רעפּובליק — זיין קינסטלערישן תיקון, דעם זין, וואָס ער האָט געזוכט, די שלימות, וואָס צו איר האָט ער זיך געריסן. קען זיין... און אפשר... ווער ווייסט? אפשר וואָלט געקומען

נייע אַנטוישונג. ייִדן ראַטעווען זיך אין אַמעריקע — צום נייעם לעבן, אָבער ביסלעכווייז, ווי די פריִערדיקע, פאַרלירן זיי זייער אידענטיטעט, דער ייִדישער חותם ווערט בלאַסער און בלאַסער, דער ייִדישער תוך רינט אויס פון דעם באַ־פרייטן מענטש; וואָס צוואַנג און טראָר האָבן נישט דערגרייכט, דערגרייכט די פרייע לופט און די דאַנקבאַרקייט פאַר דער פרייער לופט. יאָשע קאַלב אַמעריקאַניזירט זיך, רעדט ענגליש, לייענט ענגליש, אַמוזירט זיך אויף ענגליש. דאָס ייִדישע בוך וויינט אויף דער פּאָליצע. די ליידיקע בענקלעך אין ייִדישן טעאַטער וויינען מיט אין טרויער־כאָר.

יאָשע קאַלב האָט זיך, דאַכט זיך, אויף אַ מאָמענט געפונען און באַלד ווידער פאַרלוירן זיך — דאָסמאָל שוין מסתמא אויף אַלע אייביקייטן. ער איז ער און נישט ער — ייִד און נישט־ייִד; ער רעדט — אָבער פאַר אונדז איז ער שטום. אויף די חורבות פון די ייִדישע געטאָס אין פוילן שטאַרבט יאָשע קאַלב אַ קדוש; אויף די חורבות פון ייִדישן וואָרט אין אַמעריקע זיצט יאָשע קאַלב, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע און — און לייענט אַן ענגליש „פּייפּער".

און י. י. זינגער איז געווען צופיל סקעפּטיקער און צופיל ראַעליסט, צו אידעאַליזירן, אַריינצובערענגען שבת, וווּ עס איז לויטער וואָך. נאָר סיי־ווי האָט דער גורל אַנדערש געוואָלט. י. י. זינגערס גרויסער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך צו אונדז אַנטפּלעקט אין מיטן דעם חורבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין מיטן דעם חורבן — פאַר אונדז דער גרעסטער חורבן, די מוראדיקסטע טראַגעדיע אין דער ייִדישער געשיכטע — פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

צווישן חורבן און חורבן איז דער דיכטער אויפגעגאַנגען און אויסגעגאַנגען.

אידייע און טענדענץ *)

דאַרף מען און זאָל מען ברענגען קינדער אויף דער וועלט צוליב ברענגען קינדער אויף דער וועלט, אָדער צוליב אַן אידייע — לאָמיר זאָגן: צוליב ציוניזם אָדער סאָציאַליזם, אָדער צוליב משיחיזם?

וואָס פאַר אַ קשיא איז דאָס עפּעס? — וועט איר מסתמא פרעגן — מען ברענגט קינדער אויף דער וועלט, ווייל — מען וויל האָבן קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז קודם קומט דער געשלעכטסדראַנג און דער גענוס און דאַן... נו, איז דען נישט קיין מחיה, אַז עס דרייען זיך אַרום קינדער אין שטוב? אויב די קינדער זענען שיין און געראָטן, האָבן פון זיי הנאה נישט נאָר טאַטע־מאַמע, נאָר אויך קרובים און פריינט און סתם פרעמדע מענטשן.

וואָס איז דאָ שייך אידייע? יעדע טאַטע־מאַמע וויל זייערע קינדער דערציִען לתורה, לחופה ומעשים טובים. אויב ס׳קינד וואַקסט אויס עפּעס אַ לייט, אַ למדן, אַ רב, אַ פּראָפעסאָר, אַ דערפינדער — איז אַוודאי און אַוודאי גוט.

הייסט עס, אַז טאַטע־מאַמע ווען נאָך דער חתונה זיך נישט אַנידערזעצן און

---

*) „אידייע און טענדענץ״ און „קינסטלערישע מיסיעס״ זענען צוויי פון אַ צאָל פעליעטאָנען און עסייען, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטן און צייטונגען — צווישן 1934 און 1943 — אויף דערזעלביקער טעמע: קונסט צוליב קונסט, אָדער צוליב עפּעס אַן אידייע, אָדער אַ מיסיע? עס איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אין זיי זאָלן זיין איבערחזרונגען. אָבער דער עיקר איז דאָ, וואָס זיי דערגאַנצן זיך אין דער אַרגומענטאַציע לטובת דעם געדאַנק, אַז קונסט לשם קונסט מיינט באין אופן נישט אידייענלויזע קונסט און — אַז די קעגנער פון קונסט צוליב קונסט האָבן עפּעס פאַר־מישט די יוצרות. דאָס וועט זיי קלאָר ווערן נאָכן איבערלייענען די צוויי פעליעטאָניסטישע שמועסן. אָבער — ווילן זיי באמת „קלאָר ווערן?״ אין מיינע פאָלעמיקעס מיט זיי בין איך אַ סך מאָל מסופק געווען דערין...

א. אַל.

זאָגן איינע צו די אַנדערע אַזוי צו זאָגן: דו, ווייסט, מיר דאַרפן האָבן אַ דערפינ־דער, אָדער עפּעס אַ פיינעם דענקער, אָדער אַן אידעאַליסט, אָדער אַ גענעראַל, צי עפּעס אַ פיינעם סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס זאָל קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג, אָדער אַ ציוניסט, וואָס זאָל זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר דער יִדישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

ניין, זיי טראַכטן נישט פון אַזעלכע זאַכן און פירן נישט אַזעלכע שמועסן. עס ציט זיי איינע צו די אַנדערע און זיי ווילן האָבן קינדער — פּראָסט־פּשוט קינדער צוליב קינדער.

זייער ריכטיק. נו, און קונסט? איז דען דער קינסטלערישער דראַנג ביים קינסטלער נישט דאָס אייגענע, וואָס דער געשלעכטלעכער דראַנג? דער קינסט־לער שאַפט, ווייל ער מוז שאַפן — נישט ווייל ער וויל פריידיקן, אָדער פאַר־שפּרייטן עפּעס אַן אידייע, אַן איזם, אַ שיטה.

פּשוט, וואָס פּשוטער קען נישט זיין: דער קינסטלער אין אים שטופּט אים צו זיין — אַ קינסטלער, צו שאַפן. אויב דער קינסטלער האָט אידייען, וועלן די אידייען אָטעמען אין זיינע ווערק.

איר ווייסט דאָך ווי מען דיאַגנאָזירט אַ קראַנקייט: מען נעמט פון קראַנקן אַ ביסל בלוט, אָדער אַ ברעקעלע הויט — אין פאַל פון אַ הויט־קראַנקייט — און פון מיקראָבן אין דעם טראָפּן בלוט, אָדער ברעקל הויט, ווייסט מען וואָס פאַר אַ חולאת דאָס איז.

פון דעם ווערק, וואָס דער קינסטלער דערלאַנגט אונדז, ווערן מיר געוווּיר פון וואָס־פאַר אַ אידייען ער איז אָנגעשטעקט. און אויב עס איז אַ פּרוכטיקע אידייע, וועט זי אויך אַנדערע אָנשטעקן.

אָבער דעם קינסטלערס שאַפן מוז זיין אַן אוממיטלבאַרער פּראָצעס. אויב דער קינסטלער זעצט זיך לכתחילה אַוועק און זאָגט צו זיך: איך וועל שאַפן אַ ווערק, ווו איך וועל אַרויסברענגען אַזאַ־און־אַזאַ אידייע — איז דער קינסטלער קיין קינסטלער נישט; זיין ווערק וועט קינסטלעריש נישט האָבן קיין גרעסערן ווערט — אין בעסטן פאַל — ווי, לאָמיר זאָגן, אַפּטאָן סינקלעירס טענדענציעזע ווערק, וואָס ער שרייבט מיט דער כוונה צו באַווייזן עפּעס — נישט אַז ער איז אַ קינסטלער, נאָר אַז ער האָט אַן אידייע...

אַפילו די סאַמע אידייע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ מעכאַניש־אינטעלעקטואַליסטישן, אויסגעמוחטן אופן — איז טויט און קען נישט באַפרוכ־פּערן דאָס געמיט, ווי אַן אידייע, וואָס צאַפּלט אין ווערק, וואָס איז נישט געשאַפן געוואָרן לשם אידייע, נאָר לשם קונסט.

די בעסטע פּראָלעטאַרישע ווערק האָבן ביי אונדז געשאַפן דווקא יענע,

וואָס האָבן זיך נישט באַטראַכט פאַר פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער און וואָס זענען גאָרנישט אויסן געווען צו זיין אַזעלכע; די שוואַכסטע פּראָלעטאַרישע ווערק האָבן אַרויסגעלאָזט גראָד די פּראָפעסיאָנעלע פּראָלעטאַרישע שרייבערס, וואָס האָבן פּראָלעטאַרישקייט געמאַכט פאַר זייער מאָטאָ און דעוויז.

מיטן בעסטן ווילן און דער פיינסטער אידייע קען מען נישט שאַפן קיין עכט־קינסטלערישע ווערק. עס איז גענוג צו לייענען די לידער און דערציילונגען, וואָס ייִדישע שריפטשטעלערס האָבן געשריבן וועגן גרויסן ייִדישן חורבן אין אונדזערע טעג, כדי זיך אין דעם איבערצוצייגן.

דאָ איז דאָך שוין נישט סתם אידייע. דאָ זענען דאָך ייִדישע מענטשן דורכ־גענומען מיטן צער און שוידער פון ייִדישן אומגליק — און דאָך איז דאָס אַלץ נישט גענוג, כדי צו שאַפן עפּעס עכטס און רעכטס. איר לייענט דאָס רוב לידער און דערציילונגען פון טייל דערציילערס און פּאָעטן אונדזערע, וואָס פיגורירן ביי אונדז ווי אידייען־טרעגערס, אַזעלכע, וואָס גלייבן אין „קונסט לשם אידייע" — און וואָס פאַר אַ פּוסטע מליצה און בדחנות!

די לידער, למשל, וואָס מען האָט ביי אונדז אַ צעשרייב געטון וועגן דער מוראדיקער טראַגעדיע פון מעדעם־סאַנאַטאָריום זענען אין זייער רוב פּשוט געווען אַ פאַרשוועכונג פון אונדזער צער און צאָרן. די טראַגעדיע אין די פּשוטע צייטונגס־נייס האָט אונדז אויפגעשוידערט ביז די סאַמע טיפענישן פון אונדזער וועזן. די טראַגעדיע אין די לידער האָט אונדז באַליידיקט און אויסגעפּאַטשט.

פאַרוואָס? ווייל מען האָט זיי געשריבן מיט אַ כוונה, מיט אַן אידייע, מיט גוטן ווילן טאַקע אויסצודריקן צער און וויי און פּראָטעסט. אָבער קונסט קען געשאַפן ווערן בלויז אוממיטלבאַר — מיטן רוח־הקודש, מיט פּאַטאָס, מיט יענעם דראַנג, וואָס איז אַזוי מעכטיק ווי הונגער און געשלעכט.

מיט דער גרעסטער אידייע וועט דער שוואַכער קינסטלער נישט שאַפן דאָס קלענסטע קונסטווערק; אָבער אַן עכטער קינסטלער, וואָס האָט בעת דעם שאַפונגס־פּראָצעס נישט אין זינען קיין שום אידייע, קען אָבער מיט דער קלענסטער אידייע, וואָס זיצט אין אים ערגעץ, שאַפן דאָס גרעסטע קונסטווערק.

עס עקלט איצט צו דערמאָנען דעם נאָמען קנוט האמסון, וואָס איז געוואָרן היטלערס דינער. אָבער דער האַמסון פון „וויקטאָריאַ" און „הונגער" איז געווען גאָר אַן אַנדערער. יענער איז שוין טויט. נו, וואָס פאַר אַ אידייע איז דאָ אין „הונגער?" און „הונגער" איז איינס פון די טיפסטע און שענסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור.

„שיר השירים" איז דאָס שענסטע געזאַנג פון ליבע, דאָס אייביקע געזאַנג. „שיר השירים" — די מענטשלעכע ליידנשאַפטן אַנטפּלעקט אין וואָרט. און וואָס

איז די אידייע פון „שיר השירים?" עס איז געזאַנג צוליב געזאַנג. דער קלוגער ייִד, וואָס האָט „שיר השירים" געוואָלט ראַטעווען פון די פרום־צניעותדיקע רע־דאַקטאָרן, האָט בכיוון צוגעטשעפּעט דערצו אַ פּירוש פון אַ כלומרשטן דיאַלאָג צווישן דעם רבונו של עולם און דעם פאָלק ישראל, כדי מען זאָל דאָס פריי־אָפענע, פאַרשייטע ליד נישט אַרויסוואַרפן פון די הייליקע שריפטן...

מען קען אַזעלכע ביישפּילן, וואָס באַווייזן, אַז נאָר די קונסט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צוליב קונסט, איז אַריין אין דער אייביקייט און משפּיע געווען דורות, אַנציילן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער.

און מאָדנע: אָט־די מאָנערס פון אידייען, אָדער בעסער געזאָגט: פון טענ־דענצן און „איזמען" אין דער קונסט — האַלטן זיך אין איין דערקלערן אין ליבע צו דער מאַדאַם קונסט. זיי בוקן זיך צו דער קונסט. עס איז זייער נייע רעליגיע, די קונסט.

איז דאָך גוט, איז דאָך די קונסט גאָר־גאָר אַ געהויבענער ענין. וואָס־זשע איז דאָ די עוולה, אַז מען שאַפט קונסט צוליב קונסט און נישט קונסט צוליב עפּעס אַנדערש? דער אמת־רעליגיעזער מענטש דינט גאָט מחמת אהבה, נישט צוליב שכר, אָדער צוליב מורא פאַר עונש, פאַר גיהנום.

דאַכט זיך מיר דעריבער, אַז אָט־די, וואָס שטעלן אַוועק די קונסט אויף דער מדרגה פון רעליגיע, נאָר באַלד ווי מען קומט צום עיקר, ווערט ביי זיי די קונסט אַ טפל, אַ משרתטע ביי אַן איזם, אָדער עפּעס אַן אידייע — זענען פאַלשע ליבהאָבערס. זיי שווערן זיך, אַז זיי האָבן ליב די קונסט, בעת אין אמתן שלאָפן זיי מיט אידייען, מיט אַלערליי איזמען־קעפּסווייבער און מעטרעסעס.

ס'איז באמת נישט צו פאַרשטיין זייער פּאַראַדאָקסאַלן און סתירותדיקן צוגאַנג צו קונסט. אויב דער עיקר איז ביי זיי אידייע, איזם און קאַטעכיזם — האָבן מיר דאָך דאָס געַנוג ביי די עסייאיסטן, ביי די פּובליציסטן און אַוודאי ביי די פילאָסאָפן.

אָבער רעד הײנט און רעד מאָרגן מיט אָט־די אידייען־מאָנערס — זיי בלייבן ביי דאָס זייעריקע. איך האָב זיך שוין געקריגט וועגן דעם מיט וויליאַם נאַטאַנסאָנען, וואָס זוכט אין דער קונסט דווקא פילאָסאָפיע, און מיט ב. ריווקינען, וואָס זוכט אין דער קונסט משיחיזם. און ווייל זיי זוכן אין דער קונסט נישט קונסט, נאָר עפּעס אַנדערש, ווערן זיי פאַרפּירט און זיי צעזינגען זיך אַמאָל וועגן גראַפאָמאַניע, אויב זיי דערטאַפּן דאָרט אַ רמז פילאָסאָפיע, אָדער אַ רמז משיח.

איצט האָט ב. ריווקין ווידער זיך אַרויסגעלאָזט אין קאַמף קעגן „קונסט לשם קונסט" („טאָג", 7טער פעברואַר, 1943) — קעגן י. י. זינגערס עסיי אין

דעם זשורנאַל „סביבה״ (1טע העפט). זינגער גלויבט אין קונסט צוליב קונסט, זאָגט אים ריווקין, אַז ער גלויבט אים פשוט נישט, אַז ער מיינט אַזוי באמת. אַ סימן: זינגערס אייגענע ווערק „די ברידער אשכנזי״, „חבר נחמן״ באַווייזן, אַז ער שטעלט העכערע צילן דער ליטעראַטור.

ב. ריווקין וויל נישט איינזען, אַז דאָ איז נישט שייך „העכערע צילן דער ליטעראַטור״. זינגער שטעלט העכערע צילן דעם לעבן — קומען זיי ממילא צום אויסדרוק אין זיינע ווערק, אָט ווי אַ קינד „נעמט זיך אָן״ מיט די ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן פון די עלטערן.

די מאָנערס פון אידייען און איזמען באַגייען, אייגנטלעך, אַ טעות: אָנשטאָט צו מאָנען פונעם קינסטלער אַלערליי טענדענצן, דאַרפן זיי פון אים פאָדערן, אַז ער זאָל זיך בילדן, לערנען און לערנען. וואָרן וואָס געבילדעטער דער קינסטלער איז, וואָס ברייטער זיינע האָריזאָנטן זענען, אַלץ רייכער און טיפער וועלן זיינע ווערק זיין.

אַלץ מער קונסט. אַלץ מער צוליב קונסט. אַלץ מער פאַרן קונסט־געניסער.

קינסטלערישע „מיסיעס“

האָט דער קינסטלער אַ מיסיע — אַ חוץ זיין ריין־שעפערישע מיסיע, וואָס דאָס איז, אייגנטלעך, נישט קיין מיסיע, נאָר דער אוממיטלבאַרער שעפערישער דראַנג, וואָס זוכט אַן אויסדרוק אין קינסטלערישע פאָרמען און געשטאַלטן? יאָ, וועט מען אויף אַט־דער פראַגע ענטפערן פון פאַרשיידענע זייטן, דער קינסטלער מוז האָבן אַ מיסיע. אויסער מוזע, מוז ער אויך אומבאַדינגט האָבן עפּעס אַ „מוז“, אַן אויפגאַבע, אַ שליחות. אַנדערש איז זיין שאַפן סתם שפּילצייג, שיינע צאַצקעס, וואָס האָבן נישט קיין אינערלעכן — און זיכער נישט קיין דויערהאַפטיקן — ווערט.

אין וואָס דאַרף, אָדער זאָל, באַשטיין דעם קינסטלערס מיסיע? אויף דעם זענען שוין דאָ אַלערליי ענטפערס — אַלערליי מיסיעס. עס ווענדט זיך ווער דער מיסיאָנער איז, אין וואָס ער גלויבט. איינער, וואָס איז גענייגט צו פילאָ־סאָפיע, מאָנט ביים קינסטלער — אַ פילאָסאָפישע אידייע. דער מאַרקסיסט וויל דווקא — מאַרקסיזם; דער רעליגיעזער מאמין — רעליגיאָזיטעט, משיחיזם. מען האָט פאַר דעם קינסטלער אָנגעגרייט אַזויפיל מיסיעס, אַז זיי אַלע אויסרעכענען איז ממש אוממעגלעך. נאָך אוממעגלעכער איז — זיך אָפּצושטעלן אויף יעדער פון זיי.

איך וועל דעריבער דאָ אַ שמועס טון בלויז וועגן דער ריין־קינסטלערישער מיסיע — דאָס הייסט: וועגן דער מיסיע, וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות צו קונסט, אַלצאיינס וואָס פאַראַ מין קונסט דאָס איז, מוזיק, אָדער ליטעראַטור, אָדער די פּלאַסטישע קונסט. וועגן אַזאַ ריין־קינסטלערישער מיסיע האָט נישט לאַנג צוריק געשריבן ש. ניגער („טאָג“, 12טער יולי, 1941), אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער פּ. בימקאָס נאָוועלן. און עס איז זיך כדאי אַ ביסל אָפּצושטעלן אויף אַט־דעם ענין.

פּ. בימקאָ דערלאַנגט אונדז דאָס לעבן רוי, פליישׁ און בלוט, ווי עס דערשיינט פאַר אונדזער אויג — קומט ביי אים אַרויס דאָס לעבן, דאָס יידישע לעבן, די אָרעמקייט, די אַרבעטערשאַפט, מיאוס, אָפּשטויסנדיק; עס איז אַ לעבן אָן שיינ־קייט, אָן דערהויבונג, אָן אידייע. עס איז לויטער פּרעסאַרניע, גראָבקייט, קאָרטן — אַ בהמהוואַטע לעבן. בין איך דאָ נישט אויסן זיך צו פאַרנעמען מיט בימקאָס שטייגער שרייבן, נאָר מיט ש. ניגערס קריטישע באַמערקונגען — מיט יענעם טייל, ווו קאָלעגע ניגער פאָדערט אַ קינסטלערישע מיסיע.

„יע, דער קינסטלער דאַרף אונדז ווייזן דאָס לעבן, ווי עס איז, — שרייבט ש. ניגער, — צי דאַרף ער אונדז אויך נישט ווייזן דאָס לעבן ווי עס קען זיין?" און ווייטער: „דעם קינסטלערס עובדה איז אויפצוהייבן דעם אמת, אויפצוהייבן אים איבער דער אַזוי־אָנגערופענער רעאַליטעט". און אין אַנדער פּאַראַגראַף: „דעם קינסטלערס מיסיע איז אויפצודעקן די מעגלעכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אינעם מענטשן, ממשותדיק צו מאַכן דאָס, וואָס זעט־אויס צו זיין אָן ממשות".

מיר דאַכט זיך, אַז מאָנען ביים קינסטלער צו ווייזן אונדז דאָס לעבן „ווי עס קען זיין", נישט בלויז „ווי עס איז", אָדער אַ מיסיע, איז אַן אַרויסגעוואָרפענע עובדה מצד דעם קריטיקער, אָדער ווער דער מאָנער זאָל נישט זיין, ווייל אויב דער קינסטלער איז „באַוועלטיקט" פון אַ מיסיע, פון אַן אידייע, וועט אָט־דער דיבוק במילא לאָזן הערן פון זיך, אַרויסרעדן פון זיינע שאַפונגען; און אויב דער קינסטלער איז נישט „באַזעסן" פון אַזאַ דיבוק, וועלן קיין שום טענות און מאָנונגען צו אים, אַפילו די דראָאונגען פון טורמע־שטראַף, אַבסאָלוט נישט העלפן. איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל: „די שענסטע פרוי קען נישט געבן מער, וויפל זי פאַרמאָגט".

דער אמת איז, אַז ביידע מינים קינסטלער, דער קינסטלער, וואָס ווייזט אונדז דאָס לעבן רוי, ווי עס איז, און דער קינסטלער, וואָס ווייזט אונדז דאָס לעבן ווי עס קען זיין, איבערגעקאָכט אידייאיש, זענען גלייך באַרעכטיקט צו זייער אָרט אין דער ליטעראַטור. אויב דער ערשטער גיט אונדז — און די קומענדיקע דורות — אַ בילד און אַ באַגריף פון דעם מענטש ווי ער שטייט און גייט, גיט אונדז דער צווייטער אַ בילד און אַ באַגריף פון די אידייען און שטימונגען, וואָס האָבן געפלאַטערט אין דער לופט אַרום דעם מענטש, האָבן דידאַזיקע אידייען און שטימונגען געמעגט אינערלעך באַהערשן בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן, יחידי־סגולה.

גאָרקי, למשל, האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע קינסטלער. ער האָט אידעאַליזירט דעם „בראָדיאַגע". איז דער „בראָדיאַגע" באמת אַזוי פילאָסאָפיש, אַזוי אינטערעסאַנט, ווי גאָרקי האָט אים געשילדערט? גאָרקי אַליין האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אָפּגעטרייסלט פון יענעם „אידעאַליזירונגס־מאַניער" אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, אָבער אויסמעקן האָט ער זיינע אידעאַליזירטע פאַרשוינען נישט געקענט. זיי זענען געבליבן, ווי ער האָט זיי אידעאַליזירט, פאַרפילאָסאָפירט, ווי ער האָט זיי קינסטלעריש דערהויבן. זענען זיי אויך אין לעבן דערהויבן געוואָרן? ניין, דער „בראָדיאַגע" איז געבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען.

יענע, וואָס טייטשן אויס „צו־רעאַליסטיש" דעם רעאַליזם, קענען אַפילו

זאָגן — און זיי זאָגן טאַקע — אַז אַזאַ אידעאַליזירונג גיט אונדז אַ פאַלש בילד. אויב דער מחבר „הענגט־אָן" אויף זיינע פאַרשוינען זיינע אייגענע געדאַנקען, צווינגט זיי אָנצונעמען זיין לעבנס־פילאָסאָפיע — הייסט דאָס דאָך, אַז ער נאַרט אונדז פשוט אָפּ... זיי ווילן, אַז די קונסט זאָל זיין „פונקט ווי דאָס לעבן", אַ קאָפּיע פון לעבן, ווי די רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע שולע האָט עס אונדז דערלאַנגט. זאָלאַ איז פריִער געזעסן ביי אַ גוסס צוקאָפּנס, נאָכגעפאָלגט זיין יעדע מינע, זיין יעדן ריר, זיין יעדן קרעכץ, איידער ער האָט זיך דערלויבט צו שילדערן אַ שטאַרבנדיקן מענטש.

אָבער בײדע מאַנערס, סיי דער, וואָס מאָנט, אַז די קונסט זאָל אים געבן דאָס לעבן „ווי עס איז"; סיי דער, וואָס מאָנט, אַז די קונסט זאָל אים געבן דאָס לעבן „ווי עס קען זיין", זענען אומגערעכט אין זייערע מאָנונגען, כאָטש באַרעכטיקט צו זייער גוסט. און אומגערעכט אין זייערע מאָנונגען זענען זיי, ווי פריִער געזאָגט, דערפאַר, וואָס דאָס מאָנען איז אַן איבעריקע טרחה. דער קינסטלער, וואָס האָט אַן אידייע, וועט זי אַרויסברענגען אין זיין שאַפן, צי ער וויל דאָס, אָדער נישט; ווען ער אַליין זאָל אַפילו גלויבן, אַז מען דאַרף געבן דאָס לעבן ווי עס איז, וועט עס פאַרט אויך אַרויסקומען „ווי עס קען זיין". יענער קינסטלער ווידער, וואָס האָט נישט קיין באַשטימטע אידייע און וואָס זיין שאַפן איז בלויז אַן אוממיטלבאַרער פּראָצעס, ממש אַ ביאָלאָגישער דראַנג, ווי דער הונגער נאָך שפּייז, ער קאָן געבן דאָס לעבן בלויז ווי ס'איז, אין זיין רויִקייט. ער גיט אונדז פּייזאַזשן פון לעבן — און דאָס איז פּונקט אַזאַ אינטעגראַלער טייל פון דער קונסט, ווי דאָס אידעאַליזירטע לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלעמאָל, ווו אין שאַפן ווערן אַרויסגעבראַכט אידייען, אַ באַשטימטע פילאָסאָפיע, איז עס דעם קינסטלערס פּערזענלעכע אידעאַליזאַציע. אויב דער קינסטלער שילדערט יחידי־סגולה, קינסטלער, אינטעליגענטן, געלערנטע, האָט ער פאַר זיך פאַרטיקע אוצרות פון געדאַנקען און אידייען, ווו זיין אייגענע פילאָסאָפיע ווערט אַמאָל בטל־בששים בעת זיין אייגענע פילאָסאָפיע דאָמינירט, אויב ער פאַרנעמט זיך מיט פּשוטע פאָלקס־מענטשן, מיט „עמך". ער, דערדאָזיקער קינסטלער — זאָל איך זאָגן „אינטעלעקטועלער קינסטלער?" — קען זיך אויך פאַרנעמען מיט דעם פּראָסטן חי וקים, בעת דער דורכאויס־אוממיטלבאַרער קינסטלער, וואָס גייט צו צום לעבן אָן אידייען, קען זיך אַפילו נישט צורירן צו דער טיפן־גאַלעריע פון אינטעליגענטן, קינסטלער און אינטעלעקטואַלן, ווו ער וואָלט אויך געמוזט מאַניפולירן מיט אידייען, מיט געדאַנקען. זאָל ער דאָס יאָ טון, וועט ער מוזן דורכפאַלן, ווי, למשל, שלום אַש, וואָס איז גרויס ווי אַ קינסטלער אין זיין „שטעטל", „מאָטקע גנב" און אין אַנדערע

שילדערונגען פון קליינעם שטעטל און זיינע טיפּן פון פאַרשוינען, און וואָס איז טראַגיש־אומבאַהאָלפן און פאַרלוירן ווען ער פאַרנעמט זיך מיט מענטשן, סיטואַציעס און אידייען, וואָס זענען אים אָרגאַניש פרעמד — ווי, למשל, אין זיין דריי־שטעט־טרילאָגיע, „נוצרי״ און אין אַנדערע אַזעלכע ווערק.

איך ווייס וויל, אַז ווען ש. ניגער און אַנדערע קריטיקער ביי אונדז און ביי „זיי״ פאָדערן פון קינסטלער, אַז ער זאָל געבן דאָס לעבן, נישט בלויז ווי עס איז, נאָר אויך ווי עס קען זיין, מיינען זיי נישט דווקא אַ באַשטימטע פילאָ־סאָפיע, אָדער אַן אידעאַליזירונג פון די געשילדערטע מענטשן. דאָס איז, נאַטיר־לעך, אַוודאי גוט פאַר זיי, אָבער עס וועט זיי אויך צופרידנשטעלן, אויב דער קינסטלער וועט אַרויסברענגען, אַ חוץ דאָס גשמיותדיקע, דאָס פליישיקע, אויך דאָס רוחניותדיקע, דאָס סובטעלע, וואָס דאַרף זיך געפינען ערגעץ אין יעדן בן־אדם, מחמת דער יסוד און תוך פון מענטש זענען דאָך גוט און שיין, גלויבן זיי, ווי עס האָבן געגלויבט אַ זשאַן זשאַק רוסאָ און אַ טאָלסטאָי.

אָבער איז דער יסוד פון מענטש באמת גוט? איז דאָ שיינקייט אויך אין דעם גראָביאַן? עס זענען דערווייל נישטאָ אַזעלכע איקס־שטראַלן, וואָס זאָלן קענען „דערזען״ אינעם מענטשן זיין יסוד, זיין תוך, אָדער זיין נשמה. עס איז אַ ספּעקולאַטיווער ענין. יענע, וואָס קענען, למשל, די אַלע טיפּן און פאַרשוינען, וואָס בימקאָ ברענגט אַרויס אין זיינע דערציילונגען — און איך קען זיי, דאַכט זיך, נישט ווייניקער ווי בימקאָ, — וועט שטאַרק מסופּק זיין, אויב זיי באַזיצן אַ פּינטעלע שיינקייט און דערהויבנקייט. זיי זענען אָט ווי בימקאָ שילדערט זיי — דורכאויס: פאַרגרעבט, אַריינגעטון אין עסן, אין קאָרטן, ווולגאַר, אַן דער מינדסטער פאַרשטענדעניש פאַר שיינקייט, פאַר אידעאַליזם.

איז באמת קינסטלעריש נייטיק אָט־די פאַרשוינען צו דערהויבן — אין דער קונסט? ווער וועט דערפון געווינען? בימקאָס פאַרשוינען, ווי גאָרקיס בראָ־דיאַגעס, לייענען דאָך אַפילו נישט קיין בוך, אַז די קינסטלערישע דערהויבונג פון זייער לעבן זאָל זיי אפשר משפּיע זיין און זיי דערהויבן אין דערווירקלעכ־קייט. איך גלויב דעריבער, אַז בימקאָס געבן אונדז דאָס לעבן, וואָס ער זעט און וואָס ער קען, אָט אַזוי ווי עס שטייט און גייט, אין זיין רויקייט, איז פאַר אונדז נייטיק. לאָמיר טאַקע וויסן מיט וועמען מיר האָבן צו טון. פאַרוואָס האָבן פאַל־שע אילוזיעס? עס זענען, נאַטירלעך, פאַראַן אויסנאַמען צווישן דער דאָזיקער גרויסער מענטשן־מאַסע, צווישן וועלכע בימקאָ שפּאַצירט אַרום — שענערע, סענסיטיווערע מענטשן — נו, זאָלן זיי — און זיי וועלן מיט דער צייט, ווי טייל פון זיי זענען שוין פריִער — קומען אויף אַנדערע הענט, אויף די הענט פון אַ קינסטלער, וואָס דידאָ־זיקע געציילטע זענען נאָענט און אייגן זיין קינסטלערישן גוסט און טאַלאַנט...

פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט *)

לייבוש לעהרער האָט (אין אַן עסיי אין „יִדישן קעמפער") אויף אַ זייער פאַרשטענדלעכן אופן מסביר געווען דעם ענין אומפאַרשטענדלעכקייט אין דער פּאָעזיע, צוטראָגנדיק עטלעכע וואָגיקע אַרגומענטן צו דער דיסקוסיע, וואָס גייט אָן שוין כמה יאָרן מכוח אָט־דעם ענין. און הגם ער אַליין שטעלט זיך פאָר, אַז „דאָ, נאָך אַלע שאלות און תשובות... בלייבן די פרעגערס און די ענטפערערס אויף זייערע פריִערדיקע פּאָזיציעס", קען מען זיך פונדעסטוועגן אויך פאָרשטעלן, אַז דעם איינפאַכסטן לעזער אַפילו וועט זיך לייגן אויפן שכל, אַז נישט אַלץ קען מען דערקלערן ראַציאָנעל, אין לאָגיש־געבונדענע זאַצן. ווייסט ער דאָך פון זיין אייגענער דערפאַרונג, ווי קאָלעגע לעהרער ווייזט ריכטיק אָן, אַז אַפילו אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך אָפּערירן מיר טיילמאָל מיט אויסדרוקן, מיט רעדנסאַרטן, וואָס אין פלוג קלינגען זיי אומזיניק, אָבער זיי האָבן זייער אינער־לעכע לאָגיק און דעקן באַשטימטע דראַנגען און פאַרלאַנגען, ווי „רייסן ביי יענעם אַ פּאָלע", „זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט" און — בין איך מוסיף — אַז ווען עס ווערט אים אומעטיק אויף דער נשמה, לאָמיר זאָגן בין־השמשות־צייט, וועט ער אַ זאָג טון: „עס איז מיר עפּעס דאָסיק" — און די אַרומיקע וועלן אים פאַרשטיין.

דאָ גייט עס, אייגנטלעך, אין צוויי קאַטעגאָריעס פאַרשטיין: אַ שכלדיק פאַרשטיין און אַן אוממיטלבאַר פאַרשטיין, אַ פאַרשטיין דורך דערפילן, דער־שפירן, אָדער אַריינאָטעמען, אָט ווי מען אָטעמט אַריין פרישע לופט, און עס

*) אַזוי ווי אין פלוג מאַכט דאָס דעם איינדרוק פון אַ פּאָלעמיק — און אין אַ פּאָלעמיק דאַרף מען אויסהערן ביידע צדדים — איז נייטיק צו באַמערקן, אַז דאָס דאָ־געזאָגטע איז נישט קיין פּאָלעמישער ענטפער, נאָר אַ דערגאַנצונג פון ל. לעהרערס באַמערקונגען.

איז דאָך נישט שייך צו פֿאַרשטיין די לופֿט. מען פֿילט בלויז, אַז עס איז אַ מחיה — און דאָס איז גענוג. אין פּאָעזיע (און אין יעדער אַנדערער קונסט) איז דער עיקר, הייסט עס, דאָס גענִיסן. דאָס וואָרט לייענער ווערט פֿאַרביטן מיט דער כוללדיקער באַצייכענונג: קונסט־געניסער. און דער קונסט־געניסער איז אַ פֿול־באַרעכטיקטער שותף צום קונסט־שאַפֿער. וואָרן אָן אַ געניסער איז דאָס קינסט־לערישע שאַפֿן ווי אַ קול אין מדבר, אָן אַן אויער צו הערן עס — אַ לא היה ולא נברא. זייער גוט און ווויל. ווי איז אָבער דער דין, אַז בעת דער געניסער זיצט איבער אַ בוך לידער און — געניסט, האָט הנאה מיט אַלע רמ״ח אברים, וואַקסט־אויס הינטער זיינע פּלייצעס אַ קריטיקער, וואָס טייטלט אים מיט אַ „ריכטונג״ אין בוך אַריין:

— אָט־דאָס געניסט איר? פֿון אָט־דעם האָט איר הנאה? עס איז דאָך — אַנטשולדיקט פֿאַרן אויסדרוק! — קלאַסישע פּאָעזיע! דאָ איז דאָך אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי אָפֿן! אויב איר זענט אַ פֿיינשמעקער, טאָרט איר בשום אופֿן נישט קיין הנאה האָבן דערפֿון!

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז די ווערטער „גענוס״ און „הנאה״ באַנוץ איך דאָ בלשון סגי־נהור. זיי דאַרפֿן פֿאַרשטאַנען ווערן נישט דווקא ווי „האָבן פֿאַרגעניגן״, „שעפּן נחת״, נאָר ווי בכלל מיטפֿילן, מיטלעבן און מיטווייטיקן, אָט ווי אַ ייִד האָט הנאה פֿון „איכה״, אָדער פֿון חזנס קרעכץ, וואָס „צעגייט זיך אין אַלע אברים״...

לייבוש לעהרער באַצִיט זיך אין זיין עסיי („די פּאָעטישע וועלט״) בלויז אויפֿן לשון סגי־נהור אין דער פּאָעזיע, אויף דער סימבאָלישער טערמינאָלאָגיע, מיט וועלכער דיכטער זעצן איבער דאָ און דאָרט אַ שטימונג, אָדער אַן עמאָ־ציאָנעלן אימפּולס, מאַכנדיק אַזוי אַרום דאָס איבערגעלעבטע קאָנדענסירטער, אָדער עקספּאַנסיווער, סוביעקטיווער, אָדער אוניווערסאַלער — לויטן אינערלעכן געזעץ פֿון איבערגעלעבטן (פֿון „אַ רעגן גייט״ אויף „אַ מענטש ווײנט״, אָדער פֿון „ס׳איז מיר אומעטיק״ אויף „אומעט שפּרייט זיך איבער ערד און הימל״); אָבער דאָס איז נישט מער ווי איין פּונקט (אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אַלע עכטע וואָרט־קינסטלער) אויפֿן טונקעלן פּאַן פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקייט. ער לאָזט לחלוטין אויס דעם פּונקט פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקייט אין שייכות צו שטאַמלדיקע נישט־דערזאָגענישן און טונקעלע פּלאָנטערנישן, וואָס אַזוינס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ טייל — אַ קליינעם, אָבער אַגרעסיוון טייל — פּאָעטן, דער עיקר אָנגע־העריקע צו באַשטימטע ריכטונגען, וואָס אַזאַ מין פּאָעטיזירן איז ביי זיי דאָס געבאָט פֿון דער שעה, אַ קולט.

פֿון קאָלעגע לעהרערס עסיי באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער דעקט דאָס

גא̈נצע פעלד פון אומפא̈רשטענדלעכקייט און אַז דאָס — „אומפאַרשטענדלעכע״ — איז דער סימן־מובהק פון פאָעזיע בכלל. אויב דאָס זאָל באמת אַזוי זיין — און אַז דאָס איז אַזוי, גלויבן די „טונקעלע״ פאָעטן און זייערע „טונקעלע״ קרי־טיקער — דאַן פאַלן תיכף אַרויס פון דער פּאָעטישער מחנה די מיינסטע דיכטער פון אַלע צייטן און דורות, צווישן זיי יהודה הלוי, היינריך היינע, לאָרד בייראָן, אַדאַם מיצקעוויטש, ח. נ. ביאַליק... ווער איז נאָך געווען אַזוי קלאָר און באַריי־דעווודיק און פאַרשטענדלעך, ווי היינע? און היינע טאַקע האָט געשאַפן דעם פאָרמול ווי צו דערקענען די עכטקייט און דעם ווערט פון אַ ליד. מען דאַרף דאָס ליד אויסלייגן אין פּראָזע — באַפרייען עס אויסערלעך פון דעם קלינגקלאַנ־גיקן פּערז, וואָס איז עלול אָפּצונאַרן דאָס אויער — און אויב דעמאָלט זאָגן אונדז נאָך עפּעס דעם פאָעטס ווערטער, ווייזן מיר, אַז דאָס ליד האָט אויך אַן אינער־לעכן ווערט, אויסער — אַן אויסערלעכן קלאַנג...

צי מיר אַקצעפּטירן יאָ, אָדער נישט היינעס פאָרמול, מוזן מיר מודה זיין, אַז אויב מיר ווילן באַפרידיקן אונדזער אייביקע שוואַכקייט צו אַנאַליז, צו וועלן באַגרייפן (אָט ווי מיר ווילן דווקא תופס זיין אונדזער אינערלעכע וועלט, ווי דעם דרויסנדיקן אַרום — וואָס אַן דעם וואָלט דאָך נישט מעגלעך געווען קיין פילאָסאָפיע, קיין וויסנשאַפט) און מיר צעגלידערן אַ טונקל ליד, לאָזט זיך גאַנץ אָפט אויס, אַז עס האָט זיך נישט געלוינט די מי. דער דיכטער — אָדער זיין ליד — איז, נעבעך, נאַקעט...

דאָס מענטשלעכע וואָרט איז טאַקע מוראדיק באַשרענקט. עס איז סיי אַן אינסטרומענט פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, סיי אַ צאַם צווישן אונדז און דעם פאַרבאָרגענעם אמת פון דער וועלט. ווו די שליטה פון וואָרט הערט אויף, הייבט זיך אָן די מאַטעמאַטיק. אָבער אויך די מאַטעמאַטיק דערגרייכט ביז אַ געוויסער גרענעץ — און ווייטער נישט. נאָר ווען עס פּאַסירט, אַז אַ מאַטעמאַ־טיקער געפינט אַ לייזונג צו אַ פּראָבלעם, מיט וועלכער ער האָט זיך פריִער גע־ראַנגלט, ווי יעקב מיטן מלאך, וואָלט עס געווען אַן אומזין פאַר אַן אַנדער מאַטע־מאַטיקער אַרויסצוקומען מיט טענות צו אים, באשר ער איז — צו אָפן, זאָגט צופיל אויס...

אַזוינס טרעפט יאָ אין דער „פּאָעטישער וועלט״. אַן אָנהענגער פון טונקל־קייט, פון נישט־דערזאָגעניש, האָט טענות צו אַן אַנדער דיכטער הלמאי דאָ און דאָרט — אָדער טאַקע דורכאויס — איז ער קלאָר, זאָגט אַרויס, וואָס מען דאַרף, על־פּי אַ געוויסער טונקעלער שיטה, נישט אַרויסזאָגן. אין אַנדערע ווער־טער: ער באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסן חסרון, אויב נישט פאַר אַ זינד, וואָס אַ דיכטער מיט אַ ביסל מער אינטעליגענץ און אַ רייכערן וואָקאַבולאַר, האָט גע־

פונעם אַ וואָרט, אָדער ווערטער, פאַר אַ שטימונג, פאַר אַ מאָטיוו, ווי אַן אַנדער דיכטער האָט מחמת פרימיטיוויקייט און באַשרענקטן וואָקאַבולאַר אונטערגע־הונקען אויפן לשון...

דאָ איז, אַגב, נייטיק צו באַטאָנען, אַז נישט יעדע שטאַמלדיקע דיכטונג איז אַ פועל־יוצא פון דעם דיכטערס פרימיטיווקייט און שפּראַך־מאַנגל. דאָס איז שוין אַ מדרגה און אַזאַ פּאָעט איז אַמאָל אין דער בחינה פון דעם דאָרפס־יונג אין דער חסידישער לעגענדע, וואָס נישט קענענדיק קיין שייטל עברי, איז ער מבולבל געוואָרן אין בית־מדרש צו כל־נדרי, און ער האָט זיין שווער געמיט אויסגעלאָדן מיט אַ פייף — אַ פייף, וואָס האָט אַ רעש געמאַכט אין די הימלען. דער אמת, וואָס רייסט זיך אין דער וועלט אַריין מיט אַ מיניִמום ווערטער, אָדער גאָר אָן ווערטער, קען טאַקע ווייט־וויַיט גרייכן; אָבער מאַכן שטאַמל־לשון פאַרן לשון־קודש פון דער פּאָעזיע, פאַר דער איינציקער קריטעריע פון דיכטונג, איז אַזוי לאָגיש, ווי עס וואָלט לאָגיש געווען צו פאַרלאַנגען פון אַלע ייִדן, וואָס זענען יאָ היימיש אין די דראָבנע אותיות, אַז אַנשטאָט דאַוונען זאָלן זיי פייפן, ווי דער דאָרפס־יונג, וויבאַלד מיט אַ פייף קען מען מרעיש־עולם זיין.

עס ווערט באמת געפערלעך פאַרן אמת פון וואָרט, ווען דיכטער, וואָס האָבן יאָ לשון, נאָר האָבן נישט גענוג אינהאַלט אויסצופילן דאָס לשון, נעמען פייפן, צי גאָר פּאָנפען — אין כאָר. די מעשה איז, וואָס שטאַמלעריי, טונקלקייט, אָדער מיט וואָס פאַרא נאָמען מיר זאָלן דאָס נישט רופן, קען מען זייער לייכט — אימי־טירן, סימולירן... און מען טוט עס טאַקע. נישט איין געשיקטער פערזן־מאַכער, וואָס ער האָט זייער ווייניק מיט וואָס צו באַווייזן זיך, אָדער האָט מורא אַרויס־צוקומען אין דער אָפן מיט באַגאַזש שיבוש, אָדער מיט גאַלע גאַרנישט — פאַר־שטעקט זיך הינטער אַ קאַמופלאַזש פון אַלערליי טונקלקייטן, שטאַמלט ווי אַ כבד־פה, כדי מען זאָל מיינען מי־יודע וואָס פאַראַ רזין־דרזין עס שטעקן אין די טונקעלע נישט־דערזאָגענישן. דאָס דאָזיקע פאַרטל איז אָבער אָפט מצליח. אַ ראיה האָבן מיר, אַז אַזוינע דיכטער, וואָס ווען זיי קומען אַרויס אין דער אָפן מיט זייער דלות, וואָלטן זיי געווען אָרעמע זינגערס, וועלכע מען וואַרפט־צו אַ גראָשן, ווערן אונטערן קאַמופלאַזש פון טונקעלע נישט־דערזאָגענישן און פון כלומרשטער טיפקייט, אַנגעזעענע בירגער אויפן פּאַרנאַס.

פאַר דעם, וואָס שרייבט וועגן שרייבן, בפרט פאַר אַזוינעם, וואָס טראָגט זיך אַרום, ווי דיאָגענעס, מיט אַ לאַמטערן־אידייע, וואָס אין איר ליכט, אָדער אין די שאָטנס, וואָס זי שלאָגט־אָפּ פון זיך, זעט ער אַלץ און אַלעמען — איז דווקא דער טונקעלער, פאַרפלאָנטערטער, כלומרשט רמזימדיקער דיכטער, אַן אבן־טוב, אַ שמאַלץ־גרוב. דאָ האָט ער אַ געלעגנהייט אַריינצוטייטשן און אַרויס־

צוטייטשן אַלצדינג, וואָס זיין האַרץ — אָדער זיין אידייע — גלוסט; איז ער געַ־נייגט צו פילאָסאָפיע, אָדער צו פסיכאָלאָגיע, אָדער צו קבלה, וועט ער דאָס אַלץ אַנטדעקן און אַנטפּלעקן אין דעם באַטרעפנדיקן דיכטער; אויב ער איז אַן אַקושער, וועט ער דעם דיכטער איינרעדן אַ קינד אין בויך. די נאַיווע לייענער לייגט עס זיך אויפן שכל אויך, וואָרן אויף אַ טונקעלן, שטאַמלדיקן, כלומרשט רזין־דרזינדיקן פּאָעט, איז אַלץ צו גלויבן, מחמת ביי אים זענען דאָך נישט גילטיק די נאָרמאַלע געזעצן, נאָרמען.

דאָס מיינט אויך נישט — באין־אופן נישט! — אַז אָפנקייט, אָדער קלאָרקייט, צי דערזאָגעוודיקייט, איז יאָ — אָדער דאַרף זיין — דאָס דאָמינירנדיקע געזעץ אין דער פּאָעטישער וועלט און די איינציקע קריטעריע ביים שאַצן די פּאָעטישע ווערטער און ווערטן. קיין שום פּאַראַויסיקע מאָס איז נישט שייך לגבי דער פרייער — און קאָמפּליצירטער — שעפערישקייט, וואָס אויב זי איז עכט, ברענגט זי מיט זיך אירע אייגענע וואָגן און מאָסן. אין יעדן עכטן פּאָעט זענען דאָ אַלע עלעמענטן און שאַטירונגען פון ליכט און שאָטן, פון ניגלה און נסתר, אָפּהענגיק פון דער איבערלעבונג און פון מאָטיוו. דער אָפנסטער, דער קלאָרסטער דיכטער ווערט פאַרבליפט און געפּלעפט און פאַרלירט ממש ס׳לשון אין נשמהדיקן באַ־העפט מיט יענע קאָסמישע ספערן, ווו דאָס וואָרט ווערט־אַן זיין קלאַנג און באַטייט. דאַקעגן ווערט דער טונקלסטער און שטאַמלדיקסטער דיכטער קלאָר־אָפן און באַריידעוודיק אין מאָמענטן פון ערדישע, נאָרמאַל־מענטשלעכע פריידן און ליידן.

דערפאַר איז עס, מילד גערעדט, פּשוטע בטלנות, אויב נישט וואַזשנער אָנשטעל, — ס׳זאָל אויסזען ווי דער מאָנער רעדט פון אַ הויכן באַרג־אַראָפּ, — דאָס מאָנען ביי אַ דיכטער דווקא דאָס, וואָס איז אין זיינס אַ ליד נישטאָ, אָנשטאָט אָפּצושאַצן דאָס, וואָס איז דערין יאָ דאָ; דאָס פאָדערן טונקלקייט, ווו די ליכטיקייט בלענדט מיט איר אייגענער פּאָעטישער גערעכטיקייט; דאָס פאָ־דערן באַלייכטונג, ווו די בין־השמשותדיקע שאָטנס רעדן צום געמיט; דאָס פאָדערן שטאַמלעריי, ווו די קראַפט פון וואָרט דאַרף פאַרנומען ווערן; דאָס פאָדערן עמאָציאָנאַליזם, אָדער אינטעלעקטואַליזם — און ווער ווייסט וואָס נאָך דעם און יענעם שאַצער־שעצער קען קומען אויף דער מחשבה און אין נאָמען פון וואָס פאַראַ גאָט, אָדער געץ ער קען אַרויסשטעלן טענות און תביעות!

דער עכטער דיכטער — ווי גרויס, אָדער נישט־גרויס, ער זאָל ניט זיין, — שטייט מחוץ און איבער אַלע ריכטונגען, איזמען, שולעס, וואָס יעדע פון זיי האָט, ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, מאָנאָפּאָליזירט פאַר זיך דעם אַבסאָלוטן אמת — קיין האָר נישט מינער! צו וואָס פאַראַ ריכטונגען, אָדער שולעס, האָבן געהערט

שעקספּיר, בייראָן, היינע, מילטאָן, פּושקין, יהודה הלוי? — אַרויסצוכאַפּן בלויז עטלעכע פון הונדערטער וואָרט־מייסטערס. זיי האָבן אַלע געהערט צו איין שולע — די שולע פון טאַלאַנט... און אַט־דאָס, דעם עיקר, פאַרגעסט מען אין די אַלע פּלפּולים און דיספּוטן וועגן פּאָעזיע און וועגן אַנדערע קונסטן, בעת מען פאַרנעמט זיך כסדר מיט זייטיקע זאַכן. נאָכאַמאָל: דער עכטער דיכטער איז אַלץ — ליכטיק און טונקל, באַריידעוודיק און שטאַמלדיק, עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל. דער טראָפּ מוז געשטעלט ווערן אויף עכט. און עכט — צו פּאַראַפראַזירן אַן אַלט וואָרט — איז רעכט!...

לייכט און שווער

שווער וואַסער איז אַ טייער אַרטיקל. אָן שווער וואַסער וואָלטן אַ סך פון די גרויסע כעמישע און פיזיקאַלישע דערגרייכונגען נישט מעגלעך געווען. אויך אין דער פאַבריצירונג פון דער אַטאָמישער באָמבע ווערט גענוצט שווער וואַסער.

אָבער טרינקען קען מען נישט דאָס שווערע וואַסער. מען קען נישט און מען טאָר נישט. עס וועט אייך קראַנק מאַכן.

דאָס וואַסער, וואָס דערהאַלט אונדזער לעבן, וואָס אָן דעם קען מען נישט אויסקומען, — איז דאָס לייכטע וואַסער: דאָס פרישע, זיסע וואַסער. דאָס לייכטע וואַסער איז מים חיים.

*

שווערע עברי זעט אויס זייער וואַזשנע: אַקאַדעמיש, וויסנשאַפטלעך. אָבער איינבייסן קען מען זי נישט. קיין טעם האָט זי נישט. זי שטרענגט אונדז אָן. זי מאַכט אונדז ברעכן — דעם קאָפּ און די ציין. אָבער קיין הנאה פון איר האָבן מיר נישט.

עס איז די לייכטע פליסיקע עברי, דער לייכטער, פליסיקער סטיל, וואָס איז אונדז מחיה, וואָס דערפרישט און דערמונטערט אונדז, וואָס צעגייט זיך אין די ביינער.

*

לײדער האָט זיך איינגעגעסן אָן „אינטעליגענטישע איינרעדעניש״, אַז לייכטקייט פון עברי, פון סטיל — איז אַ חסרון, איז אַ סימן פון געדאַנקלעכער לייכטקייט, וואָס דאָס מיינט שוין ממילא, אַז שווערע עברי גייט מיט שווערן געדאַנק, מיט וויכטיקער און געוויכטיקער חכמה...

עס הייבט זיך נישט אָן!

אָפּט באַהאַלט זיך אונטער שווערער עברי, אונטער שווערן פֿאַרפּלאָנטערטן סטיל — אַ לייכט געדאַנקעלע, אַ דראַבנינקע אידייעלע, אַמאָל דאָס אויך נישט...

עס איז דאָ אַ קינדיש רעטעניש: „וואָס איז דאָס? אַ באַבעלע וויקלט זיך און וויקלט זיך — און בלייבט דאָך שטענדיק נאַקעט?" דער ענטפֿער איז: אַ הייבטל קרויט.

אדרבה — וויקלט אויף אַ הייבטל קרויט, און איר וועט אַליין זען, איר וועט אינעווייניק גאָרנישט געפֿינען.

אַזוי איז עס מיט די אַרטיקלען, עסייען און אָפּהאַנדלונגען פֿון געוויסע שרייבערס. זיי וויקלען און וויקלען,ברייען און ברייען, ציטירן, אַנאַליזירן, שפּעקולירן — און דער לעזער מיינט מי־יודע־וואָס! אָבער — אַז ער מאַכט אָן אָנשטרענגונג און פּלאָנטערט אויף דעם פּלאָנטער, וואָס דער שרייבער האָט אָנגעפּלאָנטערט, דערזעט ער, אַז דאָס באַבעלע איז — נאַקעט...

אָדער — ס'איז דאָרט אַבסאָלוט גאָרנישטאָ, אָדער ס'איז דאָ אַזאַ וואַזשנע אידייע, אַז וואַסער איז נאַס און פֿייער איז הייס.

*

צוויי סאָרטן שרייבערס שרייבן שווער: איינער, וועלכער קען, נעבעך, נישט שרייבן לייכט, פֿאַרשטענדלעך — און ער מוז דעריבער שרייבן שווער; און איינער וועלכער קען יאָ שרייבן לייכט, מענטשלעך, פּריש, נאָר ער שטרענגט זיך אָן צו שרייבן שווער, ווייל ער מיינט, אַז אין שרייבן שווער איז דער שווערפּונקט; אַז מען דאַרף אַזוי, מחמת שרייבן לייכט קען דאָך יעדער איינער...

און נאָך אַ סאָרט שרייבער איז דאָ, וואָס ער שרייבט שווער, כאָטש ער וואָלט געקענט שרייבן לייכט — און דאָס איז דער, וועלכער האָט, נעבעך, גאָרנישט וואָס צו זאָגן אָדער זייער ווייניק וואָס צו זאָגן — און מיט שווערער עברי, מיט אַ האַמעטנעם סטיל וויל ער פֿאַרדעקן די פּוסטקייט פֿון זיין שרייבן.

דאָס שענסטע — אָדער דאָס מיאוסטע — דערביי איז וואָס די „שווערע" שרייבערס האַלטן זיך אין דער מדרגה, און זיי פֿאַרפּאַלגן ממש יענע, וועלכע שרייבן לייכט אַפֿילו וועגן דעם שווערסטן ענין.

— זע נאָר, ער שרייבט לייכט! — טייטלען זיי אויף אַזאַ שרייבער מיט די פֿענעס אָדער מיט די שרייב־מאַשינען — זע נאָר, זע וואָס פֿאַר אַ פּאַרזעעניש! מען פֿאַרשטייט ביי אים יעדעס וואָרט!

און אַ סך לעזערס לאָזן זיך פֿון זיי איינריידן, און זיי מעסטן אויך די שרייבערס מיט דער „שווערער" מאָס. אויב ער שרייבט שווער, איז עס אַ סימן, אַז ער איז אַ טיפֿער שרייבער, אַ וואַגיקער דענקער; און אויב ער שרייבט

לייכט, אויב זיין סטיל איז פלייסיק און פליסיק, איז עס א̇ סימן, א̇ז ער איז — פלא̇ך...

*

איך הא̇ב עטלעכע מא̇ל איבערגעשריבן שווערע, פא̇רפלא̇נטערטע זא̇צן, אומגעלומפּערטע עברי פון געוויסע שרייבערס — אויף א̇ לייכט, מענטשלעך לשון, און — ס'איז גא̇רנישט געבליבן... ס'איז זיך צעגא̇נגען ווי שניי אין א̇ ווא̇רעמער הא̇נט.

עס איז דא̇ א̇ מעשהלע וועגן א̇ לא̇נד פון לויטער הויקערס, וווּהין עס הא̇ט זיך א̇מא̇ל א̇רא̇פּגעכא̇פּט א̇ גלייכער מענטש, — איז מען אים נא̇כגעלא̇פן אין די גא̇סן:

— זעט נא̇ר דעם דרא̇נג!

א̇ט א̇זוי טייטלען די שרייבערס מיט די צעהויקערטע סטילן אויף דעם נא̇רמא̇לן שרייבער:

— זעט נא̇ר, ווי לייכט ער שרייבט!

*

א̇לבערט איינשטיינס מא̇טעמא̇טישע פא̇רמולעס פא̇רשטייען זייער ווייניק מענטשן. א̇בער א̇לבערט איינשטיינס פילא̇סא̇פיש־וויסנשא̇פטלעכע עסייען קען פא̇רשטיין יעדער איינער. זיינע עסייען זענען א̇זוי לייכט, א̇זוי איינפא̇ך, א̇זוי מענטשלעך, א̇ז ס'איז באמת א̇ מחיה זיי צו לייענען.

דא̇ס מיינט בשום אופן נישט, א̇ז א̇לע, ווא̇ס שרייבן שווער, הא̇בן נישט ווא̇ס צו זא̇גן. עס מיינט בלויז, א̇ז שרייבן שווער איז נישט קיין גא̇רא̇נטיע פא̇ר וואגיקע געדא̇נקען. עס מיינט א̇בער יא̇, א̇ז דער שרייבער א̇דער דער פילא̇סא̇ף, ווא̇ס הא̇ט אונדז ווא̇ס צו זא̇גן — א̇ סך ווא̇ס צו זא̇גן, נא̇ר ער שרייבט שווער און פא̇רפלא̇נטערט, — קען פשוט נישט... שרייבן!

העגעל איז געווען א̇ גרויסער פילא̇סא̇ף, א̇בער זיין סטיל איז א̇זוי הא̇מעטנע, א̇זוי פא̇רפלא̇נטערט, א̇ז עס איז אוממעגלעך זיך דורכצושלא̇גן דורך זיינע ווערק. העגעל איז געווען א̇ גרויסער דענקער, א̇בער זייער א̇ קליינער שרייבער. א̇זוי אויך אימא̇נועל קא̇נט.

די קונסט פון שרייבן איז — איבערצוגעבן די טיפסטע געדא̇נקען און אידייען אויף א̇ן איינפא̇כן, סטיליסטיש־מענטשלעכן אופן.

אָבער ווען איר לייענט, למשל, איינשטיינס עסייען און די עסייען פון אַ שרייבער, וואָס איז אַזוי ווייט פון איינשטיינען, ווי אַ קלעזמער פון יאַשאַ חפצן, קענט איר מיינען, אַז דער לעצטער איז אַזוי טיף, אַז איר קענט אים אַזש נישט פאַרשטיין, בעת איינשטיינען קענט איר יאָ פאַרשטיין. מיינט עס, אַז איינשטיין איז נישט טיף?

*

איבערהויפט ביי אונדז איז עס אַזוי. איר הערט אָפט אַ ייִדן זאָגן: „אַי, איז ער אַ שרייבער!" אָדער: „אַי, איז ער אַ רעדנער! כ'האָב קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען..."

קונסט, קינסטלער און קונסט־געניסער

ווען מען זאָגט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע „אַרטיסט" — האָט מען געוויינטלעך אין זינען אַ מאָלער. אין טייל אייראָפּעיִשע לענדער מיינט מען דערמיט אַן אַקטיאָר.

אין ביידע פאַלן איז די באַצייכענונג אַן איינזייטיקע. ווען מען זאָגט „קונסט", סתם קונסט, אָן אַ ספּעציפישער באַצייכענונג, נעמט דער באַגריף אַריין אַלע קונסטן.

זיכער איז אַ מאָלער אַ קינסטלער און אַן אַקטיאָר איז אַ קינסטלער (אויב זיי זענען עס!), אָבער פּונקט אַזוי איז אַ קינסטלער דער שרייבער (פּאָעט, עסייאיסט און נאָוועליסט); דער טענצער, דער מוזיקער, דער קאָמפּאָזיטאָר.

אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער פּאָעט דערציילט מיר אַזאַ עפּיזאָד:

אַ דאַמע פרעגט אים, אין אַ געזעלשאַפט, צי ער איז אַן אַרטיסט. ער ענטפערט, אַז יאָ. אין אַ שטיקל צייט אַרום ווענדט זי זיך צו אים, אַז ער זאָל מאָלן אַ פּאָרטרעט פון איר. ווען ער דערקלערט איר, אַז ער איז נישט קיין מאָלער נאָר אַ פּאָעט, ווערט זי אין כעס, וואָס ער האָט זי אָפּגענאַרט...

*

מיט אַ צייט צוריק האָב איך אין אַ הויז געזען אויף דער וואַנט אַ פּאָרטרעט פון אַ פרוי. דער גאַנצער ווייבלעכער קערפּער איז דאָרט דאָ, זייער רעאַליסטיש געמאָלן. בלויז דאָס פּנים פעלט. עס זעט אויס ווי מען וואָלט אַרויסגעריסן דעם פאָדערשטן טייל פון איר קאָפּ.

די הויזווירטין און אירע אַ פריינדין, ביידע אינטעליגענטע יונגע דאַמען, האָבן גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דער דאָזיקער מאָלעריי. פון זייערע רייד

האָב איך געדרונגען, אַז אַלע זייערע פּריינט טײלן זייער באַגייסטערונג.

איך בין, ווייזט אויס, געווען דער ערשטער אַפּיקורס אין יענעם הויז — יעדנפאַלס דער ערשטער אָפּנהאַרציק צו פרעגן — מיט וואָס די קונסט וואָלט געליטן, אויב די פרוי אויפן פּאָרטרעט וואָלט געהאַט אַ פּנים.

מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דער מאָלער פון דעם פּאָרטרעט קען פּשוט נישט אויסמאָלן אַ לייטיש מענטשלעך פּנים, האָט ער „פון דער נויט געמאַכט אַ טוגנט..."

אָבער... אפשר קען ער יאָ מאָלן אַ פּנים, נאָר ער האָט אויסגעקליבן די פּרעטענציעזע מעטאָדע פון אויסלאָזן דאָס פּנים צוליב איינע פון די דריי טעמים, אָדער צוליב אַלע דריי:

1. כדי צו ציִען אויפזען דורך אַזאַ „אָריגינאַליטעט", וואָס דאָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר יענע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אמתע, נאַטירלעכע אָריגינאַ־ליטעט און נישט קיין גלויבן אין די אייגענע כוחות.

2. כדי צו שאַפן אַ מין „שולע", צו זיין איבערגעוואָלד אַנדערש, וואָס דאָס איז ווידער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזוינע, וואָס זיי ווערן געשטויסן נישט פון אַן אוממיטלבאַרן שעפערישן דראַנג, נאָר פון דער אַמביציע פון אימפּאָטענטע לייט, וואָס ווילן דווקא טון דאָס, צו וואָס זיי האָבן נישט קיין כוח.

3. אָדער — ס'קאָן אויך גריילעך זיין, אַז דער באַטרעפנדיקער מאָלער באַזיצט יאָ טאַלאַנט, נאָר ער איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ פאַלשער אינטערפּרע־טאַציע פון דעם געדאַנק, אַז קונסט דאַרף נישט אויסזאָגן אַלץ, נייערט אויך לאָזן עפּעס פאַר דער פאַנטאַזיע. אין אַזאַ פאַל באַגרייפט ער נישט, אַז „לאָזן עפּעס פאַר דער אימאַגינאַציע" מיינט בשום אופן — בכיוון נישט צו פאַרענדיקן, אָדער פאַרשטעלן.

דאָס פאַרענדיקטע, דאָס פאַרטיקע אין דער קונסט, ווי אין לעבן, גיט געננוג, נישט בלויז פאַר אונדזערע באַוווסטע פינף חושים, נאָר אויך פאַרן פאַרבאָרגענעם זעקסטן חוש און פאַר אונדזער כוח־הדמיון. יעדער מענטש, וואָס קאָן זען אַ ביסל טיפער פון דער אויבערפלאַך, דערזעט אין דעם מינדסטן בלימל, שמעטערלינגל און וואָלקנדל מער ווי די ליניעס און פאַרבן, וואָס דאָס אויג כאַפּט אויף.

*

מיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן דער פרוי אָן פּנים האָט היפּשלעך דענערווירט די צוויי דאַמען און איינע פון זיי האָט מיר געזאָגט אין פּנים אַריין, אַז איך ווייס, אַפּנים, זייער ווייניק וועגן מאָדערנער קונסט.

די אינטעליגענטע יונגע דאַמע האָט דאָ גענוצט צוויי ווערטער, וועלכע זי און אַ סך אַנדערע וואַרפן אַרויס, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך געהעריק אין זייער מיין.

וואָס הייסט „מאָדערן?" לויט דידאַזיקע לייט קען אויסקומען, אַז בלויז מיר, די מענטשן פון דער היינטיקער צייט, האָבן דאָס גליק צו זיין מאָדערן... זיי פאַרגעסן, אַז יעדע צייט איז מאָדערן — אין איר צייט...

און קונסט? די אייגענע מעשה: וועלכע קונסט, ליבע דאַמע? דער שרייבער פון דידאַזיקע שורות האַלט זיך פאַר אַ פול־באַרעכטיקטן מיטגליד פון דעם קינסטלערישן „צעך", כאָטש ער מאָלט נישט מיט קיין פענדזל, נאָר מיט אַ פען... און נאָך עפּעס:

ס'איז נישט וויכטיק — ווען ס'קומט צום אָפּשאַצן און געניסן קונסט — צי אַ שאַפונג איז היינטצייטיק, אָדער קלאַסיש; צי זי געהער צו אַזאַ שולע, אָדער צו אַן אַנדער שולע און צי זי ווערט אָנגערופן מיט אַזאַ נאָמען, אָדער מיט אַן אַנדער נאָמען.

דאָס קומט שפּעטער. אָבער דער ערשטער עיקר איז, צי עס איז קונסט, צי דער, וואָס האָט געשאַפן דאָס ווערק, האָט טאַלאַנט, אָדער נישט.

יענע, וואָס שרעקן כסדר מיט „שולע", פאַררייִדן פשוט די ציין. עס זענען דאָ פאַרשיידענע מינים עפּל. ווען מען איז אונדז מכבד מיט אַן עפּל, פרעגן מיר נישט נאָך אויף זיין מין. דער עיקר איז, צי דער עפּל לאָזט זיך עסן, צי ער איז צייטיק און געשמאַק.

*

איך האָב שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט וועגן אַ באַקאַנטן מאָלער, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק געמאָלן מיין פּאָרטרעט. די גאַנצע צייט פון מיין פּאָזירן האָט ער מיר נישט דערלויבט קיין קוק צו טון אויף זיין אַרבעט, איידער זי איז פאַרענדיקט. אָבער ווען איך האָב געזען דאָס פאַרענדיקטע ווערק, האָט פון דער לייוונט געקוקט אויף מיר אַ פרעמדער פאַרשוין. דער מאָלער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס בין איך, הגם ס'האָט אַזוי אויסגעזען ווי איך, ווי איך זע אויס ווי גאַנדהי.

דער מאָלער האָט אין פולן ערנסט באַטאָנט, אַז אָט־דער פרעמדער פאַרשוין איז מיין אינערלעכער איך, מיין פּערזענלעכקייט, מיין נשמה.

נו, ס'איז פאַר אַ מאָלער לייכט צו מאָלן די נשמה, וואָס קיינער האָט זי נאָך נישט געזען, ווי ס'איז פאַר אַן אַקטיאָר לייכט צו שפּילן אַ שיכור און אַ משוגע־

נעם, וואָס אַלץ, וואָס זיי טוען און זאָגן, איז אין אָרדענונג — ווייל ס׳איז אויסער אָרדענונג, אויסער געזעצמעסיקייט.

די אמתע קונסט מאַניפעסטירט זיך דווקא אין שאַפן אידענטיטעט און נאָרמאַליטעט, וואָס דורך זיי קומען צום אויסדרוק אונדזערע פאַרבאָרגענע עמאָציעס, אונדזער פרייד און טרויער און בענקשאַפט, און אויך אונדזערע אַבנאָרמאַלקייטן — בקיצור: די נשמה פון מענטשן און זאַכן.

דורך די דריי דימענזיעס, צו וועלכע מיר זענען צוגעבונדן, ווי פּראַמעטעאוס צום פעלדז, מאַכט די אמתע קונסט אונדז דערזען און דערפילן די וועלט פון דער פערטער דימענזיע — אויב דער קינסטלער באַזיצט — און יעדער וואָרער קינסטלער באַזיצט — אַ זעקסטן חוש.

*

ווען מען האָט געפרעגט לעוו טאָלסטאָיען אַ מיינונג וועגן לעאָניד אַנדרעיעווס שרייבן, האָט טאָלסטאָי געענטפערט:

— זאָל ער מיר באַשרייבן אַ טיש — און איך וועל וויסן, צי ער קען שרייבן.

אפשר איז טאָלסטאָי געווען אַ ביסל צו רעאַליסטיש אין זיין קאָנצעפּציע פון קונסט. אָבער באַשרייבן אַ טיש, אַז מיר זאָלן דערפילן בחוש, אַז דאָס איז אַ טיש — דאָס איז נישט קיין קלייניקייט.

דער רעאַליסטיש־געטרייער באַשרייבער, אָדער געמאָלענער טיש, ווערט מער ווי אַ טיש — ער ווערט אַ סימבאָל, אויב עס איז אין דעם טיש דאָ קינסטלעריש־שעפערישער אָטעם.

דאָס אייגענע וועגן מאָלן, אָדער באַשרייבן אַ מענטשלעך פּנים, אַ לעבעדיק פּנים.

דאָס לעבן איז פול מיט סימבאָלן. דער אמתער קינסטלער גייט דורכן לעבן צום סימבאָל. דער הדיוט, אָדער קונסט־אימיטאַטאָר, ווייל כלומרשט גיין דורכן סימבאָל צום לעבן. ער טוט דאָס, אָדער ווייל ער האָט מורא צוצוגיין דירעקט צום לעבן, צווייפלענדיק אין זיינע קינסטלערישע פּאָטענצן, און ער קלייבט דעריבער אויס דעם לייכטערן וועג; אָדער ער וויל פשוט אָפּנאַרן — זיך אַליין און אַנדערע — מיט אַ פאַלשער סימבאָליק.

סימבאָלן אָן לעבן זענען טויטע צאַצקעס, אַלצאיינס אונטער וואָס פאַר אַ שיין־קלינגענדיקן נאָמען זיי גייען.

אָט ווי מיסטיציזם, וואָס באַזירט זיך נישט אויפן לעבן און באַצוועקט בלויז אונדז איבערצוראַשן און דערשרעקן, איז נישט מער ווי מיסטיפיקאַציע.

*

עס זענען געשריבן געוואָרן ביכער, וואָס באַצוועקן צו לערנען מענטשן ווי צו געניסן קונסט. עס זענען אויך דאָ ספּעציעלע קורסן פאַר דעם צוועק.

קען מען אויסלערנען הנאה האָבן פון קונסט איינעם, וואָס האָט נישט קיין נאַטירלעכן געשמאַק פאַר קונסט? אויב מיר זאָלן פרעגן, צי מיר קענען אַ בלינדן געבן אַ באַגריף פון פאַרבן און אַ טויבן פון קלאַנגען, וועלן מיר האָבן דעם ענטפער.

פונקט ווי מען מוז געבוירן ווערן מיט טאַלאַנט, אַזוי מוז מען געבוירן ווערן מיט געשמאַק — מיטן אונטערשייד, וואָס דאָס ערשטע איז אַ סך זעלטענער און איז די פּריווילעגיע פון אַ קליינער צאָל יחידים. דער איינגעבוירענער געשמאַק, ווי דער איינגעבוירענער טאַלאַנט, איז דער יסוד פאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דאָס איז אמת אַפילו אין וויסנשאַפטלעכע באַרופן. אויב איינער באַזיצט אַן איינגעבוירענעם וויסנשאַפטלעכן דראַנג, וועט בילדונג אים העלפן דערגרייכן צום ציל; אויב דאָס פעלט און די בילדונג פון דעם באַטרעפנדיקן יחיד איז אויסגערעכנט בלויז אויף אַ קאַריערע, וועט ער ווערן אַ געבילדעטער אַמאַטאָר, צי אַפילו אַ געבילדעטער שוטה.

וויפל פילאָסאָפן זענען דאָ צווישן די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דיפּלאָמען פון פילאָסאָפישע פאַקולטעטן? זייער־זייער ווייניק. זיי האָבן אינפאָרמאַציע וועגן פילאָסאָפיע, אָבער קיין פילאָסאָפיש־דענקענדיקע מענטשן זענען זיי נישט.

דער פילאָסאָף פון באַרוף דאַרף נישט קיין דיפּלאָם; דעם „פילאָסאָף", וואָס איז בלויז אויסן אַ דאָקטער־טיטול, העלפט נישט קיין דיפּלאָם.

מיר וועלן אפשר קיינמאָל נישט לייזן די מיסטעריע פון טאַלאַנט, פון באַרוף און פון די פאַרשיידענע מדרגות פון טאַלאַנט — פאַרוואָס דער „רעזולטאַט", וואָס עס קריגט אַרויס פון דערזעלביקער פידל אַ דריט־קלאַסיקער, אַ צווייט־קלאַסיקער און אַן ערשט־קלאַסיקער וויאָלאַניסט, ווי אַ חפץ, אַ מנוחין, אָדער אַן עלמאַן, איז אַזאַ אַנדערשדיקער, אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקער.

מיר וועלן אפשר אויך קיינמאָל נישט דערגרייכן דעם סוד פון איינגעבוירענעם געשמאַק און פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געשמאַקן.

צום גליק איז דער קרייז פון מענטשן מיט געשמאַק, פון קונסט־געניסער, אַ גאַנץ ברייטער, אַ היפּשער — אַנדערש וואָלטן די זיבן קונסטן געלעבט אין אַ וואַקום.

דער וואָרער קינסטלער שאַפט טאַקע קודם־כל פאַר זיך. ער שאַפט, ווייל ער מוז שאַפן. אָבער ווען זיין ווערק איז פאַרטיק, מוז ער האָבן געניסער, באַ־

ווונדערער, אַפּשאַצער; אויגן און אויערן, וואָס נעמען אויף די קלאַנגען און פֿאַרבן, און געמיטער, וואָס רעאַגירן.

און דער קונסט־געניסער מוז, אײן זײן צוגאַנג צו קונסט, קודם־כּל אײן זינען האָבן די קונסט גופא, נישט שולעס, סטעמפּלען און פּלאַמבעס.

*

פונקט ווי עס זענען דאָ פֿאַלשע נביאים, פֿאַלשע היילער און פֿאַלשע געלט־מינצער, אַזוי זענען דאָ פֿאַלשע קינסטלער. צווישן זיי זענען דאָ, ווי אין דער קונסט און אין יעדן אַנדערן פֿאַך, אַלערליי מדרגות פֿון בעסער און ערגער, ביז גאָר גוט און גאָר שלעכט. די גאָר שלעכטע אימיטאַציעס פֿון קונסט קען דער־קענען אַפילו איינער מיט אַ שוואַכן חוש פֿאַר קונסט. בלויז אַ זייער גוטער מבין וועט דערקענען אַ זייער גוטע, געראָטענע קונסט־אימיטאַציע.

אָבער אַפילו דער לעצטער ווערט אָפּט אָפּגענאַרט דורך אַ געשיקטער קונסט־אימיטאַציע — דערביי מוז מען מודה זיין, אַז אַ געראָטענע קונסט־אימי־טאַציע איז אַליין כּמעט־קונסט, אָן אייגנאַרטיקע קונסט פֿון אימיטירן קונסט...

דאָס ברענגט אויפֿן זכרון דעם אַנעקדאָט וועגן יענער אונטערהאַלטערין, וואָס האָט געקענט אימיטירן אַלערליי אַרטיסטן, אַקטריסעס און באַקאַנטע גע־זעלשאַפֿטלעכע פיגורן — זייערע שטימען, סטיל, זשעסטיקולאַציע. פּלוצלינג האָט זי זיך צעזונגען און אַלע זענען איבערראַשט געוואָרן פֿון איר שטימע. ווען מען האָט געלויבט איר זינגען, האָט זי געענטפֿערט:

— אָ, איך אַליין האָב קיין שטימע נישט. דאָס האָב איך אימיטירט ליִלי פּאָנס...

*

פֿאַלשע נביאים, פֿאַלשע היילער און פֿאַלשע געלטמינצער האָבן צו פֿאַר־דאַנקען זייער דערפֿאָלג דער נאַיִוויטעט און לייכטגלויביקייט פֿון גרויסן עולם.

פֿאַלשע קינסטלער קענען געדייען סיי צוליב לייכטגלויביקייט, סיי צוליב פּחדנות.

דער עולם, וואָס ווערט נתפּעל פֿון געפֿליגלטע פֿראַזן און לאָזונגען אין דער פּאָליטיק און איז אַ לייכטער קרבן פֿון אַלערליי דעמאַגאָגן, בלייבט אויך גע־פּלעפֿט, ווען מען זאָגט אים, אַז ס'איז אַ נייע שולע, ס'איז מאָדערן.

איז ער דאָך אַ מאָדערנער מענטש — ממילא דאַרף ער האַלטן פֿון אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך דעם סטעמפּל: מאָדערן.

צווישן דער קלענערער צאָל מבינים, דאָס הייסט: מענטשן, וואָס האָבן אַ חוש פֿאַר קונסט, זענען דאָ זייער ווייניק אַזעלכע (אויף די פֿינגער פֿון איין

הַאנט איבערצוציילן), וואָס האָבן דעם קוראַזש צו זאָגן, אַז דער קיניג איז נאַקעט, אַז די קונסט איז קיין קונסט נישט — איבערהויפּט, ווען עס האַנדלט זיך מכּוח אַ גוט־רעקלאַמירטער קינסטלערישער פירמע.

זיי אַפּלאָדירן מיט אַלע כּוחות און שרייען ביז הייזעריק ווערן ביי אַ מוזיקאַלישן קאָנצערט; אָדער זינגען לויב־געזאַנגען אַ פּאָעט, צי אַ מאָלער. כאָטש אינערלעך זענען זיי קאַלט, אומבאַפּרידיקט — אָבער זיי טוען אַזוי, ווייל אַזוי טוען אַלע אַנדערע.

מען דאַרף דאָך ריזיקירן אויסצוזען חוצפּהדיק, סנאָביש, אָדער גראָב־יונגיש. אויב מען זאָל זיך אַרויסטיילן פון כאָר און אַ געשריי טון, אַז — עס טויג נישט.

זיי זענען נישט קיין ליגנערס, דידאַזיקע לייט, נאָר — פּחדנים. און פּחדנות פירט שטענדיק צו ליגן.

אויף אַזעלכע ליגנס — קאָנווענציאָנעלע ליגנס, — שטייט, אייגנטלעך, אונדזער גאַנצע געזעלשאַפט, אויף דער לייכטגלויביקייט פון דער מאַיאָריטעט און אויף דער פּחדנות צו זיין אַ מינאָריטעט, צו זיין אַנדערש, צו באַשטיין אויפן אמת, אין וועלכן מען גלויבט.

קונסט און לעבן נערן זיך פון איין קוואַל. צו לעבן מיטן אמת איז אַ קונסט, אפשר די העכסטע קונסט. צו שאַפן אמתע קונסט, מיינט צוצוגעבן אינהאַלט צום לעבן און לעבן צו דער קונסט.

דעם קינסטלערס דראַנג שפּראַצט אַרויס פון דעם געטלעכן דראַנג אין אוניווערס — צו שאַפונג, צו איבערשאַפונג פון דאָס געשאַפענע.

*

אין חומש לערנען מיר, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט — אין זיין פאָרשטעלונג.

און דער מענטש, ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן צו אָריענטירן אין דער וועלט, האָט באַשאַפן גאָט און וועלט אין זיין פאָרשטעלונג.

די וועלט איז דעם מענטשנס אילוזיע. דאָס לעבן, ווי מיר געפינען עס, איז אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן פון דעם בן־אָדם. דאָס לעבן — אין זיין בהדרגה־דיקער פאָרמירונג און אַנטוויקלונג, איז, הייסט עס, אַ פּראָדוקט פון גאָט און מענטש.

אָבער דאָס געשאַפענע ווערק קען נישט זיין העכער און וויכטיקער פון זיין מייסטער. די קונסט, וואָס קען נישט זיין, ווי פריִער געזאָגט, מחוץ דעם לעבן, קען אויך נישט און טאָר נישט זיין איבערן לעבן.

לײדער זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זײ האָבן זיך אַזוי פֿאַרכלינעט און פֿאַרשיכורט מיט דער קונסט, אַז זײ שטעלן די קונסט העכער פֿון לעבן, פֿון דעם לעבעדיקן מענטש. דער קינסטלער מעג, לויט זײערע באַגריפֿן, אָפּטון די מיאוסטע מעשים אין קינסטלערישע פֿאָרמען — און אַבי ס'איז קונסט, מוזן מיר אונ־טערטעניק בײגן אונדזערע קעפּ מיט יראת־הכבוד.

אָננעמען, אַז די קונסט איז אַלץ מכפּר, מײנט איבערטראָגן דעם יעזואיטישן כּלל, אַז דער צוועק הײליקט די מיטלען — אין דער קונסט אַרײַן.

ווי עס איז דאָ אין לעבן קדושה און טומאה, אַזוי איז עס אויך אין דער קונסט. אויב דאָס לעבן איז נישט מכפּר אויף טומאה, אָדער רשעות בלויז דער־פֿאַר, וואָס עס איז לעבן, אַזוי קען אַוודאי און אַוודאי די קונסט נישט מכפּר זײַן אויף אומרײנקײט און געמײנהײט בלויז דערפֿאַר, וואָס עס איז קונסט.

קײן ערלעכער און עטישער מענטש וועט אונדז נישט זאָגן, אַז מיר זאָלן שלום מאַכן מיט דאָס מיאוסע און אַכזריותדיקע אין לעבן, ווער רעדט שוין פֿון פֿאַלן כּורעים דערפֿאַר. אָבער גאַנץ פֿײַנע און גוט־מײנענדיקע לײַט טענהן אַרײַן אין אונדז, אַז מיר דאַרפֿן אָננעמען קינסטלערישע ווערק, וואָס באַלײדיקן אונ־דזערע עטישע, מענטשלעכע, אָדער נאַציאָנאַלע געפֿילן.

אַזאַ קונסט־שיכּרות איז די מיאוסטע עבֿודה־זרה, אַ געצנדינסט פֿון ערגסטן סאָרט — אַ מין מולך, וואָס פֿאַרצערט דאָס לעבן.

זאָל לעבן די קונסט, וואָס דערהויבט דאָס לעבן, וואָס דערהויבט דעם מענטש! נידער מיט דער קונסט, וואָס דערנידעריקט און באַלײדיקט אונדז, וואָס טוט אונדז וויי!

*

ווען עס איז פֿריִער דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז די אמתע קונסט מאַניפֿעסטירט זיך דווקא אין שאַפֿן אידענטיטעט און נאָרמאַליטעט, איז דערמיט בשום אופֿן נישט געמײנט געוואָרן אַ קנעכטישע צוגעבונדנקײט צו רעאַליזם און נאַטוראַ־ליזם, ווי די אײנציק־באַרעכטיקטע אויסדרוקן פֿון דער קונסט. עס מײנט נישט דווקא קאָפּירן דאָס לעבן ווי עס איז. עס אונטערשטרײַכט נאָר, אַז בלויז דאָס אָפּנײגן פֿון לעבן, פֿון דעם לעבן ווי מיר נעמען עס אויף מיט אונדזערע פֿינף חושים, טאָר נישט באַטראַכט ווערן פֿאַר אַזאַ מעלה, וואָס איז מכפּר אויף אַלע חסרונות; אַזאַ מעלה, וואָס דאָס אַלײן — דאָס אַוועקגײן פֿון רעאַליזם — שאַפֿט שוין שולע.

איך האָב עס, אײגנטלעך, שוין פֿריִער קלאָר געמאַכט מיט דער אַקצענטירונג, אַז דער סאַמע עיקר פֿון אַלע קינסטלערישע עיקרים איז — נישט די שולע,

אָדער ריכטונג, נאָר די מאַניפעסטאַציע פון קונסט, די אַנטפּלעקונג פון טאַלאַנט. אָבער עס שאַדט נישט נאָכאַמאָל דאָס צו דערמאָנען.

דער עכטער קינסטלער איז אַ מיטשאַפער און איבערשאַפער פון לעבן, אַ שותף צו די מעשי־בראשית. אין די גרענעצן פון קינסטלערישן שאַפן דאַרף ער האָבן אַלע פרייהייטן פון באַוועגונג און איניציאַטיוו, אָבער געוויסע גרענעצן, ווי ברייט זיי זאָלן נישט זיין — מוזן זיין. מיר קענען זיך נישט העלפן. דער מענטש לעבט אין די גרענעצן פון צייט און רוים, ווי מיר באַגרייפן און פילן זיי. דאָ, וווּ קיין גרענעצן זענען נישטאָ, באַשאַפן מיר זיי קינסטלעך — כדי נישט פאַרלוירן צו ווערן — ווי שעהן, טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן...

פאַרווישט דער קינסטלער אַלע גרענעצן, זאָגט זיך אָפּ זיי צו אָנערקענען, מוז דער רעזולטאַט זיין אַנאַרכיע, כאָאָס, ווי דאָס געשעט אין לעבן, ווען פרייהייט ווערט פאַלש אינטערפּרעטירט און פירט צו הפקר. אויב אין קונסט, אָדער דאָס, וואָס דער און יענער פאַרשטייט אונטערן באַגריף קונסט, זאָל זיין אַלץ דער־לויבט, הערט אויף יעדע קריטעריע און מיר קענען בכלל מער נישט שאַצן — און שעצן — קיין קינסטלערישע ווערטן.

*

העלען העיס, די באַוווּסטע אַקטריסע, האָט אַמאָל דערציילט (אַלס גאַסט־קאָלומניסט אין דער „ניו־יאָרק פּאָסט"), אַז איינמאָל, ווען זי איז נישט זיכער געווען ווי זיך צו באַנעמען אויף דער בינע אין אַ געוויסער סיטואַציע, האָט זי זיך דערמאָנט ווי איר מוטער, אָדער איר באָבע, האָט געהאַנדלט אין אַן ענלעכער סיטואַציע — און זי האָט געגנוי קאָפּירט.

דער מוסר־השכל פון אירע רייד דאַרף זיין, אַז דער שוישפּילער מוז גענוי קאָפּירן דאָס לעבן. מיט דעם גאַנצן רעספּעקט צו מיס העיס, מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז איר קאָנצעפּציע איז דורכאויס פאַלש — פאַלש, מחמת עכטע קונסט צי דאָס איז שוישפּיל, אָדער וועלכע אַנדערע קונסט, קען נישט פונקציאָנירן אויף אַזאַ מעכאַנישן אופן, פון בלינד נאָכטון, נאָכקאָפּירן; און ווייל דער מענטש, ווין לעבן, זיינע האַנדלונגען און רעאַקציעס זענען נישט רעגימענטירט, אָדער מעכאַניזירט ווי אַ ליאַלקע מיט ספּרוזשינעס, וואָס מאַכט אַלעמאָל די זעלביקע שטיק, ווען נאָר איר דרייט זי אָן.

דער פאַקט, וואָס איר מאַמע, אָדער באָבע, האָט אַזוי רעאַגירט אויף אַ געוויסער סיטואַציע, מיינט נישט, אַז אַלע פרויען רעאַגירן פונקט אַזוי אין ענלעכע סיטואַציעס; עס מיינט אַפילו נישט, אַז איר מאַמע, אָדער באָבע וואָלט

געווי אַזוי געהאַנדלט אַ טאָג פריִער, אָדער אַ טאָג שפּעטער, צי אפילו אַ שעה פריִער, אָדער שפּעטער.

דער גאָט־געבענטשטער קינסטלער ווייס אינטויִטיוו ווי צו „האַנדלען" אין אַ געגעבענער סיטואַציע. אויב ער הערט אויף זיך צו פאַרלאָזן אויף זיין אינ־טויִציע, וועט דאָ געשען דאָסזעלביקע, וואָס מיט יעדן חוש, אָדער אבר, וואָס מען באַנוצט נישט — אַטראָפּירונג.

*

גערטרוד שטיין האָט זיך אַמאָל אָפנהאַרציק מודה געווען, אַז מיט אירע טשיקאַווע, קוריאָזע און „משוגענע" שרייבערייען, איז זי לכתחילה אויסן געווען אַ שפּיצל, אַ הלצה, אויסגערעכנט אויף זען אויף ווי ווייט דער עולם לאָזט זיך אָפּנאַרן.

האָט מען טאַקע געלאַכט, חוזק געמאַכט, אָבער — מען האָט גערעדט דערפון. זי איז באַרימט געוואָרן — דורך דעם חוזק אויף איר חשבון. דאָס האָט איר פאַרשמעקט. ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו איר. און ביסלעכווייז איז דער סאָרט שרייבעריי געוואָרן איר צווייטע נאַטור.

מיט דער צייט האָבן קריטיקער מודה געווען, אַז עפּעס איז דאָ אין איר, אין דער גערטרוד שטיין...

און עפּעס איז טאַקע געווען אין איר. זי האָט אויך געקענט שרייבן „נאָרמאַל", ווי דאָס האָט באַוויזן איר אויטאָביאָגראַפיע. אַ באַגאַבטן מענטש דערשפּירט מען — אַפילו, ווען ער מאַכט זיך משוגע.

גערטרוד שטיין האָט, אָפּנים, געהערט צו יענע קינסטלערישע נאַטורן, וואָס דאָס איינגעשטעלטע, דאָס פונדאַמענטאַלע און נאָרמאַלע — דער רוטין פון לעבן און שאַפן — ווערט זיי נמאס. עס ציט זיי צו זיין אַנדערש — און די אַנדערש־דיקייט דערפירט אָפט צו פּערווערזיע, ווי דאָס איז דער פאַל אין אַנדערע פונק־ציעס פון אונדזער לעבן — דער עיקר אין סעקס.

*

ווען דער מענטש האָט געקריצט זיינע געדאַנקען, אידייען און וויזיעס אין שטיין, האָט ער געמוזט זיין פּרעציז, צמצומדיק, קאָנדענסירט.

אַזוי איז עס אויך געווען שפּעטער, ווען ער האָט געשריבן אויף פּאַרמעט און געדאַרפט מאַכן קאָפּיעס — אַ פּאַמעלעכדיקער און שווערער פּראָצעס, וואָס האָט געפאָדערט אַ סך געדולד.

דערפאַר האָבן בלויז די באַרופענע, די, וואָס גאָטס וואָרט און וויזיע האָט געגליט אין זייערע נשמות, זיך גענומען צום שאַפן.

און דערפאַר זענען זייערע ווערק אייביק, ווי עס זענען די ביבל, די באַהאַגאַוואַט־גיטאַ, דאָס בוך פון פּמאַך האָטעפּ, די זענד־אַוועסטאַ, שי־קינג און טאַאָ און די פילאָסאָפישע און דראַמאַטישע ווערק פון פּאַרצייטישן גריכנלאַנד.

וואָס שנעלער ס׳איז געוואָרן דער פּראָצעס פון שרייבן — און דערנאָך פון דרוקן — אַלץ מער ווערק זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן ביכער־מאַרק — אַלץ פלאַכער איז דאָס וואָרט געוואָרן.

וויפל ווערק פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן אונדז פּאַרפּלייצט אין משך פון היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן אַן אייביקן ווערט? וויפל פון זיי וועלן לעבן אַזוי לאַנג ווי די ווערק, וואָס זענען געקריצט געוואָרן אין שטיין, אויף לייוונטן, טאָוולען און אויף פּאַרמעט?

*

די יונגעלייט און מיידלעך, וואָס שרייבן נאָוועלן, אָדער שמירן אויף לייוונטן, נישט אויס אינערלעכן שעפערישן דראַנג — זיי ווערן אויך געטריבן פון אַ דראַנג, אַ דראַנג צו זיין קינסטלער, הגם זיי זענען דאָס נישט; אַ דראַנג זיך אַרויסצוזען פון די מילי־מיליאָסן, וואָס צייכענען זיך מיט גאָרנישט אויס וואָס זייער לעבן איז אַ גראָער טאָג־טעגלעכער רוטין.

זיי וויסן, דידאָזיקע יונגעלייט און מיידלעך, אַז זיי וועלן נישט אַריינגיין אין דער אייביקייט. זיי וועלן אַפילו נישט אַריינקריצן זיך אין לויפנדיקן טאָג, אָבער צווישן קרובים, פריינט און באַקאַנטע וועט מען וויסן פון זיי, ריידן פון זיי, דערמאָנען זיי: ער (אָדער זי) האָט אָנגעשריבן אַ בוך, געמאָלן אַ בילד!

אַ סך פון זיי זענען אויסן מאַטעריעלן דערפאָלג, קוקנדיק אויף שרייבן און מאָלן פון אַ ריין־מעכאַניסטישן — און מאַטעריאַליסטישן — שטאַנדפּונקט, ווי אויף אַ פאַך, אַ מלאכה, אַ פּראָפעסיע. טייל פון זיי דערגרייכן טאַקע דערפאָלג — דורך רעקלאַמע, „פּובליסיטי״, אָדער — אין פאַל פון שרייבן — דורך אָנרייסן ביים עולם מיט נאַרישן שונד.

מען דאַרף האָבן איינזעעניש מיט אָט־אַזעלכע, נישט לאַכן פון זיי, נאָר רחמנות האָבן אויף זיי און זיי פאַרשטיין...

אין וואָס איך גלויב

אין וואָס גלויב איך?

אַמאָל איז דעם גלויביקן אַזוי לייכט געווען צו זאָגן אין וואָס ער גלויבט ווי דעם סקעפּטיקער — אין וואָס ער גלויבט נישט...

אָבער אין אונדזער אַטאָמישער — און סדומישער — עפּאָכע זענען די באַגריפן „גלויבן" און „אומגלויבן" צעשוווּמען געוואָרן. ווען דו ביסט גרייט צו ענטפערן אויף דער פראַגע „אין וואָס דו גלויבסט", מישן זיך אַריין די אַלע „זאַכן", אין וועלכע דו גלויבסט נישט; און ווען דו ווילסט אויסרעכענען איז וואָס דו גלויבסט נישט, מישן זיך אַריין די „זאַכן", אין וועלכע דו גלויבסט יאָ.

און קענסטו דען פולשטענדיק גלויבן, אַז דאָס, וואָס דו גלויבסט יאָ, איז טאַקע גלויבלעך און אַז דאָס, וואָס דו גלויבסט נישט, איז טאַקע אומגלויבלעך?

די גרענעצן צווישן „יאָ" און „ניין" זענען אָפּגעווישט געוואָרן דורך דעם צעשפּאָלטענעם אַטאָם און דורך דעם מענטשנס אוממענטשלעכע מעשים.

„יאָ" און „ניין", דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע, באַוועגן זיך ביידע אין דער ספערע פון אומזיכערקייט.

דאָס, וואָס האָט דיר נישט לאַנג צוריק אויסגעזען אוממעגלעך, איז פאַר דיינע אויגן מעגלעך געוואָרן; און דאָס, וואָס עס האָט אויסגעזען מעגלעך, איז אוממעגלעך געוואָרן.

דאָס שפּאַלטן דעם אַטאָם האָט אויסגעזען אוממעגלעך. ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען אַנומלט — אַט־ערשט — געווען אַ שיינע פאַנטאַזיע פון אַן עדוואַרד בעלאַמי.

אַ רייזע אַרום דער וועלט אין אַכציק טעג איז געווען אַ פאַנטאַזיע אין זשול ווערנס ראָמאַנען — פאַר יונגוואַרג.

אַז דער מענטש, וואָס איז לויט אַלע קלוגע אויסרעכענונגען און איבער־צייגונגען, געגאַנגען אַלץ העכער און העכער אויף דעם לייטער פון מענטשלעכ־קייט, פון פּראָגרעס, זאָל צוריק ווערן אַ חיה — דאָס איז געווען אַזאַ אוממעג־לעכקייט, אַז קיינער האָט אַפילו נישט געטראַכט דערפון.

אָבער די — און אַ סך אַנדערע — אוממעגלעכקייטן זענען געוואָרן טאָג־טעגלעכע רעאַליטעט.

דער אַטאָם איז געשפּאָלטן געוואָרן. ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען אַזוי נאַטירלעך ווי אַ שוועבעלע. אַ רייזע אַרום דער וועלט נעמט געציילטע טעג, באַלד שעהן...

דער מענטש איז נישט נאָר צוריק אַ חיה געוואָרן, נאָר אין זיין גאַנצער געשיכטע איז ער קיינמאָל נישט געווען אַזאַ בלוט־דורשטיקע בעסטיע, ווי אין דער סטאַלין־היטלער־תקופה.

אין דער אייגענער צייט זענען אידייען, וואָס האָבן אונדז אויסגעזען אַזוי מעגלעך און נאָענט, אַריין אין דער ספערע פון אוממעגלעכקייטן.

די אידייע פון פרייהייט, פון שלום, פון אַלמענטשלעכער גאולה, פון פעלקער־פאַרברידערונג — קענסטו נאָך גלויבן דערין? און אויב דיין ענטפער איז אַ פּאָזיטיווער — מיינסטו עס טאַקע מיטן גאַנצן האַרץ, אָדער עס איז בלויז אַזאַ נאַרקאָטיק, זיך אַליין צו פאַרוויגן אין שלאָף און חלום?

*

אונדזער ערדישע וועלט איז קלענער געוואָרן. קלענער — צוליב דער אומגעהייערער שנעלקייט פון טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע. אין וויניק שעהן גרייכסטו דאָרט, וווהין ס'האָט אַמאָל גענומען וואָכן, חדשים.

אָבער דער אוניווערס איז גרעסער געוואָרן — אומגעהייער גרעסער. די וועלט פון חומש, ווו די ערד איז דער צענטער פון באַשאַף, באַשפּרינקלט מיט עטלעכע שטערן, זון און לבנה, פאַר דעם מענטשנס באַקוועמלעכקייט וועגן — איז, אין פאַרגלייך מיטן אוניווערס, וואָס די אַסטראָ־פיזיקאַלישע וויסנשאַפט האָט פאַר אונדז אויפגעוויקלט — ווי אַ טראָפּן וואַסער פון אַ שפּריצערל קעגן דעם ים הגדול, אויב נישט נאָך קלענער.

און דער אוניווערס פון נישט מער ווי אַ צענדליק יאָר צוריק איז נישט קיין סך גרעסער אין פאַרגלייך צום אוניווערס, וואָס דער 200־צאָליקער טעלעס־קאָפּ אויפן פּאַלאָמאַר־באַרג אין קאַליפאָרניע האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט.

אוניווערס? ניין, אַ קליין ווינקעלע פון אוניווערס האָט דער דאָזיקער גרעס־טער טעלעסקאָפּ פאַר אונדז אַ ווייז געטון. די אמתע גרויס פון דעם אוניווערס

קען זיך דער מענטשלעכער געדאַנק אַפילו נישט משער זיין. דאָס וואָרט „גרויס" האָט דאָ אַ פּנים פון חוזק, אָבער מיר קענען זיך נישט העלפן. מיר מוזן אָפּערירן — און מאַניפּולירן — מיט וואָרט־באַגריפן אַפילו דאָרט, ווו דער מאַטעמאַטישער פאָרמול ווערט בטול ומבוטל.

*

דער אוניווערס איז, אין אונדזער צייט, אַזוי אומגעהייער גרעסער געוואָרן. דער מענטש איז, אין אונדזער צייט, אַזוי פיל קלענער געוואָרן.

און גאָט? גאָט איז גרעסער געוואָרן. וואָס גרעסער דער אוניווערס, וואָס וווּנדערלעכער דער באַשאַף — אַלץ גרעסער און וווּנדערלעכער איז דער באַשעפער.

דער גאָט פון חומש וואָס האָט הימל און ערד באַשאַפן און פון אדמן אַ ריפּ אויסגעשניטן — איז אַזוי קליין אין פאַרגלייך צו דעם בורא, וואָס האָט באַשאַפן דעם אוניווערס מיט די מילי־מיליאָנען גאלאקסן און נעבולאס, וואָס זייער צאָל און זייער פאַרנעם און זייער „ווי־אַזוי" און זייער „צוליב וואָס" דער מענטשלע־כער מוח וועט קיינמאָל נישט משיג זיין.

אָבער דעם גאָט פון חומש האָבן מיר געקענט — און ער האָט אונדז גע־קענט... מיר זענען געווען נאָענט צו אים. ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו משהן אין ברענענדיקן דאָרנבוש. ער האָט צו נסיון געשטעלט איובן. און איוב האָט זיך אויסגעטענהט מיט אים, געפרעגט, פּראָטעסטירט.

לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אים גוטברודעריש אַ „גוט מאָרגן" געזאָגט און אים צו אַ דין־תורה גערופן.

דעם גאָט פון איינשטייניש אוניווערס קענען מיר נישט. קען ער אונדז? ווען אָט־דער גאָט וואָלט זיך אַנטפּלעקט צו אַ היינטיקן משה אין אַזוי פיל מיליאַרדן און טריליאָנען גאַלאַקסן און נעבולאָס, וואָס יעדע פון זיי איז אָנגעשטאָפּט מיט מיליאַרדן און טריליאָנען זונען און פּלאַנעטן — וואָלט משה נישט געוווּסט וווהין זיינע אויגן צו ווענדן, אין וועלכער זייט זיין קול צו שיקן...

דער היינטיקער איוב האָט נישט, אין זיין אומגליק, צו וועמען צו טענהן, ביי וועמען צו פרעגן, צו פאָדערן גערעכטיקייט. איין קוק דורכן פּאַלאָמאַר־טע־לעסקאָפּ — און ער בלייבט געפּלעפט, פאַרלוירן, שטום...

*

וואָס דער ביבלישער גאָט האָט אַלץ געטון פאַר דעם קליינעם הייפעלע בני־ישראל אין מצרים! צען מכות. דעם ים געשפּאָלטן. עמוד הענן, עמוד האש.

אָבער זעקס מיליאָן ייִדן — צווישן זיי די פרומסטע פון די פרומסטע; צווישן זיי מיליאָנען קליינע קינדער — האָט ער געלאָזט אויסשעכטן.

גסיסה־געשרייען און תפילות פון אַזוי פיל מיליאָנען ייִדישע מאַנסבילן און ווייבער; קרעכצן פון די אוממענטשלעכסטע יסורים, פון קאַלכאויוונס אַרויס — קאַלכאויוונס פון אַ רשע, וואָס אַנטקעגן אים איז פרעה מלך מצרים ממש אַ צדיק געווען — און קיין איין נס איז נישט געשען!

הפקר ייִדיש לעבן. הפקר דאָס אויסדערווײילטע פאָלק. הפקר די וועלט.

„די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן". די הימלען האָבן בעקוקט און געשוויגן.

*

דער גאָט פון דעם וויסנשאַפטלעכן אוניווערס — דער אוניווערס, וואָס בלויז אַ קלײנינקער טייל זיינער אַנטפּלעקט זיך צו אונדז דורך דעם פּאַלאָמאַר־טעלעס־קאָפּ — ער איז, ווייזט אויס, גלייכגילטיק צו אונדזער מענטשלעכן גורל.

אין דעם אומגעהייערן אוניווערס ווערן מיר פאַרלוירן. פאַר אונדז האָט זיך דער קאָנטאַקט מיטן באַשאַפער אָפּגעהאַקט — און מיר וויסן נישט ווי אַזוי, דורך וואָס און מיט וואָס זיך מיט אים צו באַהעפטן. מיר זענען הילפלאָז, עלנט, אַליין. אונדזער פאַרצווייפלטע פראַגע: „מאין יבוא עזרי?" בלייבט אָן ענטפער.

דער גלויביק־פרומער, וואָס פאַלט אויפן פּנים פאַרן רבונו־של־עולם און פּרעפּלט זיינע תפילות, קוקט אונדז איצט אויס טראַגי־קאָמיש, ווי אַ געצנדינער. אָבער אין האַרץ זענען מיר אים מקנא, ס'איז גוט צו גלויבן — אַפילו ווען דער גלויבן איז דער זעלבסט־היפּנאָז פון איינעם, וואָס האָט מורא נישט צו גלויבן צו פאַרלירן זיין קאָנטאַקט מיט אויבן.

מיר זענען אים מקנא — אָבער קענען מיר זיך צווינגען צו זיין, ווי ער?

*

שווער צו לעבן אויף דער וועלט מיט אַן אַבסטראַקטן, אָדער „פילאָסאָפישן" גאָט, וואָס נישט ער איז מיט עפּעס מחוייב צו דיר און נישט דו ביסט מיט עפּעס מחוייב צו אים.

*

שווער צו לעבן אויף דער וועלט מיט אַן אַבסטראַקטער אידייע צווישן דער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט מענטשן, וואָס פאַר זיי, אַפילו פאַר דעם רוב פון דער אינטעליגענץ, איז אַבסטראַקט — אַ וואָרט פון ווערטער־בוך.

אַפילו די, וואָס באַנוצן אין זייער אומגאַנגס־לשון אַ סך אַבסטראַקטע באַ־גריפן, קענען זיי אָבער נישט תופס זיין דעם תוך פון אַבסטראַקט. וואָס הייסט — אַן אַבסטראַקטער גאָט, אַן אַבסטראַקטע אידייע, אַן אַבסטראַקטער אידעאַל?

זיי מוזן האָבן קאָנקרעטן אינהאַלט און אַנהאַלט. דאָס איז ביי זיי רעאַליזם, פּראַקטישקייט. ווי דען אַנדערש קענען מיר לעבן? זיי ווילן נישט — אָדער קע־נען נישט — זיך אַריינלאָזן אין דער פילאָסאָפישער ספּעקולאַציע (וואָס איז, אייגנטלעך, שוין וויסנשאַפטלעכער אמת), אַז אויך קאָנקרעט איז — אַבסטראַקט, קאָנדענסירטע אַבסטראַקציע, ווי אַבסטראַקציע איז פליסיקער — אויסגעשפּריי־טער — קאָנקרעט...

זיי באַגרייפן נישט, אַז דאָס אַזוי־גערופענע קאָנקרעטע, רעאַליסטישע, פּראַק־טישע, חומרדיקע, איז — עבודה־זרה, געצנדינסט אין דער רעליגיע, אין דער פּאָליטיק, אין דער עקאָנאָמיק.

און אָט די עבודה־זרה אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן און שטרעבן האָט דערפירט די וועלט צום ראַנד פון אָפּגרונט.

דער מענטש, וואָס דענקט אין אַבסטראַקטע טערמינען, איז פולשטענדיק איינזאַם אויף אונדזער פּאַקטישער־פּראַקטישער וועלט!

*

אויב די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער אינטעליגענץ אַפילו קען נישט תופס זיין אַבסטראַקטע אידייע, אַבסטראַקטן גלויבן — אַ פּשיטא שוין דער מענטש פון אַ גאַנץ יאָר.

אויב איך בין אַ „קעגנער" פון מאַטעריאַליזם און אַטעיִזם, בין איך, הייסט עס, רעליגיעז; און אויב רעליגיעז — בין איך זיכער מקיים, אויב נישט אַלע תרי"ג מצוות, איז זיכער אַ טייל פון זיי.

ווער איך טאַקע גאַנץ אָפּט פאַרבעטן פון רעליגיעזע זשורנאַלן מיטצואַרבעטן אין זיי.

— אַ מענטש ווי איר, — זאָגט מיר אַמאָל אַ רעדאַקטאָר פון אַ פרומען זשור־נאַל, — אַ מענטש וואָס באַקעמפט יאָרנלאַנג אַטעיִזם און מאַטעריאַליזם, וואָלט גע־דאַרפט זיין אונדזער שטענדיקער מיטאַרבעטער.

און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס איך שמייכל... גיי דערצייל אים, אַז מיין גאָט איז דער קאָסמישער שכל, אַן אַבסטראַקטער גאָט, וואָס פאַרנעמט זיך נישט מיט אַזוינע זאַכן ווי נאָכשפּיאָנירן מיר — צי איך מאַך אַ ברכה איבערן עסן, צי איך טראָג אַ טלית־קטן...

*

אַפילו ר' סעדיה גאון און רמב"ם, וואָס זיי האָבן מיט גרויס חכמה און מיט אַלערליי טיפזיניקע פילאָסאָפישע פשטלעך זיך געמיט צו באַווייזן, אַז די אַלע מענטשלעכע אַטריבוטן — געשטאַלט און אייגנשאַפטן — וואָס ווערן צוגע־שריבן צו גאָט אין תנ"ך און אין די תפלות, זענען בלויז מליצות, מחמת דער באַשרענקטקייט פון דער מענטשלעכער שפּראַך און פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס צווינגט אונדז צו דענקען אין ווערטער און אין בילדער — אפילו זיי האָבן מיט זייערע אייגענע מעשים, מיט זייער עבודת הבורא, מצוות און תפלות, סותר געווען —מען קען אפילו זאָגן: מבטל געווען — זייער אייגענע פילאָסאָפישע אַרגומענ־טאַציע. דער גאַנצער רעליגיעזער ריטואַל איז אָפּגעמאָסטן פאַר אַן אַנטראָפּאָמאָר־פישן גאָט.

דער גאָט, וואָס איז „אינו גוף ולא ישיגוהו גוף" — אַ גאָט אָן קערפּערלעכע אַטריבוטן, אַ גאָט, וואָס איז אַ גייסטיקע, אַלץ־אַרומפאַסנדיקע קראַפט — און אין דעם גאָט גלויב איך באמונה שלימה! — דאַרף דאָך נישט אונדזערע מצוות, אונדזערע תפילות, אונדזער כורעים ומשתחוים פאַר אים. מיר קענען אַפילו נישט וויסן, צי דידאָזיקע קראַפט איז גוט, אָדער שלעכט — ווייל „גוטס" און „שלעכטס" זענען דאָך מענטשלעכע באַגריפן; דאָס רשעות, וואָס געשעט אויף דער וועלט, דאָס פאַרצוקעניש, די כסדרדיקע רציחה פון די שטאַרקע איבער די שוואַכע, אין דער לופט, אין די וואַסערן און אויף דער יבשה, זאָגט זיכער נישט קיין עדות אויף גוטס (און איך בין גענייגט צו גלייבן, אַז דער יסוד פון אַלץ איז שלעכטס, בייז)... מיר קענען דעריבער אויך נישט וויסן, וואָס אָט־די אַלץ־אַרומ־נעמענדיקע און אומפאַרשטיילעכע קראַפט וויל פון אונדז — אין התחייבותן, אין מעשים — און צי זי פאַרלאַנגט בכלל עפּעס פון אונדז...

עדגאַר אַלען פּאָו *)

אַרכימעדעס האָט געגלויבט, אַז ווען ער וואָלט געוווּסט ווו דער צענטראַלי־פּונקט פון דער וועלט איז, וואָלט ער געקענט די וועלט איבערקערן. כּדי איבערצוקערן, אָדער צו אַטאַקירן אַ ליטעראַרישע רעפּוטאַציע, איז נישט דווקא נייטיק אַ צענטראַלער פּונקט. ס'איז בלויז נייטיק אַ שטאַנדפּונקט. שטאַנדפּונקטן, ווי כּוונות און געשמאַקן, זענען פאַרשיידן און צאָלרייך אויף אַלע געביטן — און די זיבן קונסטן, ווי אויך די פילאָסאָפיע, זענען נישט קיין אויסנעם. באַוואָפנט מיט וועלכער ס'איז אידייע, אָדער בלויז מיט פּערזענלעכן געשמאַק, וואָס איז גראָד נישט אין הסכּם מיט דער, אָדער יענער קינסטלערישער, אָדער פילאָסאָפישער שאַפונג, קען איינער מאַכן אַן אמתן חורבן. מען קען אַפילו צוגיין צו שעפערישע פּערזענלעכקייטן פון אַ מעדיציניש־ביאָ־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, ווי דאָס האָט געטון מאַקס נאָרדוי, דער געטרייער תּלמיד פון לאָמבראָזאָ און דערקלערן די גרעסטע וואָרט־מייסטער פאַר פּשוטע משוגעים און דעגענעראַטן.

פון האָמער ביז שעקספּיר און פון שעקספּיר ביז — סינקלעיר לואיס איז קיין איין שעפערישע פּערזענלעכקייט נישט געווען באַשיצט פון דער שאַר־פער, אַנאַליטישער פען פון רעווידירער, איבערשאַצער און דעבאַנקירער. דאָס איז נאַטירלעך און מענטשלעך. אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט איז אַזאַ רשות־הרבים ווי אַ בוים אין פעלד, וואָס מוז מקבּל זיין סיי זון און טוי, סיי בייזע שטורעמס, דונערן און בליצן. מיר טאָרן בשום אופן נישט פאַרוואַנדלען שעפערישע פּער־זענלעכקייטן, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין, אין אָלימפּישע געטער, וואָס שטייען איבער קריטיק. יעדער באַרופענער קריטיקער, קולטור־היסטאָריקער און ביאָ־

---

*) די עסיי איז פריער געדרוקט געווען אין ענגליש, אין מיין בוך „אור אַנפינישד וואָירלד".

גרא̈ף הא̈ט פונקט א̈זא̈ רעכט א̈רא̈פּצורייסן, ווי צו לויבן, אויב זיין קריטיק איז דיקטירט פון א̈ביעקטיווע מא̈טיוון און בא̈רעכטיקט פון פּא̈קטישע בא̈ווייזן; אויב עס איז נישט סתם בייזוויליקייט, לשון־הרע און וויסטע אויסטרא̈כטענישן, ווי א̈ שטייגער רופוס ווילמא̈ט גריסווא̈לדס ביא̈גרא̈פיע פון עדגא̈ר א̈לען פּא̈ו.

טא̈קע מכוח פּא̈ון גייט עס דא̈. ביי קיין שום א̈נדער שעפערישער פּער־זענלעכקייט — אין די זיבן קונסטן, א̈דער אין דער פילא̈סא̈פיע — איז עס נישט געקומען צו א̈זא̈ שא̈רפער סתירה אין דער א̈פּשא̈צונג, צו א̈זא̈ פונקט קא̈פּויר אין די אויסגעדריקטע מיינונגען, ווי ביי עדגא̈ר א̈לען פּא̈ו. פון איין זייט ממש פּא̈רגעטערונג אין עקזא̈לטירטע לויב־געזא̈נגען און אין פּא̈ו־טעמפּלען (שריינס). פון דער א̈נדערער זייט אומברחמנותדיקע א̈טא̈קעס, פּא̈רטיליקונג פון פּא̈וס שא̈פן און פון זיין פּערזענלעכקייט. דא̈ס איז מסתמא אויך נא̈טירלעך פּא̈ר פּא̈ון, וווא̈ס איז א̈ליין געווען צעריסן, פול מיט קא̈נפליקטן, א̈ צושטא̈נד, וווא̈ס איז, אייגנטלעך, אמת וועגן יעדן מענטש, בפרט וועגן דעם שעפערישן מענטש. וווא̈ס גרעסער די פּערזענלעכקייט, א̈לץ קא̈מפּליצירטער און א̈לץ טרא̈גישער. ביי פּא̈ון זענען די ליכטיקע און שא̈טנדיקע זייטן, די ווידערשפּרוכן און קא̈נ־פליקטן בולטער, שא̈רפער — און א̈זוי די מיינונגען וועגן אים. א̈דער גא̈ר, א̈דער גא̈רנישט. מיר איז, ליידער, נישט בא̈קא̈נט קיין איין א̈רבעט וועגן פּא̈ון, וווא̈ס זא̈ל א̈ט די טרא̈גישע פיגור נעמען אינגא̈נצן ווי זי איז, מיט די מעלות און חסרונות, מיט זיין געהויבנקייט און געפא̈לנקייט.

מא̈לקא̈לם קא̈ולי פּא̈רדינט דעריבער די דא̈נקבא̈רקייט פון א̈לע, וווא̈ס ווילן גערעכט זיין צו פּא̈ון פּא̈ר זיין עסיי „עידגא̈רפּא̈“ („ניו רעפּא̈בליק“, 5טער נא̈־וועמבער, 1945), וווא̈ס דא̈רף זיין א̈ רעצענזיע אויף פיליפּ ווא̈ן דא̈רן סטוירנס „עדגא̈ר א̈לען פּא̈ו“ און דער עיקר א̈ מין רעזומע פון א̈לע טענות, א̈לטע און נייע, א̈רויסגעזא̈גטע און פּא̈רשוויגענע, וווא̈ס מ׳הא̈ט געהא̈ט און מ׳הא̈ט, צו פּא̈וס ווערק און צו זיין פּערזענלעכקייט. כא̈טש מר. קא̈ולי מא̈כט עס זייער בולט, א̈ז ער אינדא̈רסירט די א̈לע טענות, גיט ער א̈בער אין דער זעלביקער צייט די מעגלעכקייט זיי א̈פּצושלא̈גן. איך וועל דא̈ס פּרא̈בירן דא̈ צו טון, נישט א̈זוי צו פּא̈רטיידיקן פּא̈ון, ווי צו בא̈קעמפן א̈ צוגא̈נג צו קונסט, וווא̈ס איז, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, דורכאויס פּא̈לש.

רעזומירנדיק מר. קא̈ולים רעזומע, בא̈קומט זיך א̈זא̈ סך־הכל פון די טענות צו פּא̈ון: 1. פּא̈ו געפינט זיך נישט אין הויפּט־שטרא̈ם פון דער א̈מעריקא̈נער ליטערא̈טור; א̈פילו נישט אין איינער פון די קלענערע שטרא̈מען — ער שטייט א̈ן א̈ זייט; 2. נישט בלויז איז זיין שא̈פן מחוץ די הויפּט־שטרא̈מען פון דער א̈מע־ריקא̈נער ליטערא̈טור — ער איז מחוץ דעם א̈מעריקא̈נער לעבן. דערפא̈ר איז פּא̈ר

די סאָציאָלאָגישע קריטיקער זייער שווער זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּאָון; ס'איז פֿאַר זיי אוממעגלעך געווען צו געפֿינען מער ווי נישטיקע שייכותן צווישן דעם מענטש און זיין מיליע. פּאָוס דערציילונגען פֿאַרנעמען זיך מיט עמאָציעס, וואָס זענען אינטענסיוו און אומגעוויינלעך, אָבער כמעט קיינמאָל נישט לאָקאַליזירט; 3. בלויז אין צוויי אַספּעקטן, וואָס זענען, שרייבט מר. קאָולי, פֿאַרזען געוואָרן פֿון פּאָוס סאָציאָלאָגישע קריטיקער, איז פּאָו פֿולשטענדיק האַרמאָניש מיט זיין צייט און זיין נאַציע. לעבנדיק אין דער גרויסער פּעריאָדע פֿון אַמעריקאַנער דער־פֿינדונג און בעת די מעשי־בראשית פֿון אַמעריקאַנער „שאָומאַנשיפּ" — האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויף ביידע געביטן.

פּאָו האָט, הייסט עס, אַרויסגעוויזן אין זיינע קריטישע אַרבעטן אַ מעכאַ־ניסטישע באַציאונג צו ליטעראַטור. אַ דערציילונג, אָדער אַ פּאָעמע, האָט פּאָו געגלויבט, איז בטבע אַ מאַשין צו פּראָדוצירן אַן „עפֿעקט" — און זיינע אייגענע פּאָעמעס האָט ער טאַקע געשאַפֿן אויף אַ ריין־מעכאַניסטישן שטייגער, ווי פּאָו אַליין איז מודה. 4. סאָציאַל און פּאָליטיש — האָבן זיינע סאָציאָלאָגישע קריטי־קער יאָ באַמערקט — האָט זיך פּאָו באַטראַכט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דעם קלאַס פֿון שקלאַפֿן־אייגנטימער און זיין גלויבן אין אַט־דעם קלאַס האָט ער אָפּגע־שפּיגלט בעת ער האָט געשריבן אויף סאָציאַל־פּאָליטישע טעמעס. דאָס זענען די הויפּט־טענות צו פּאָון, ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט אין מר. קאָוליס עסיי, אויב מען זאָל דאָ נישט צורעכענען די טענה, אַז פּאָו האָט געהאַט אַ קוריאָזן סיסטעם פֿון פּונקטואַציע, אַוועקשטעלנדיק אַ שטריך דאָרט, וווּ אַנדערע שריי־בערס ניצן אַ קאָמאַ.

בקיצור, פּאָו איז אויסער אָרדענונג אויף דער גאַנצער ליניע — אין זיין שאַפֿן, אין זיינע אידייען און אין זיין פּערזענלעכער הנהגה. אַ גייסטיקער האָבאָ, אַן אומגעצאַמטער, אַן אַנדערשדיקער, „אַ פֿאַטערלאַנדלאָזער געזעלן". ער פּאַסט זיך אין ערגעץ נישט אַריין. אַ מענטש, ווי מיר וויסן פֿון די אָנגענומענע באַגריפֿן, מוז זיך ערגעץ אַריינפּאַסן און צופּאַסן — און אַ קינסטלער, אָדער אַ פֿילאָסאָף, איז פֿאַרט נישט מער ווי אַ „האָמאָ סאַפּיענס". דער מענטש, וואָס איז אַנדערש, וואָס שפּאַנט נישט אויפֿן אויסגעטראָטענעם טראַקט, איז ווי יענע מוראַשקע, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער מחנה, וועלכע מאַרשירט, געוויינלעך, אין אַ גלייכער ליניע — אַן אָפּנאָרמאַלע דערשיינונג. נאַטור־פֿאָרשערס האָבן יענע מוראַשקע אונטערזוכט און אַנטדעקט אַ געוויקס אויף איר מאָרך. דאָך גיט זיך דאָ — אין שייכות צו פּאָון — אַ טראַכט, אַז אפֿשר האָבן מיר דאָ אַ פֿאַל ווי אין דעם אַנעקדאָט פֿון יענעם שניידער, וואָס האָט פֿאַר איינעם געמאַכט אַ קאַפּאָטע און ווען דער קונד האָט געטענהט, אַז דער מאַנטל איז שמאָל אויף אים, האָט

דער שניידער געטענהט: „ניין, מיין הער, דער מאַנטל איז נישט שמאָל, נאָר איר זענט צו ברייט״. אפשר איז עפּעס דער מער מיט די פּאַרטיקע מאָסן, וואָס מיר האָבן געשאַפן פאַר אַלע שעפערישע פּערזענלעכקייטן?

לאָמיר נעמען די טענה, אַז פּאָו געפינט זיך נישט אין הויפּט־שטראָם און אַפילו נישט אין די קלענערע שטראָמען פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און ער שטייט בכלל מחוץ דעם אַמעריקאַנער לעבן. מיינט דאָס, אַז פּאָו איז אַן אויסגעוואָרצלטער? ניין, ער איז פאַרוואָרצלט — אין דער מענטשלעכער נשמה, אין לעבן בכלל. דער עיקר איז זיין קינסטלערישער פּועל־יוצא. און דאָס מוז אויך זיין דער עיקר ביי קינסטלערס, וואָס זענען נאַציאָנאַל, לאָקאַל, לאָקאַליזם, וואָס פירט נישט איינערגעץ, וואָס פאַלט נישט אַריין אין דעם ים פון אוניווער־סאַליזם, איז ווי אַ שטייענדיק וואַסער. די פאַונאַ און פלאָראַ, די קלימאַטן און די קליידער און די מנהגים פון מענטשן זענען אומעטום אַנדערש, אָבער די מענטשלעכע אינסטינקטן, עמאָציעס און ליידנשאַפטן זענען די אייגענע אומע־טום. דערפאַר זענען טאָלסטאָי און פלאָבער, מאַרק טווין און דיקענס, פּעטראַרקאַ און לאָנגפעלאָו פאַרשטיילעך מענטשן פון אַנדערע פעלקער און לענדער, ווי זיי זענען זייערע אייגענע לאַנדסלייט. דעריבער איז מיר נישט קלאָר מר. קאָוליס פאַרוואָרפן פּאָון, אַז „זיינע דערציילונגען קענען פאַרשטיין פראַנצויזן און רוסן, ווי זיינע שכנים אין ווירדזשינאַ״. גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ חסרון און גלייך ווי פּאָו וואָלט דאָ געווען אַ יוצא מן הכלל.

דער איינציקער אונטערשייד אין אַט־דעם פּרט צווישן אַ שריפטשטעלער ווי פּאָו און די פּריער־דערמאָנטע שרייבערס באַשטייט דערין, וואָס בעת יענע דערגייען צום אוניווערסאַליזם דורך די געאָגראַפישע גרענעצן און די כאַראַק־טער־אייגנאַרטן פון זייערע לענדער און פעלקער, דערגייט פּאָו צום אוניווער־סאַליזם דירעקט. עס איז דער אונטערשייד צווישן דער באַן, וואָס לויפט דורך לאָקאַלע, געאָגראַפישע לאַנדשאַפטן אין דער וועלט אַריין און דעם עראָפּלאַן, וואָס טראָגט זיך איבער זיי צום באַשטימטן ציל. איז פּאָו דער איינציקער, וואָס זיין אוניווערסאַליזם איז אַ דירעקטער, אַפילו ווען דאָ און דאָרט פאַרקליידט ער זיך אין דעם נאַציאָנאַלן טראַכט פון איין פאָלק, אָדער אַן אַנדער פאָלק? מען קען אַזעלכע דירעקט־אוניווערסאַלע קינסטלער אָנציילן אין די הונדערטער. דער באַרימטסטער פון זיי איז ווילי‍אַם שעקספּיר. וויפל ענגלאַנד און ענגליש פאָלק איז דאָ אין שעקספּירס ווערק? זייער קנאַפּ. און די כאַראַקטערן פון אַנדערע פעלקער און צייטן, וואָס ער פירט אַרויס, זענען אויך זייער ווייניק כאַראַקטע־ריסטיש פאַר זייער סביבה. נישט נאָר האַמלעטן, דעם פּרינץ פון דענעמאַרק, קענט איר אַוועקשטעלן אין רוסלאַנד, פראַנקרייך, טערקיי אָדער שפּאַניע, וואָרן

זיינע פילאָסאָפישע חקירות האָבן נישט קיין ספּעציפישע פאַרבינדונג מיט דעם, אָדער יענעם לאַנד, אָדער מיט דער, אָדער יענער צייט. איר קענט דאָס אייגענע טון מיט כמעט אַלע שעקספּירס העלדן. קיינער פון זיי איז נישט כאַראַקטעריס־טיש נאַציאָנאַל־לאָקאַל, אַפילו נישט קיניג ליר, אָדער יוליוס צעזאַר. זיי זענען לײַדנשאַפטן, עמאָציעס, אינסטינקטן, וואָס ווייסן נישט פון קיין גרענעצן, וואָס זענען אוניווערסאַל — אַלמענטשלעך, אַלצייטלעך.

וואָס עס איז שייך צו פּאָוס מעכאַניסטישער באַציִונג צו ליטעראַטור און צו זיין אייגענעם אופן שרייבן, ווו ער האָט בלויז אין זינען געהאַט צו שאַפן „עפעקט״, וואָס פּאָו אַליין האָט וועגן דעם דערציילט, מאַכט עס אין פלוג טאַקע אַן אומגינסטיקן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען, וואָס שטייען פאַרן קינסטלערישן שאַפן מיט יראת הכבוד, ווי פאַר אַ מאַניפעסטאַציע פון רוח־הקודש, פון אַן אַנ־פאַל פון אינטואיטיווער אינספּיראַציע און עקזאַלטאַציע. די מעשה איז אָבער, וואָס יעדער קינסטלער, צי ער איז אַ פּלאַסטיקער, אָדער אַ קאָמפּאָזיטאָר, צי אַ דיכטער, צילט צו עפעקט, און נאָכדעם ווי זיין אינספּיראַציע, אָדער די מוזע, וואָס מיט איר כוח האָט ער געשאַפן דאָס ווערק, האָט זיך אויסגעוועפּט, מאַכט ער אויף אַ גאַנץ ניכטערן שטייגער ענדערונגען און ענדערונגען אויף ענדערונ־גען אין פאַרב, אין טאָן, אין וואָרט. קאָמפּאָזיטאָרן און פּלאַסטיקער מאַכן נישט קיין סוד פון דערדאָזיקער ניכטערער, מעכאַניסטישער אַרבעט. און האָט איר אַמאָל געזען אַ מאַנוסקריפּט פון לעוו טאָלסטאָי?

מען קען דאָ, פאַרשטייט זיך, זאָגן, אַז פון מאַכן ענדערונגען נאָכדעם ווי דאָס ווערק איז שוין געשאַפן, ביז לכתחילה שאַפן אויף אַ ריין־מעכאַניסטישן אופן און פאַרטיידיקן דעם מעכאַניסטישן פּרינציפּ אין דער ליטעראַטור, ווי פּאָו האָט דאָס געטון, איז אַ ווייטער מהלך. אמת, אָבער עס איז קיין סוד נישט, אַז אַ סך דיכטער זענען די ערגסטע אויסטייטשער פון זייער אייגענעם שאַפן. אין דעם פאַל פון פּאָו איז, אייגנטלעך, אַ פראַגע פון אינטערפּרעטאַציע. גאַנץ מעג־לעך, אַז ער האָט זיין אייגענע אינספּיראַציע און זיינע אינטואיטיווע איינפאַלן אויפגעפאַסט ווי ריין־מעכאַניסטישע פּראָצעסן. דאָ איז אפשר פּאָו באַווירקט געוואָרן נישט אַזוי פון דער גרויסער פּעריאָדע פון אַמעריקאַנער דערפינדונג און פון אַמעריקאַנער „שאָומאַנשיפּ״, ווי פון דעם מאַטעריאַליסטישן פּרינציפּ אין דער וויסנשאַפט, איבערהויפּט אין דער פיזיק, וואָס פאַרשכורט פון די ערשטע גרויסע אַנטדעקונגען און טעכנישע דערפינדונגען, האָט זי — אין יענער צייט — אין איר זעלבסט־זיכערקייט, געזען דעם טריאומף פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער לערע, וואָס דערקלערט אַלע דערשיינונגען אין אוניווערס פאַר מע־כאַניסטישע, גייסטלאָזע, פּראָצעסן, אין היפּוך צו דעם אידעאַליסטישן וועלט־

באַנעם, וואָס זעט אין דידאָזיקע דערשיינונגען די מאַניפעסטאַציע פון קאָסמישן גייסט.

עס בלייבט נאָך אַ טענה צו פּאָון, וואָס עס איז כדאי זיך אויף איר אָפּצושטעלן, כאָטש אָט־די טענה האָט לחלוטין קיין שייכות נישט צו זיין שאַפן, די טענה, אַז דער מחבר פון „די קראָ״ איז געווען אַ רעאַקציאָנער, האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם קלאַס פון שקלאַפן־אייגנטימער. דאָס איז,ליידער, אַ פאַקט. אָבער אויב מיר זאָלן דערלאָזן די סאָציאַל־פּאָליטישע באַגריפן פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט משפיע זיין אונדזער צוגאַנג צו זייערע שאַפונגען, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט אָפּקערן פון יענע גריכישע פילאָסאָפן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט שקלאַפעריי. און וואָס איז מיט דער מוזיק פון וואַגנערן, אָדער מיט דער קינסטלעכער לונג, וואָס די צוויי רעאַקציאָנערן אַלעקסיס קאַרעל און טשאַרלס לינדבערג האָבן בשותפות געשאַפן? וואָס זאָלן מיר טון מיט די ווערק פון דאָסטאָיעווסקי און האַמסון און מיט די פיזיקאַלישע דערגרייכונגען פון אַ ראָבערט מיליקאַן, וואָס סאָציאַל־פּאָליטיש איז ער אַ רעאַקציאָנער? די רשימה פון קינסטלערס, פילאָסאָפן און וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן רעוואָלוציאָניזירט דעם מענטשלעכן געדאַנק דורך זייערע אויפטואונגען, בעת אין פּאָליטיש־סאָציאַלן זין זענען זיי געווען רעאַקציאָנערן, איז אומגעהייער לאַנג. פאַרוואָס־זשע דווקא אויסקלייבן פּאָון?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר האָבן ערגעץ געפונען לידער און דערציילונגען, אונטערגעשריבן פון איינעם אן עדגאר אַלען פּאָ. מיר וויסן נישט ווער ער איז, פון וואַנען ער איז און ווו ער איז אַהינגעקומען; אין זיינע שריפטן דערמאָנט נישט דער אומבאַקאַנטער פּאָ וועגן זיין מעכאַניסטישער באַציִונג צו ליטעראַטור, אָדער וועגן זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אידייען. מיר קענען דעם מחבר משפּטן בלויז לויט דעם ווערט פון זיין שאַפן — וואָס וואָלט דאַן געווען? אָט דאָס איז די פראַגע: פאַרשאַפן אונדז זיינע ווערק קינסטלערישע הנאה, אָדער נישט? האָבן זיינע לידער און דערציילונגען אויף אונדז די השפּעה, וואָס גרויסע ווערק האָבן אויף אונדז, אָדער נישט? אויב נישט, לוינט זיך נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט וועגן דעם מחבר. אויב יאָ, זענען אַלע טענות און מענות צו אים גאָר נישט ווערט. קריטיקער און ביאָגראַפן מעגן זיי דערמאָנען, ווי אַ טייל פון דער פּאָ־כאַראַקטעריסטיק, אָבער צום עצם וועזן פון זיינע ווערק האָבן זיי די מינדסטע שייכות נישט. די מאָס פאַר אַ קינסטלערישער שאַפונג איז איר דערגרייכונג און איר השפּעה אויף אונדז.

ביי פּאָון איז זיכער דאָ אַ היפּש ביסל פּסולת (און ביי וועלכן קינסטלער איז אַזוינס נישטאָ?). אָבער פון דעם הויפן פּסולת לייכט אַרויס אַ גרויסער שע־

פּערישער גייסט. אַלעמאָל, ווען איך טראַכט פון פּאָון, קומט מיר אויפן זינען מאָריס ראָזענפעלד, וואָס ביי אים מישט זיך אויך פאַבריצירטע בדחנות און וווּנדערלעך־טיפע פּאָעזיע; חכמה און שאַרפזין מיט להכעיס און בטלנות. אויך זייערע לעבנס־גורלות זענען ענלעך אין זייער טראַגיזם, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן פון זייער ערדישער עקסיסטענץ: ביי פּאָון שכרות. ביי מאָריס ראָזענפעלדן — ציניזם. ביידע דערפירן צום פינצטערן תהום. אָבער זייער ירידה מאַכט נאָך טיפער און מיסטישער זייער טראַגיזם — אַ טראַגיזם פון צוויי גרויסע שעפערישע גייסטער, וואָס רופט אַרויס יראת־הכבוד אין אונדזער וועזן.

דאָס געהיימניש אַרום ספּינאָזאָס טויט

איך ווייס וויל, אַז רעדן וועגן אַ געהיימניש אַרום ספּינאָזאָס טויט און אָנדייטן, אַז ער איז נישט געשטאָרבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, קלינגט נישט בלויז סענסאַציאָנעל, נאָר איז אין ווידערשפּרוך צו אַלע ספּינאָזאַ־ביאָגראַפיעס, ווו עס ווערט לאַקאָניש און אָן שאָטן פון חשד פאַרצייכנט, אַז ספּינאָזאַ איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט זונטיק נאָכמיטאָג, דעם 21טן פעברואַר, 1677, אין פיר־און־פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן.

אָבער.. ווען איך האָב מיט יאָרן צוריק איבערגעלייענט ספּינאָזאָס ביאָגראַפיע, זענען די מאָדנע אומשטענדן פון זיין פּלוצלינגן טויט מיר פאַרגעקומען פאַרדעכטיק. זינט דעמאָלט האָב איך עטלעכע מאָל זיך צוריקגעקערט צו דער ספּינאָזאַ־ביאָגראַפיע — לעצטנס נאָכאַמאָל; אין צוזאַמענהאַנג מיט מיינס אַן אַרבעט וועגן דער אידענטישקייט פון בודיזם און ספּינאָזאָס פּאַנטעאיסטישער פילאָסאָפיע — און מיין חשד איז אין מיר אויסגעוואַקסן צו אַ זיכערקייט, אַז ספּינאָזאַ איז דערמאָרדעט געוואָרן.

אָט זענען די פאַקטן:

ספּינאָזאַ איז, ווי געזאָגט, געשטאָרבן זונטיק נאָכמיטאָג, דעם 21טן פעברואַר. 1677, אין האאַג, אין דער היים פון דעם מאָלער וואַן דער־ספּיק, ביי וועמען ער האָט דעמאָלט געוווינט. אַ טאָג פריער, שבת, אַרום 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, איז ער אַראָפּגעקומען פון זיין צוויי־צימערדיקער דירה אויפן צווייטן גאָרן, פאַרוויכערט זיין לולקע און פאַרבראַכט מיט וואַן דער־ספּיקן אין אַ שמועס וועגן פאַרשיידענע ענינים, צווישן זיי וועגן דער דרשה, וואָס דער לוטעראַנישער פּאַסטאָר האָט יענעם טאָג געהאַלטן אין קירך.

זונטיק אינדערפרי, איידער זיינע באַלעבאַטים, די וואַן דער־ספּיקס, זענען

געגאַנגען אין קירך אַריין, איז ספּינאָזאַ ווידער אַראָפּגעקומען אונטן און גע־שמועסט מיט זיי. עס איז אָנגעקומען דער (אַרויסגערופענער?) דאָקטער און ער האָט געהייסן צוגרייטן פאַר זיין פּאַציענט אַ טעלער יויך (פון עוף). ספּינאָזאַ האָט זיך מיטאָג־צייט מחיה געווען מיט דער יויך. נאָכמיטאָג זענען די וואַן דער־ספּיקס ווידער געגאַנגען אין קירך אַריין, איבערלאָזנדיק ספּינאָזאַן מיטן דאָקטער.

ווען די וואַן דער־ספּיקס זענען שפּעטער אַהיים געקומען, האָבן זיי געפונען ספּינאָזאַן אַ טויטן. זיי זענען געווען איבערראַשט. דערציילן ספּינאָזאַס ביאָגראַפן. דער טויטער קערפּער פון פילאָסאָף איז געלעגן אַליין. דער דאָקטער איז נישט געווען...

ווער איז געווען דער דאָקטער?

וועגן דעם גייט אָן אַ פּלוגתא. עס איז אָנגענומען געווען, אַז דאָס איז געווען ד״ר לודוויק מעיער, אָבער פּראָוידענטאַל, וואָס ער שטיצט זיך אויף דער עדות פון דעם האָלענדישן שרייבער וו. מייער, האַלט, אַז דאָס איז געווען ד״ר שולער. ווער איז גערעכט? דאָס איז נישט זיכער. און איז עס זיכער, אַז עס איז געווען איינער פון די צוויי דאָקטוירים?

מכוח אַזאַ אומוויכטיקן דעטאַל ווי די יויך און אַז ספּינאָזאַ האָט די יויך געזופּט מיט הנאה — ווייסט מען יאָ צו דערציילן. אָבער ווער עס איז געווען דער דאָקטער, וואָס האָט פאַרבראַכט מיט ספּינאָזאַן די לעצטע שעהן פון זיין לעבן — דאָס ווייסט מען נישט באַשטימט, הגם צווישן ספּינאָזאַס האַאַגער פריינד זענען געווען בלויז עטלעכע דאָקטוירים, צווישן זיי ד״ר יאַן מאַקסימיליען לוקאַס, זיין שפּעטערדיקער ביאָגראַף.

ווען האָט דער מיסטעריעזער דאָקטער פאַרלאָזן דאָס הויז — איידער ספּינאָזאַ איז געשטאָרבן, אָדער נאָכדעם? אויך דאָס ווייסט מען נישט, כאָטש דאָס וואָלט דעמאָלט געווען זייער לייכט געוווּיר צו ווערן. אויב דער דאָקטער איז אַוועק איידער ספּינאָזאַ איז געשטאָרבן, האָט ער זיכער געמוזט באַמערקן, אַז זיין פּאַ־ציענטס צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט — איז ווי לאָזט אַ דאָקטער איבער אַ חולה אין אַזאַ צושטאַנד אַליין, בעת אַרום זענען געווען אַ סך שכנים און מען האָט אויך געקענט אַרויסרופן די וואַן דער־ספּיקס פון דער קירך, אויב דער דאָקטער האָט זיך געאײַלט צו אַן אַנדער פּאַציענט.

אויב ספּינאָזאַ איז געשטאָרבן בעת דער דאָקטער איז נאָך געווען מיט אים — ווי גייט אַ דאָקטער אַוועק, נישט מעלדנדיק קיינעם וועגן דעם טויט־פאַל און נישט אויסשטעלנדיק קיין באַריכט? עפּעס לייגט זיך דאָס בשום אופן נישט אויפן שכל.

פון ספינאָזאָס שרייב־טיש איז פאַרשוווּנדן זיינס אַ מעסערל מיט אַ זילבערן הענטל, צוזאַמען מיט אַ בוך. ווער האָט עס גענומען? די דערקלערונג, אַז דער דאָקטער האָט דאָס גענומען פאַר האָנאָראַר, קלינגט אומזיניק. אויף אַ מעסערל האָט זיך אפשר געקענט קוואַפּען אַ זייטיקע פּערזאָן, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו ספּינאָזאָן אָפּטון אַ מיאוסן טאַט...

ווי אַזוי איז ספינאָזאַ געשטאָרבן?

מיר וויסן פון זיינע ביאָגראַפן, אַז ער האָט געליטן פון שווינדזוכט. דאָס שלייפן גלעזער האָט אים זיכער קיין גוטס נישט געטון. אָבער פון זיין פלייסיק אַרבעטן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן — איבער די גלעזער און איבער זיינע ווערק — קען מען נישט דרינגען, אַז ער איז געווען אַ חולה־מסוכן. ער איז פריִער נישט געלעגן צו־בעט אָן אָפּגעשוואַכטער און ביסלעכווייז פאַרצערט געוואָרן, ביז דער טויט האָט איבערגעהאַקט זיין אָטעם, ווי דאָס איז דער פאַל מיט טובערקולאָז־קראַנקע. אַדרבא, מיר האָבן געזען ווי ספינאָזאַ האָט סיי שבת, סיי זונטיק, זיך געפילט פאַרהעלטניסמאַסיק גוט און מונטער, געשמועסט און געראויכערט זיין לולקע.

איך האָב וועגן ספינאָזאָס טויט גערעדט מיט דאָקטוירים און זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז אַ שווינדזיכטיקער ווערט אויסגיין אַזוי פּאַמעלעך, סיידן ער קריגט פלוצלינג אַ בלוט־שטורץ. אָבער קיין בלוט־שטורץ ווערט נישט געדאַכט. וואַן דער־ספּיק, וואָס ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, אַפילו געוועזן אַ פלאַפּלער, אַ שטיקל ליגנער, ווי טייל ספינאָזאַ־ביאָגראַפן שילדערן אים, וואָלט געוויס דערציילט וועגן בלוט, אַ בלוט־שטורץ. עס איז אָבער וועגן דעם אַפילו קיין אָנצוהערעניש נישטאָ.

וועגן זיין צושטאַנד אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן ווערט בלויז דערציילט, אַז ער האָט זיך געפילט שוואַך, וואָס דאָס איז נאַטירלעך נישט בלויז פאַר אַ ליידנדיקן פון שווינדזוכט, און ער האָט גערופן אַ דאָקטער. אָבער האָט ער טאַקע גערופן אַ דאָקטער, אָדער יענער איז אַליין געקומען? דאָס איז אַבסאָלוט נישט געוויס. אויב ספינאָזאַ וואָלט גערופן אַ דאָקטער, וואָלט מען געוווּסט וועמען ער האָט גערופן. ער וואָלט דאָך עס געמוזט טון דורך אַ שליח, וואָרן קיין טעלע־פאָנען זענען, ווי מיר וויסן, אין זיבעצנטן יאָרהונדערט נאָך נישט געווען... אין אַזאַ פאַל וואָלט וואַן־דער־ספּיק, ביי וועמען ד"ר לוקאַס און אַנדערע האָבן גע־שעפּט דעטאַליזירטע אינפאָרמאַציע וועגן ספינאָזאָס פאַרברענגען ביי אים די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, זיכער געוווּסט ווער דער דאָקטער איז געווען.

ווי־זשע קומט עס טאַקע, וואָס בעת מען האָט מיט אַזאַ אומגעהייערן אינטערעס שטודירט אַלע פאַזן פון ספינאָזאָס לעבן, זיך אַריינגעלאָזט אין די מינדסטע

פּרטים, איז נישטאָ קיין שום באַריכט וועגן זײַן טויט? וואָס האָט פּאַסירט? האָט ער זיך פּלוצלינג דערפילט שלעכט? האָט ער אַ געשריי געטון? האָט ער עפּעס געזאָגט? איז ער אומגעפאַלן? האָט ער זיך פריִער צוגעלייגט אויפן בעט און דאַן אויסגעגאַנגען?

אַז מיר טראַכטן זיך אַרײַן אין די אומשטענדן פון ספּינאָזאָס טויט און אַנאַליזירן זיי, איז, דאַכט זיך, נישטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי צו באַשליסן, אַז ספּינאָזאַ איז דערמאָרדעט געוואָרן — מסתמא דורך סם, וואָס איז אפשר אַרײַנגעטון געוואָרן אין דער לעצטער שיסל יויך, וואָס איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן אויף דער פאַראָרדענונג פון דעם מיסטעריעזן דאָקטער, אָדער אפשר האָט דאָ טאַקע געשפּילט אַ ראָל אויך אַ דריטע פּערזאָן, וואָס האָט געקענט האָבן געקומען צו די וואָן דער־ספּיקס, ווען דער פילאָסאָף איז געווען אַליין מיטן דאָקטער, אָדער נאָכדעם ווי דער דאָקטער איז אַוועק. מעגלעך, אַז הינטער דער קאָנספּיראַציע איז געשטאַנען אַ גרעסערע גרופּע מענטשן, אפשר פון אַ קריסטלעכער סעקטע...

דער לעזער וועט דאָ אפשר פרעגן צוויי — באַרעכטיקטע קשיות: 1. פאַר־וואָס זאָל עמעצער, אַ יחיד, צי אַ גרופּע, וועלן דערמאָרדן דעם גרויסן פילאָסאָף? 2. ווי קומט עס, וואָס קיינער פון ספּינאָזאָס פרײַנט און פאַרערער און שפּעטער זײַנע ביאָגראַפן, האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז מיט ספּינאָזאָס פּלוצלינגן טויט איז עפּעס נישט גלאַט און... עס האָט געדאַרפט נעמען קרוב דריי הונדערט יאָר — ביז דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות זאָל אָנווײַזן דערויף?

דער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע קען דער פאַראינטערעסירטער לעזער געפינען אין יעדער ספּינאָזאַ־ביאָגראַפיע, ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז ספּינאָזאַ, וואָס ער ווערט כסדר באַצייכנט ווי דער „איינזאַמער פילאָסאָף פון אַמסטערדאַם“, איז נישט געווען קיין קאַבינעט־געלערנטער, וואָס איז זיך בחדרי־חדרים עוסק בלויז אין פילאָסאָפישע, אָדער וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, און די דרויסנדיקע וועלט גייט אים נישט אָן. אדרבא, ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אין סאַמע קאָך פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט אַפילו דורכגעפירט דיפּלאָמאַטישע מיסיעס, זיך געמישט אין קריסטלעכע סעקטעס, זיך באַטייליקט אין קאַמף צווישן דער מלוכה און דער קירך, אויפגעקאָכט די פרומאַקעס און רעאַקציאָנערן מיט זײַן „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“ און זיך אײַנגעשאַפט אַ וועלט מיט ביטערע שונאים.

ספּינאָזאָס לעבן איז באַדראָט געוואָרן פון פאַרשיידענע זײַטן. דער פאַקט איז, אַז ספּינאָזאַ האָט געלעבט אין שטענדיקער שרעק פאַר זײַן זיכערקייט, זיך געהיט, אַ לענגערע צייט געוווינט נאָענט פון זײַן מעכטיקן פרײַנד, יאַן דע־וויט,

דער הויפּט פון דער דעמאָלטדיקער האָלענדישער רעפּובליק, וועלכער איז געווען זיין באַשיצער — כדי זיך צו פילן זיכערער.

וואָס ס׳איז שייך דער צווייטער פראַגע, איז דער ענטפער נאָך פּשוטער: ספּינאָזאָס פלוצלינגער טויט האָט ביי זיינע מיטצייטלער און זיינע ביאָגראַפן אין די שפּעטערדיקע צייטן נישט אַרויסגערופן קיין חשד, מחמת דעם באַוווּסטן פאַקט, אַז ער האָט געליטן פון שווינדזוכט. עס איז דעריבער אָנגענומען געוואָרן פאַר נאַטירלעך, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט... די מיינסטע מענטשן גריבלען זיך נישט אין אַזוינע זאַכן. מען זאָגט זיי: געשטאָרבן, איז — געשטאָרבן*).

דאָס מיינט אָבער בשום אופן נישט, אַז קיינער האָט נישט חושד געווען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט. איך קען זיך פאָרשטעלן, אַז סיי צווישן ספּינאָזאָס פערזענלעכע פריינד, סיי צווישן זיינע ביאָגראַפן, האָבן זיך געפונען אַזעלכע. וואָס האָבן יאָ פאַרדעכטיקט, נאָר — געהאַלטן פאַר נייטיק צו מאַכן אַ שוויג. פאַרוואָס? ווייל דאָס וואָלט אַ תל געמאַכט פון דער לעגענדע, אַז נאָכדעם ווי די „אומטאָלעראַנטע אַמסטערדאַמער יידישע געמיינדע” האָט פאַרטריבן איר גרויסן זון, דורך דעם שרעקלעכן חרם, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ וועלט פון טאָלעראַנץ און ליבע...

די ליבעראַלע קריסטלעכע קרייזן, וואָס אויף זייערע געוויסנס האָט שווער געדריקט די אומטאָלעראַנץ אין דער קריסטלעכער וועלט, באַזונדערס די אינקוויזיציע מיט אירע שייטערהויפנס אין די קאַטוילישע לענדער, איז ממש געגאַנגען אין לעבן אָנצוווייזן, ערשטנס, אויף כאָטש איין אינדזל פון קריסטלעכער טאָלעראַנץ; און, צווייטנס, דערויף, אַז יידן, אַליין די גרעסטע קרבנות פון אומטאָלעראַנץ, זענען אויך אומטאָלעראַנט ווען און ווו זיי האָבן אַ ביסל מאַכט. דאָס הייסט, אַז די יידן זענען אין דעם פּרט נישט בעסער, אויב נישט ערגער, פון אונדז. אַפילו די אָביעקטיווע — און יידנפריינטלעכע — קריסטלעכע ספּינאָזאַ־פאָרשערס באַטאָנען ווידער און אָבער, אַז די יידן פון האָלאַנד, קרבנות פון פאַרפאָלגונג, זענען געווען מוראדיק אומטאָלעראַנט — פריִער צו אוריאל אַקאָסטאַן און דערנאָך צו ספּינאָזאַן. אָט־די באַטאָנונג איז פּסיכאָלאָגיש געווען אַ באַלזאַם אויף זייערע פאַרוווּנדעטע געוויסנס...

---

*) דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ספּינאָזאָס קערפּער איז געלעגן פיר טעג, ביז מען האָט אים קובר געווען. די דערקלערונג, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ספּינאָזאַ האָט נישט געלאָזט קיין קבורה־געלט, איז אַ לעכערלעכע. ווו זענען געווען זיינע רייכע פריינט? גיכער לייגט זיך אויפן שכל, אַז ס׳האָט גענומען אַזוי לאַנג זיך מיישב צו זיין ווי צו האַנדלען.

דידאַזיקע ספּינאָזאַ־פאַרשער — און זייערע יידישע נאָכזאָגערס — דער עיקר פּרווידענטאַל — ווילן נישט פאַרשטיין דעם פּשוטן פאַקט, אַז דער חרם אויף אַקאָסטאַן און ספּינאָזאַן איז — אַ חוץ די ריין־יידישע מאָטיוון — איבער־הויפּט באַוויגן געוואָרן פון דער יידישער מורא פאַר דער אַרומיקער קריסט־לעכער וועלט. אמת, האָלאַנד איז, אין פאַרגלייך צו אַנדערע קריסטלעכע מדינות אין יענער צייט, באַזונדערס קאַטוילישע, געווען ממש אַ גן־עדן פון טאָלעראַנץ, אָבער אויך דאָ האָט מען געמשפּט אַפּיקורסים. עס איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ פאַר־ביטערטער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע קריסטלעכע סעקטעס און צווישן זיי און דער מלוכה.

די יידן אין האָלאַנד, וואָס אין זייערע נשמות האָט נאָך געגליט דער פּחד פון פאַרפאָלגונג און אויטאָ־דא־פעען, האָבן מיט רעכט זיך געשראָקן פאַר דער רעאַקציע מצד דער קריסטלעכער האָלאַנד לגבי יידישע אַפּיקורסים, וואָס נוצן אויס האָלאַנדס גאַסטפריינטלעכקייט אויף אַראָפּרייסן די הייליקייט פון דער ביבל און אונטערגראָבן די סאַמע יסודות, וואָס אויף זיי איז באַזירט דאָס קריסטנ־טום, ווי דאָס יידנטום. אַז דער יידישער כלל ווערט געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון יידישע יחידים — איז אַ לעקציע, וואָס דער ייד האָט גע־לערנט אין פאַרלויף פון זיין לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע.

דער ריין־יידישער מאָמענט, וואָס האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, דרינגט אַרויס קודם פון דער מורא פאַר אינערלעכער דעגענעראַציע, אויב אַפּיקורסות זאָל קריגן די פרייהייט פון פאַרשפּרייטונג; און, שנית, דערפון, וואָס אַזאַ אַפּיקורסות, פאַרלייקענונג פון די עיקרים פון תורת משה און תלמוד, איז מבטל אַלץ, פאַר וואָס זיי האָבן אַזוי שווער געליטן, פאַר וועלכן זייערע עלטערן און נאָענטע אין די פילע טויזנטער האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די פלאַמען פון דער אינקוויזיציע מיט „שמע ישראל" אויף זייערע ליפּן. עס מאַכט זייערע יסורים זינלאָז און זייער גאַנצע עקסיסטענץ ווי יידן — פאַר אַ ביטערן חוזק.

אָט־די צוויי מעכטיקע מוראס — פאַר דער רעאַקציע מצד דער קריסט־לעכער האָלאַנד און פאַר אינערלעכער דעגענעראַציע — האָבן געשטופּט די האַנט פון דער אַמסטערדאַמער יידישער קהילה צום חרם. מיר מוזן דערצו צוגיין היסטאָריש אָביעקטיוו אין ליכט פון יענער צייט און פון די דעמאָלטדיקע אומ־שטענדן און באַדינגונגען, אויב מיר ווילן גערעכט אורטיילן, אַלצאיינס ווי מיר קוקן אַצינד אויף אַזעלכע מעטאָדן.

*

ספינאָזאַ איז געוואָרן אומבאַקוועם פאַר די קריסטלעכע ספערן, אין וועלכע ער האָט זיך געמישט און דער עיקר פאַר דער הערשנדיקער קאַלוויניסטיש־רעפאָרמירטער קלערגיע. משפטן אים — דאָס איז געווען אויסגעשלאָסן. די ליבעראַלע ציווילע רעגירונג, אונטער דע־וויטן, האָט געהאַט די האַרציקסטע באַציונג צום פילאָסאָף; די רעפאָרמירטע קירך ווידער, וואָס זי האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט געמשפט אירע אייגענע אַפּיקורסים, האָט זיך מיט אים נישט געקענט קיין עצה געבן, צוליב זיין גרויס אָנזען אין דער אַקאַדעמישער וועלט. פאַר די רעליגיעזע סעקטעס, ווו ספינאָזאַ האָט פאַרקערט און וואָס זיי זענען אין אים שפּעטער אַנטוישט געוואָרן, איז ער טאַקע געוואָרן ווי אַ דאָרן אין די אויגן, אָבער עפנטלעך האָבן זיי גאָרנישט געקענט, אָדער נישט געוואָגט, עפּעס צו טון קעגן אים.

דער „בעסטער וועג" פאַר ספּינאָזאָס שונאים, יחידים, אָדער גרופּעס, איז דעריבער געווען — אים שטילערהייט צו ליקווידירן, ווי מיר וואָלטן דאָס געזאָגט אויפן היינטיקן לשון. און עס קען, ווי פריִער געזאָגט, געמאָלט זיין, אַז דעם פילאָסאָפס אייגענע פריינד, וואָס האָבן חושד געווען, אָדער געוווּסט אויף געוויס, אַז עס האָט פּאַסירט אַ מאָרד, — ווי דאָס איז זיכער געווען דער פאַל מיט לוקאַסן, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען, — האָבן געוואָלט אויסמיידן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. די זאַך איז אָפּגעטון געוואָרן — פאַרפאַלן. סיי־ווי וואָלטן זיינע קראַנקע לונגען נישט לאַנג אויסגעהאַלטן...

זייער מעגלעך, אַז די מעשה־נורא וועגן אַ יידישן פאַנאַטיקער, וואָס זאָל זיך האָבן געוואָרפן אויף ספּינאָזאַן מיט אַ קינזשאַל, איידער ער איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם, איז פאַבריצירט און פאַרשפּרייט געוואָרן אַ סך שפּעטער, ווען ספּינאָזאַ האָט זיך שוין געפונען אין די אָרעמס פון „רעליגיעזער טאָלעראַנץ", כדי אַז ווי עס מאַכט זיך, זאָל דער חשד פאַלן אויף יידן... לויט דערדאָזיקער מעשה־נורא האָט דער פאַנאַטיקער זיך פאַרמאָסטן מיטן קינזשאַל אויף ספּינאָזאָס האַרץ, ווען דער פילאָסאָף איז אַרויסגעקומען פון שול, אָדער פון אַ טעאַטער, לויט אַן אַנדער ווערסיע. די מייסטע ספּינאָזאַ־פאָרשערס וואַרפן־אָפּ די גאַנצע מעשה, ווי אַ וויסטע אויסטראַכטעניש.

*

ווי עס איז שוין דאָ אָנגעוויזן געוואָרן, איז ספּינאָזאָס לעבן געווען אין שטענדיקער געפאַר. אין דער נייער וועלט, ווו ער איז אַריינגעפאַלן נאָכן חרם, איז מען צו אים געווען טאָלעראַנט כל־זמן מען האָט געמיינט, אַז זיינע מיינונגען און אידייען וועגן רעליגיע פאַלן זיך צונויף מיט די פון דער נייער סביבה. אָבער אַזוי שנעל ווי זיינע אייגנטלעכע אידייען זענען קלאָר געוואָרן, האָט זיך אויפ־

געהויבן קעגן אים אַזאַ שטורעם סיי אין האָלאַנד גופא, סיי אין אויסלאַנד, אַז ספינאָזאַ אַליין האָט זיך, ביי זיין גאַנצן מוט, דערשראָקן. אפשר איז עס געווען נישט אַזוי די מורא פאַר זיין אייגן לעבן, ווי דער עיקר דאָס באַגרייפן דאָס, וואָס די אמסטערדאַמער יידישע געמיינדע האָט שוין לכתחילה פאַרשטאַנען, אַז מיט זיינע אַרויסטריטן שטעלט ער אין סכנה די יידן אין האָלאַנד.

אַז מען האָט אין דער נייער סביבה נישט פאַרגעסן זיין ייִדישקייט, קען מען זען פון אָט־דעם אינצידענט: אין וואָארבורג, אַ פאַרשטאָט פון האַאַג, וווּ ספינאָזאַ האָט זיך באַזעצט אין 1663, האָט מען אין 1665 געדאַרפט אויסקלייבן אַ נייעם פאַסטאָר פאַר דער רעפאָרמירטער קירך און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שאַרפער שטרייט צווישן די ליבעראַלן און אָרטאָדאָקסן. ספינאָזאָס דעמאָלטדיקער הויז־ווירט האָט צוגעשטעלט אַ פעטיציע צו דער געהעריקער אינסטאַנץ לטובת אַ ליבעראַלן קאַנדידאַט. די אָרטאָדאָקסן האָבן מיט צאָרן די פעטיציע באַצייכנט ווי „די אַרבעט פון אַ געוויסן ספינאָזאַ, אַ ייִד פון געבורט, וועלכער איז אַן אַטעיִסט, אַן אומצופרידענער, אַן אָפּשפּעטער און אַ שלעכטער אונטערטאַן פון דער רעפּובליק, ווי אַ סך געלערנטע און גלחים קענען דערויף עדות זאָגן".

דער היציקער קאַמף אין וואָארבורג אַרום די וואַלן פון אַ נייעם פאַסטאָר איז געווען בלויז אַ בלאַסע רעפלעקסיע פון דער רעליגיעזער מלחמה אין גאַנצן לאַנד, אַ מלחמה, וואָס ווייזט אונדז בלי ספק, אַז אין טאָלעראַנטן האָלאַנד איז נישט געווען אַלץ אין אָרדענונג מיט דער טאָלעראַנץ און אַז די ייִדן, אַנטרונענע פון די פייערן פון דער אינקוויזיציע אין די קאַטוילישע לענדער, האָבן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, היטן זייערע טריט. וואָס טיפער מיר קוקן אַריין אין דער דעמאָלטדיקער סיטואַציע אין האָלאַנד, אַלץ בעסער באַגרייפן מיר די האַנדלונג מצד דער אַמסטערדאַמער ייִדישער געמיינדע לגבי ספינאָזאַן.

איבער דער גאַנצער האָלענדישער מדינה האָט געפלאַקערט דער שטרייט צווישן דער מלוכה און דער קירך. די קאַלוויניסטיש־רעפאָרמירטע גלחים האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט — אַפילו אַ מגפה און אַ מיליטערישע מפלה — כדי אַראָפּצוואַרפן יאַן דע־וויטן, דעם הויפּט פון דער רעגירונג, וואָס ער איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, ספינאָזאָס פאַרערער און באַשיצער. די רעפאָרמירטע קלערגיע האָט גלייכצייטיק געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, אַז מען זאָל אַרויפלייגן לעגאַליסטישע באַשרענקונגען אויף דער פרייהייט פון דענקען און זיי האָבן טאַקע פאַרצייכנט דערפאָלגן. נאָך אין 1662 האָט די פּראָווינץ פריזלאַנד אַרויסגעשיקט, אונטער שטרענגע שטראָפן, „די דינער פון טיוול" — מיינענדיק דערמיט קוויקערס, מענאָניטן און אוניטאַריער. אין 1664 האָט דער אַמסטער־דאַמער מאַגיסטראַט פאַרבאָטן די מענאָניטן צו פרעדיקן די דאָקטרינען, וואָס

שמעקן מיט אוניטאַרישער אַפּיקורסות. בעת דעם פּריִער־דערמאָנטן אינצידענט — דעם קירכלעכן וואָל־קאַמף אין וואָארבורג, — איז ספּינאָזאַ, דערציילן זיינע ביאָגראַפן, אַמתדיק אַלאַרמירט געוואָרן וועגן זיין זיכערקייט, וויסנדיק, אַז ער ווערט באַטראַכט פאַר אַן אַפּיקורס.

נאָך שטאַרקער האָט ספּינאָזאַ דערפילט זיין אומזיכערקייט, ווען די צוויי ברידער, יאַן און אדריאַן קאָערבאַג, דער ערשטער אַ טעאָלאָג און דער צווייטער, ספּינאָזאַס אַ פריינד, אַ געלערנטער אין מעדיצין און יוריספּרודענץ, זענען אין 1666 אויפגעפאָדערט געוואָרן פון קירכן־ראַט אין וואָארבורג צו ענטפערן אויף קלאָגעס פון אַפּיקורסות — קריטיק פון דער ביבל, פון קאַטעכיזם און דער דריי־איינקייט. יאַן איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון גלחים־קלאַס, האָט אויסגע־דריקט חרטה און פאַרגעבן געוואָרן. אין אַ יאָר אַרום האָט דער קירכן־ראַט אים ווידער געמשפּט און אין 1668 איז ער איינגעזעצט געוואָרן אין טורמע, אָבער אין צען וואָכן אַרום באַפרייט געוואָרן אויף זיין הבטחה צו זיין גוט און פרום. סוף־כל־סוף האָט מען אים פאַרבאָטן צו זיין אַ פּאַסטאָר, ווי אַ פאַרפאַלענעם אַפּיקורס. אַ סך ערגער אָפּגעשניטן האָט זיין ברודער, אַדריאַן, וואָס ער איז נישט אָפּגעקומען מיט רייד, נאָר פאַרעפנטלעכט צוויי ווערק, ווו ער אַטאַקירט די הויפּט־דאָגמעס פון דער קירך.

אויפן פּראָצעס, ווו ספּינאָזאַס נאָמען איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן, הגם אַדריאַן האָט פאַרזיכערט, אַז ספּינאָזאַ האָט נישט משפּיע געווען אויף זיינע מיינונגען, האָבן די קירכלעכע ריכטער אויך באַשולדיקט אַדריאַנען אין אומ־מאָראַלישע לערעס און מעשים, כאָטש עס איז אינערגעץ נישטאָ קיין שום באַוויז און באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ באַשולדיקונג און עס זעט אויס, אַז זי איז בכיוון געמאַכט געוואָרן, כדי עס זאָל נישט הייסן, אַז מען משפּט אים בלויז פאַר זיין פרייען דענקען. בעתן פּראָצעס האָט איינער פון די „הײליקע" ריכטער געפאָ־דערט, אַז מען זאָל אַדריאַנען אָפּהאַקן דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט, דורכלעכערן זיין צונג מיט אַן אָנגעגליטן אייזן און אים איינזעצן אין תפיסה אויף דרייסיק יאָר. ספּינאָזאַס פריינד איז אָבער אָפּגעקומען מיט צען יאָר טורמע, ביי שווערער אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן אין תפיסה.

אין 1670 האָט ספּינאָזאַ זיך אַריבערגעצויגן פון דער האַאַגער פאָרשטאָט וואָארבורג קיין האַאַג גופא. אַרום אַ יאָר האָט ער געוווינט ביי דער אלמנה וואַן־וועלען און אין מאַי, 1671, האָט ער זיך אַריינגעקליבן צום פּריִער־דערמאָנטן וואַן דער־ספּיק. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" און אַ טייל דערפון איז שוין אַפילו פאַרעפנטלעכט געווען. כאָטש דאָס ווערק איז געשריבן זייער פאָרזיכטיק, איז די טאָלעראַנץ פון זיין

נייער סביבה, ווי זי האָט זיך דער עיקר אויסגעדריקט אין די לעצטע צוויי פּאַלן, — די אַטאַקע אויפן ייִד ספּינאָזאַ און די שווערע שטראָף אויף זיין פריינד אַדריאַן, — אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער איז געווען אַזוי אָנגעשראָקן און אָפּגעהיט, אַז ער האָט אויפן בוך נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען און אויך נישט דעם נאָמען פון דעם פאַרלעגער. אַפילו דעם נאָמען און די שטאָט פון דעם דרוקער — כריסטאָפעל קאָנראַדס, אַמסטערדאַם — זענען פאַרמאַסקירט גע־וואָרן אויף הענריקוס קינראַט, האַמבורג...

נאָר זיין גאַנצע פאַרזיכט האָט נישט געהאָלפן. מען האָט זיך שנעל אָנגע־שטויסן ווער דער מחבר איז. אַ שטורעם האָט זיך געטראָגן אויף ספּינאָזאַן פון אַלע זייטן — אויך פון דייטשלאַנד. די געשרייען קעגן דעם „גאָטלאָזן" בוך האָבן זיך געמערט און קיין שום פאַרטיידיקונג פון פריינד און ספּינאָזאַן אַליין, אַז ער איז נישט קיין אַטעיִסט, האָבן נישט איינגעשטילט דעם צאָרן. גלחים פון דער רעפאָרמירטער קירך האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען נישט צו דערלאָזן סיי די פאַרשפּרייטונג פון דעם בוך, סיי דאָס דרוקן אַנדערע ווערק פון דעם אייגענעם מחבר. סינאָדן און קירכן־ראַטן האָבן איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע אין זייערע פאָדערונגען צו דער ציווילער רעגירונג אונטערצודריקן דאָס דאָזיקע „גאָט־לעסטערנדיקע" ווערק; אָבער ווי לאַנג דע־וויט איז געשטאַנען ביים רודער פון דער מלוכה האָט אָט־די פאָדערונג קיין האַפט נישט געהאַט. נאָר ספּינאָזאַ איז אַזוי אָנגעשראָקן געווען פון דעם ווילדן שטורעם, וואָס האָט געשמעקט מיט אינקוויזיציע, אַז ער אַליין האָט נישט דערלאָזט, אַז זיין לאַטיין־געשריבן בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף האָלענדיש, וואָס דאָס וואָלט דאָס ווערק געעפנט פאַר דעם ברייטן עולם.

אין 1672 האָט ספּינאָזאַ פאַרלוירן זיין בעסטן פריינד און באַשיצער, יאַן דע־וויט. די פראַנצויזישע אַרמיי, אונטער דער קאָמאַנדע פון פּרינץ קאָנדעי האָט געמאַכט אַן אומגעריכטע אינוואַזיע אויף האָלאַנד און דער אויפגערעגטער המון האָט געוואָרפן די שולד אויף דע־וויטן. בעת דער לעצטער האָט, דעם 27טן אויגוסט פון יענעם יאָר, באַזוכט זיין אַרעסטירטן ברודער קאָרנעליוס, האָט דער המוןביידן אַרויסגעשלעפּט אין גאַס אַרויס און זיי דערהרגעט. פּרינץ קאָנדעי האָט פאַרבעטן ספּינאָזאַן קיין אוטרעכט, וווּ ער האָט אויפגעשטעלט זיין רעזידענץ, וועלנדיק זיך באַקענען מיט דעם מחבר פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט". ספּינאָזאַ האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך פריִער מיישב געווען, ווי עס ווערט איבערגעגעבן, מיט האָלענדישע רעגירונגס־פירער, האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען די איינלאַדונג — מסתמא מיט

דער כוונה און האָפענונג, אַז מיט זיין השפעה וועט ער קענען אויסווירקן הנחות פאַר האָלאַנד.

ווען ספינאָזאַ איז אָנגעקומען קיין אוטרעכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פרינץ קאָנדעי איז פּלוצלינג אַוועקגערופן געוואָרן. דעם קאָמאַנדירס סוויטע האָט ספינאָזאָן אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געפּועלט ביי אים, אַז ער זאָל וואַרטן עטלעכע וואָכן אויף קאָנדעין. ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער פרינץ וועט נישט קענען זיך צוריקקערן, האָט ספינאָזאַ באַלד זיך אומגעקערט קיין האַאַג. קאָלערוס — ספינאָזאָס אַ פריינט און ביאָגראַף דערציילט — אויפן באַזיס פון אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט באַקומען פון וואַן דער־ספּיקן, — אַז עס איז געווען אַ סכנה, אַז די באַפעלקערונג, וואָס האָט ספינאָזאָס וויזיט ביים פראַנצויזישן פרינץ אויסגעטייטשט ווי פאַררעטערישע באַציִונגען מיטן שונא פון האָלאַנד, זאָל שטורמען דאָס הויז און זיך אָפּרעכענען מיט דעם פילאָסאָף. אָבער עס איז אָפּגעגאַנגען גלאַט.

ספינאָזאַ אַליין דערציילט וועגן די מוראדיקע פאַרפאָלגונגען אויף אים, אין איינעם פון זיינע בריוו צו העברי אָלדענבורגן, סעקרעטאַר פון דער „ראָיאַל סאָסייעטי" אין לאָנדאָן, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט און באַפריינדט נאָך אין 1661, ווען יענער האָט אים, בעת זיין רייזע איבער האָלאַנד, אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. ספינאָזאַ דערציילט אין דעם בריוו, אַז ער ווערט פון אַלע זייטן אַטאַקירט און ער מוז אָפּלייגן דאָס אַרויסגעבן די „עטיק". דערצו איז ער מוסיף, אַז זיין „זאַך נעמט אַן פון טאָג־צו־טאָג אַלץ אַן ערגערע ווענדונג". דער פילאָסאָף איז דאָ זייער איינגעהאַלטן אין ווערטער. אין אמתן האָט דער אויפברויז קעגן אים אָנגענומען געפערלעכע פּראָפּאָרציעס — סיי מצד דער הערשנדיקער רעפאָרמירטער קירך; סיי מצד די אַנטוישטע סעקטעס; סיי מצד גרויסע מאַסן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס זענען אויפגעהעצט געוואָרן פון דעם געשריי וועגן ספינאָזאָס אַטעיִזם און „גאָט־לעסטערונג".

לוקאַס שרייבט מכוח אָט־דעם האַס, וואָס האָט אַרומגערינגלט ספינאָזאָן, אויף אַ ביסל אַ פאַרנעפּלטן שטייגער, ווי פּרווידענטאַל ציטירט דאָס אין צווייטן באַנד פון זיין „ספינאָזאַ, זיין לעבן אונד זיינע לערע" (ז"ז 301—300):

„עס איז געווען נישט קיין קליין גליק פאַר ספינאָזאָן אויסצומיידן דעם שטורעם פון זיין טויט, וואָס זיינע שונאים האָבן פאַר אים צוגעגרייט. זיי האָבן אים פאַרהאַסט געמאַכט ביים פאָלק, ווייל ער האָט אָנגעצייכנט די מיטלען ווי אַזוי צו קענען אונטערשיידן צווישן צביעות און אמתער פרומקייט און צו אונ־טערדריקן דעם אבערגלויבן".

וואָס האָט לוקאָס געמיינט מיטן אויסדרוק „אויסצומיידן דעם שטורעם פון זיין טויט״? דער ווייטערדיקער זאַץ איז ביי לוקאָסן נאָך טונקעלער:

„אונדזער פילאָסאָף, —שרייבט ער, — דאַרף זיך שעצן גליקלעך, — נישט בלויז צוליב דעם רום פון זיין לעבן, נאָר אויך צוליב די אומשטענדן פון זיין טויט. ער האָט דעם טויט געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין... פונקט ווי ער וואָלט געוועזן צופרידן זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע שונאים, כדי זייער אָנדענק זאָל נישט פאַרשמוצט ווערן פון זיין דערמאָרדונג״.

וואָס האָט לוקאָס אונדז געוואָלט זאָגן מיט די מאָדנע רייד וועגן ספינאָזאָס מקריב זיין זיך פאַר זיינע שונאים און זיין דערמאָרדונג?

לוקאָס, וואָס געוויינטלעך האָט ער געשריבן גאַנץ קלאָר, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שטאַמלער — פאַרוואָס? דידאַקטיקע אומקלאָרע רייד זענען אויסגע־טייטשט געוואָרן ווי אַ רמז, אַז עס איז אַ גליק פאַר ספינאָזאָן, וואָס ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און דערמיט האָט ער פאַרשפּאָרט זיינע שונאים אים צו דערמאָרדן. ער האָט דערמיט, הייסט עס, אויסגעמיטן דעם „שטורעם פון זיין טויט, וואָס זיינע שונאים האָבן פאַר אים צוגעגרייט״.

אָבער אַז מיר טראַכטן זיך אַריין אין דידאַקטיקע טונקעלע רייד און מיר פאַרגלייכן זיי מיט די פריִער־געשילדערטע אומשטענדן, מוזן מיר קומען צו אַ גאַנץ אַנדער אויספיר. אין לוקאָסעס באַמערקונגען געפינען מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז נישט נאָר האָט מען געפּלאַנט ספינאָזאָן צו דערמאָרדן, נאָר אַז מען האָט אים טאַקע בפירוש דערמאָרדעט און אַז לוקאָס — און נישט נאָר ער אַליין — האָט געוווסט וועגן דעם מאָרד. „דער שטורעם פון זיין טויט איז אויסגעמיטן געוואָרן״ — אין אַנדערע ווערטער: מען האָט געמאַכט אַ שווייג וועגן דעם — כדי „זייער אָנדענק זאָל נישט פאַרשמוצט ווערן פון זיין דערמאָרדונג״...

אין „זייער״ מעגן מיר איינשליסן נישט בלויז ספינאָזאָס געשווירענע שונאים, נאָר די גאַנצע „טאָלעראַנטע״ סביבה, וואָס איר כבוד און רעפּוטאַציע האָט אויך לוקאָס געוואָלט ווי ווייט מעגלעך באַשיצן — צוליב „נאַציאָנאַלער ערע״, אָדער צוליב דער מורא פאַר מעגלעכע קאָנסעקווענצן — און דערפאַר האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן שטאַמלען, הגם עס האָט אים, ווי אַן אויפריכטיקן פריינד ספינאָזאָס און גרויסן פאַרערער פון זיין לערע, שטאַרק וויי געטון...

*

מיט וואָס דערקלערט זיך ספינאָזאָס חברן זיך מיט די קריסטלעכע סעק־טאַנטן? פּרווידענטאַל, אַן אַסימילירטער ייִד, וויל אונדז דווקא איינשמועסן, אַז ספינאָזאָ, אַנטוישט אין ייִדנטום, וועלכן ער איז אַמאָל געווען איבערגעגעבן בלב

נפש, האָט דערפילט אַ בלויז אין זיין לעבן און ער האָט דעריבער געזוכט אַ נייעם אינהאַלט און אַנהאַלט אין קריסטנטום. אין זיין פאַרבינדונג מיט די מע־נאָניטן און קאָלעגיאַנטן זעט פּרווידענטאַל ספּינאָזאָס רעליגיעזן דראַנג צו קריגן פון רעליגיעז־אינספּירירטע מענטשן אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט מיטן קריסטנ־טום. אַז דאָס איז אַ לעכערלעכע און אומזיניקע אינטערפּרעטאַציע פון ספּינאָזאָס מאָטיוון, קען איינזען יעדער אָביעקטיווער פאָרשער פון ספּינאָזאָס לעבן און שטרעבן. ספּינאָזאָס ריס מיט דער יידישער געמיינדע איז דאָך געווען דער פּועל־יוצא פון זיין שאַרפער קריטיק אויף די רעליגיעזע הויפּט־פּאָסטולאַטן, וואָס זענען אַזוי אייגן דעם קריסטנטום, ווי דעם יידנטום. און ספּינאָזאָ, וואָס די מקורות פון דער קריסטלעכער אמונה זענען פאַר אים געווען אַזוי אָפן, ווי פון דער יידישער, האָט זיכער נישט געדאַרפט גיין צו דער גאַנדז נאָך האָבער, נאָך אַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט דער קריסטלעכער לערע — דורך די סעקטאַנטן...

אָביעקטיוו און לאָגישער איז די מיינונג פון ספּינאָזאָס אַן אַנדער ביאָגראַף, מאַרטינעאָו. ספּינאָזאָ האָט נישט געזוכט קיין נייע אמונה, נאָר אים האָט גע־צויגן צו די סעקטאַנטן זייער פּראַטערנאַלע חברשאַפט, זייער טאָלעראַנץ אינעם ים פון אומטאָלעראַנץ, ווי אויך — און אפשר דער עיקר — זייער שטיצן די רעפּובליק אונטער דע־וויטן. אין אַנדערע ווערטער: עס איז געווען נישט קיין רעליגיעזע, נאָר אַן עטישע — און אַ פּאָליטישע — פאַרבינדונג צווישן ספּינאָזאָן און די סעקטעס, די קאָלעגיאַנטן און די מענאָניטן. דיזאָזיקע סעקטעס זענען געווען אַ וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אין שטיצן די פרייהייטלעכע האָלענ־דישע רעגירונג קעגן די רעאַקציאָנערע און אומטאָלעראַנטע פּאָדערונגען מצד דער רעפאָרמירטער קלערגיע. אויפן געביט פון רעליגיע האָט ספּינאָזאָ איינגע־שטימט מיט די סעקטאַנטן בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבן נעגירט, נישט אין דעם, וואָס זיי האָבן געגלויבט...

הגם ספּינאָזאָ האָט קיינמאָל מיט קיינעם נישט דיסקוטירט — אויף ווי ווייט דאָס איז באַוווּסט — זיינע מאָטיוון אין חברן זיך מיט די דערמאָנטע סעקטעס, לייגט זיך אָבער מאַרטינעאָוס אויסטייטש אויפן שכל. עס איז אין פולן הסכם מיט ספּינאָזאָס טעאָלאָגיש־פּאָליטישן געדאַנק און מיט זיינע האַנדלונגען. די סעקטאַנטן האָבן אָבער אויפגענומען ספּינאָזאָן ווי איינעם, וואָס איז אַ מאמין אין זייערע רעליגיעזע לערעס. דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט שפּעטער דערפירן צו קעגנזייטיקער אַנטוישונג. ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן דאָס גרויסע געשריי, נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“, ווען ספּינאָזאָס אַפּיקורסות, זענען, אין דער קעגנערשאַפט צום יידישן פילאָסאָף,

אָפּגעמעקט געוואָרן די מחיצות צווישן די סעקטעס און דער הערשנדיקער קירך. עס האָט זיך געשאַפן אַ פֿאַראייניקטער פראָנט פון שנאה צום „גאָט־לעסטערער“.

דער אַמסטערדאַמער יידישער פילאָסאָף איז געוואָרן פולשטענדיק איינזאַם, פאַרשטויסן פון אַלעמען, אַרומגערינגלט פון בלויז אַ קליינער גרופּע פריינד, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען דער מיסטעריעזער דאָקטער — דער דאָקטער, וואָס האָט „פאַרגעסן“ צוצושטעלן אַ באַריכט פון די אומשטענדן, אונטער וועלכע ברוך ספּינאָזאַ איז אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבן...

בודאַ און ספּינאָזאַ *)

...ווי איר ווייסט פון מיין בראָשור, „תעלומות מותו של שפינוזה”, האָב איך אַ לאַנגע צייט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל פאַרעפנטלעכן מיין טעאָריע (וואָס אין איר ריכטיקייט בין איך אויף די פולע הונדערט פּראָצענט איבערצייגט) מחמת מורא באַשולדיקט צו ווערן אין סענסאַציאָנאַליזם... עס האָט מיך אָבער נישט געלאָזט רוען און כ'האָב סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן מיין אינערלעכן דראַנג. אָבער אַפילו ווען מיין אַרבעט איז שוין פאַרעפנטלעכט געוועזן אין „הדואר”, ווי אויך ווען זי איז אַרויס אין אַ באַזונדערן אָפּדרוק און אין אַ בראָ־שור אויף ענגליש, בין איך אַלץ אומרו:יק געווען: עפּעס אַ קלייניקייט די אַחריות! קנאַפּע 300 יאָר האָט מען געשריבן ווערק אויף ווערק איבער ספּינאָזאַן, זיין לעבן און פילאָסאָפיע, און אַלע האָבן אָנגענומען, אָן קשיות, די ווערסיע, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, פון שווינדזוכט, און דאָ קום איך און דעק אויף אַ מאָרד!

די באַגייסטערטע אָפּרופן אויף מיין פאָרשונגס־אַרבעט אין דער פּרעסע און אין בריוו פון געלערנטע, צווישן זיי באַוווסטע ספּינאָזאַ־פאָרשערס, האָבן מיך אויפ־געמונטערט און געשטאַרקט. דער ערשטער אָפּרוף איז, ווי איר ווייסט, געקומען פון פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין, וועלכער דריקט אויס התפעלות פאַר מיין אויפטו און זיין איבערצייגונג, אַז איך בין גערעכט. האָט זיך דאָך איינשטיין מער ווי איין מאָל דעקלאַרירט פאַר אַ ספּינאָזיסט און זיין געניטשאַפט אין ספּינאָזאַס לערע און ביאָגראַפיע איז אַ טיפע, ווי עס איז צו זען פון זיין אַריינפיר צום נייעם ווערק איבער ספּינאָזאַן „ספּינאָזאַ דיקשאָנערי” — אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר דאַגאָבערט ד. רונעס (פילאָסאָפיקעל לייבראַרי, ניו־יאָרק).

---

*) פון אַ בריוו צו שלמה סוסקאָוויטש, רעדאַקטאָר פון דער דריי־חדשים־שריפט „דזוקאָ” (בוענאָס איירעס), פאַרעפנטלעכט אין ספּינאָזאַ־נומער (מאַי־סעפּטעמבער, 1952).

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דאָ אויך עפּעס זאָגן וועגן דעם חרם אויף ספּינאָזאַן, וואָס באַאומרויִקט די ייִדישע וועלט עד היום הזה. אין 1932 (חודש יוני) איז אין וואַרשע פאָרגעקומען „אַן עפנטלעכער פאָלקס־משפּט" איבערן חרם, מיטן אָנטייל פון אָנגעזעענע ייִדישע שריפטשטעלער און געלערנטע. אויף 1956, ווען עס וועט ווערן 300 יאָר זינט די אַמסטערדאַמער קהילה האָט דעם חרם אויסגע־רופן, גרייט זיך די ספּינאָזאַ־געזעלשאַפט אין מדינת ישראל אַראָפּצונעמען דעם חרם (און ד"ר יוסף קלויזנער האָט אים שוין מיט יאָרן צוריק „אַראָפּגענומען", אויף זיין אייגענער אַחריות)...

אין מיין ספּינאָזאַ־פאָרשונג שטעל איך זיך, ווי איר האָט באַמערקט, אויף דער זייט פון דער אַמסטערדאַמער קהילה. אַזוי ווי דאָס איז אַ סתירה צו דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין מיין עסיי „ברוך ספּינאָזאַ פאַרן געריכט" (אין מיין בוך „מענטשן און אידייען", וואַרשע, 1933), איז נייטיק אַן אויפקלערונג.

בייקאָנס באַרימט וואָרט, אַז אויבערפלאַכלעך דענקען פירט אַוועק פון רע־ליגיע, אָבער טיפער דענקען פירט צוריק צו רעליגיע, קען אָנגעווענדט ווערן נישט בלויז לגבי רעליגיע, נאָר לגבי אַ סך אַנדערע דערשיינונגען און פּאַסי־רונגען אין לעבן. אויבערפלאַכלעכער צוגאַנג צו פאַקטן פירט צו אַ פאַלשן אור־טייל, אָדער צו פאָראורטיילן. מיר, ייִדן, קרבנות פון אַ פלאַכער, אויבנאויפיקער אינטערפּרעטאַציע פון אונדזער געשיכטע, רעליגיע, כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און מנהגים, דאַרפן דאָס באַזונדערס געדענקען.

אַזאַ אויבערפלאַכלעכע אָפּשאַצונג פון דעם חרם אויף ספּינאָזאַן, בפרט, אַז מען גייט־אַרויס פון דער פאַלשער (אָבער, ליידער, וויט־פאַרשפּרייטער) הנחה, אַז מען האָט ספּינאָזאַן מחרים געווען צוליב זיין פילאָסאָפיע, בעת דער אמת איז, אַז קיין איינס פון זיינע פילאָסאָפישע ווערק איז נאָך דעמאָלט נישט פאַר־עפנטלעכט געווען, פאַרפירט אַ סך צו פאַרמשפּטן די ייִדישע קהילה פון אַמס־טערדאַם. אויך איך האָב זיך אין די ייִנגערע יאָרן געלאָזט פאַרפירן פון אַט־דעם אויבנאויפיקן צוגאַנג (באַזירט אויף אומריכטיקער אינפאָרמאַציע), וואָס האָט שפּעטער זיך אויסגעדריקט אין מיין דערמאָנטער עסיי. אָבער אַז מיר פאַרטיפן זיך באמת אין דער אומבאַקוועמער און טראַגישער לאַגע פון דער אַמסטערדאַמער קהילה און מיר משפּטן אָביעקטיוו — לויט די דעמאָלטדיקע באַדינגונגען און אין ליכט פון יענער תקופה, אַנשטאָט לויט אונדזערע איצטיקע באַגריפן און סענטימענטן — מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז די אַמסטערדאַמער ייִדישע קהילה האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט — אַן אויספיר, וואָס צו אים קומען אויך אַפילו געוויסע נישט־ייִדישע פאָרשערס, ווי ד"ר וויל דוראַנט (אין זיין „סטאָרי אָוו פילאָסאָפי").

*

איך וואָלט גערן נאָכגעקומען אייער פאַרלאַנג און אייך צוגעשיקט פאַרן ספּינאָזאַ־נומער „דווקא" אַ קאַפּיטל פון מיין אַרבעט וועגן דער אידענטיטעט צווישן ספּינאָזאָס פילאָסאָפיע און דעם בודיזם, וואָס ווערט דערמאָנט אין מיין בראַשור. אָבער מיט דער דאָזיקער אַרבעט איז געשען אַ מאָדנע זאַך — און איך גלויב, אַז עס איז כדאי וועגן דעם צו דערציילן.

ווען איך האָב מיט יאָרן צוריק זיך פאַראינטערעסירט אין בודיזם און זיך אַריינגעטון בלב ונפש אין דער בודיסטישער ליטעראַטור, האָב איך, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אַנטדעקט, אַז בודאס תורה און ספּינאָזאָס פילאָסאָפיע זענען אין תוך זייער ענלעך איינע אויף דער אַנדערער.ביידע זענען פּאַנטעיִסטיש (ווו אַלץ איז גאָט, און גאָט איז אַלץ). אין ביידע לערעס איז די העכסטע דער־גרייכונג, דאָס פולקומע גליק — דאָס אויפלעזן זיך אין דער אוניווערסאַלער אינטעליגענץ, אין דעם קאָסמישן איינס. אויך די לעבנס פון די ביידע גרויסע לערערס זענען אַזוי אידענטיש, אַז בודאַ זעט אויס ווי דער פּראָטאָטיפּ פון ספּינאָזאַן.

ספּינאָזאַ איז, ווי בודאַ, אַ נאה דורש ונאה מקיים. ביידע פירן אַ ממש אַסקעטיש לעבן, באַנוגנדיק זיך מיט דאָס סאַמע מינימאַלסטע. ביידע ווערן אין זייער צייט פאַרפאָלגט ווי אַפּיקורסים, אַטעיִסטן, בעת אַנדערע, סיי אין זייערע אייגענע תקופות און דער עיקר אין שפּעטערדיקע צייטן, דערקלערן זיי פאַר „גאָט־פאַרשיכורטע". בודאַ, דער פאַרלייקענער פון אַ פּערזענלעכן גאָט, ווערט דער נביא פון אַ נייער רעליגיע און טייל בודיסטישע סעקטעס (אין טיבעט און אין אַנדערע מקומות) האַלטן אים פאַר גאָט אַליין...

און ספּינאָזאַ? בעת ער ווערט פאַרשריגן, נישט בלויז פון רעליגיעזע פאַנאַ־טיקער, נאָר אויך פון פילאָסאָפיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן, פאַר אַן אַטעיִסט, פאַר דעם „פּרינץ פון אַטעיִזם", ווערט ער פון אַנדערע, סיי אין זיין אייגענער צייט, סיי אין די שפּעטערדיקע דורות, אויפגענומען ווי אַ „גאָט־פאַרשיכורטער" (פרידריך פאָן האַרדענבערג — נאָוואַליס). געטהע שרייבט, אין אַ בריוו צו יאַקאָבין: „ער (ספּינאָזאַ) באַווייזט נישט די עקסיסטענץ פון גאָט; עקסיסטענץ איז פאַר אים — גאָט". ערנסט רענאַן רופט אויס: „הערט, הערט, מיינע הערן, וואָס פאַראַ רעצעפּט דער פּרינץ פון אַטעיִזם פאַרשרייבט פאַר גליק: ליבע צו גאָט. ליב האָבן גאָט מיינט — לעבן אין גאָט". שלייערמאַכער, היינריך היינע און פאָן דאַלבערג (אין אַ בריוו צו הערדערן) פאַרגלייכן אים צו קריסטוסן... פאַראַן אַזוינע ספּינאָזאַ־פאַרליבטע, וואָס זענען איבערצייגט, אַז ספּינאָזיזם וועט זיין די רעליגיע פון דער צוקונפט.

מיין אַנטדעקונג וועגן דער אידענטישקייט פון בודיזם און ספּינאָזיזם האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ רושם, אַז ווען איך האָב אין אַ צייט אַרום מזכה געווען די יִדישע ליטעראַטור מיט אַ ווערק וועגן בודיזם — דאָס ערשטע אויף דעם געביט אין יִדיש („די רייד פון בודאַ״, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927), האָב איך דאָס בוך פאַרענדיקט מיט אַ קאַפּיטל וועגן דער ענלעכקייט פון די צוויי לערעס; אָבער אין לעצטן מאָמענט האָב איך באַשלאָסן אַרויסצונעמען דאָס קאַפּיטל, כדי פריִער זיך צו דערוויסן וואָס בודאַ־פאָרשערס און ספּינאָזאַ־פאָרשערס זאָגן וועגן דעם. דערווייל האָב איך זיך באַנוגנט מיטן אָנווייזן אויף דעם פּאַנטעיִזם פון תורת בודאַ.

אַז די ספּינאָזאַ־פאָרשערס זאָגן עפּעס וועגן דעם, איז ביי מיר קיין שום ספק נישט געווען. ווי קען עס אַנדערש זיין? אָבער דאָ האָט מיך דערוואַרט נאָך אַן איבעררעאַשונג. אין דער בודאַ־ביבליאָגראַפיע האָב איך נישט געפונען קיין אָנצוהערעניש אויף ספּינאָזאַן און אין דער ספּינאָזאַ־ביבליאָגראַפיע האָב איך זיך אינערגעץ נישט אָנגעשטויסן אויפן נאָמען בודאַ. ווי איז דאָס מעגלעך? אַזוי אומגלויבלעך איז עס מיר פאָרגעקומען, אַז איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די שולד איז מיינע: נישט גוט געזוכט, הייסט עס. דער ענין האָט מיך אָבער אומאויפהערלעך געריצט, ביז פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס די פילאָסאָפישע פאָרשערס האָבן נישט אַנטדעקט דאָס, וואָס ליגט פון אויבן־אויף און בעט זיך ממש אַנטדעקט צו ווערן:

— ספּעציאַליזירונג!

אין דער פילאָסאָפישער פאָרשונג האָט דער איינפיר פון ספּעציאַליטעט געגאָלטן לאַנג־לאַנג פריִער, איידער די טעכנישע ציוויליזאַציע האָט דאָס איינגעפירט אין דער אינדוסטריע, ווו קיינער מאַכט נישט קיין גאַנצע מאַשין, אָדער אַ גאַנץ מלבוש, נאָר יעדער איז ספּעציאַליזירט אויף איין טייל, אָדער טיילכל; צי ווי ס'איז אין דער מעדיצין, ווו איין דאָקטער איז אַ ספּעציאַליסט אויף האַרץ, אַן אַנדערער אויף די אויערן, אָדער די פיאַטעס, צי אויפן מוח, ווי יעדער אבר וואָלט געווען אַ זעלבסטשטענדיקער אַפּאַראַט, הגם די סיבה פון קאָפּ־ווייטיק קען אַמאָל ליגן אין דער פּיאַטע און — פאַרקערט...

אין פילאָסאָפישער שטודיע איז עס אַלעמאָל אַזוי געווען. דער, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אויף מערבדיקער פילאָסאָפיע, האָט נישט קיין מגע ומשא מיט דער אָריענטאַלישער פילאָסאָפיע. און אויפן געביט פון דער מערבדיקער פילאָסאָפיע, ווי אויפן געביט פון דער אָריענטאַלישער, זענען אויך דאָ באַזונדערע ספּעציאַליטעטן: קלאַסישע, מיטלאַלטערלעכע און מאָדערנע פילאָסאָפיע; אַנדערע ספּעציאַליזירן זיך — און פאַרקאָכן זיך — אין איין איינציקן פילאָסאָף: ווער אין

פּלאַטאָן, ווער אין קאַנטן, ווער אין ספּינאָזאַן, אַט ווי אין דער ליטעראַטור זענען דאָ ספּעצן אויף שעקספּירן, אָדער דאַנטען, אָדער געטהען. דער איינער פֿילאָסאָף, אָדער קינסטלער, ווערט ביי זיי זייער גאַנצער לעבנס־אינהאַלט.

האָט עס דערפֿאַר געקענט פּאַסירן, אַז בודאַ־פֿאַרשערס זאָלן נישט דערזען ספּינאָזאַן און ספּינאָזאַ־פֿאַרשערס זאָלן זיך נישט אָנשטויסן אויף בודאַן — בפֿרט נאָך, אַז דאָס זענען נישט קיין צווי גלייכע געביטן: ספּינאָזאַ איז פֿילאָסאָפֿיע און בודאַ — רעליגיע... ווען איך בין געקומען צו דעמדאָזיקן אויספֿיר, האָט מיך דער ענין בודאַ־ספּינאָזאַ גענומען נאָך מער באַאומרויִקן און זיך רייסן אויפֿן פּאַפּיר אַרויף. דערביי האָט שוין אויך געקיצלט דער צוגאָב־חשק צו זיין אַ נאָוואַטאָר, אַן אַנטדעקער — אַ נאַטירלעכע מענטשלעכע שוואַכקייט...

מחמת פֿאַרשיידענע טעמים — מסתמא דער עיקר צוליב דעם, וואָס איידער מען לאָזט זיך שווימען אין אַזעלכע צוויי אומגעהייערע ימען, ווי בודיזם און ספּינאָזיזם, מוז מען פֿריִער זיך גוט אונטערגאַרטלען — האָב איך זיך גענומען דערצו ערשט אָנהייב 1950. ווייזט אויס, אַז איך בין שוין געווען גוט צוגעגרייט דערצו, מחמת די אַרבעט איז געגאַנגען גלאַט, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, ביז — איך האָב איינמאָל דערציילט דעם באַוווסטן האָלענדיש־אַמעריקאַנער שריפֿט־שטעלער, פּיער וואַן פּאַאַסען, מכוח אָט־דער אַרבעט. וואַן פּאַאַסען האָט אַ ווייל געשוויגן, אַ פֿאַרטראַכטער, דאַן אַ זאָג געטון:

— דאַכט זיך, אַז ד״ר מלמד האָט אָנגעשריבן אַזאַ בוך!

איך בלייב אַ געפּלעפּטער. איך קוק־אָן וואַן פּאַאַסענען. זיכער איז ער נישט. איך אַליין דערמאָן זיך, אַז ד״ר ש. מ. מלמד האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער שרייבט אַ בוך וועגן ספּינאָזאַן, אָבער בודאַן האָט ער נישט דערמאָנט. אויף מאָרגן פֿרעג איך זיך אָן ביים באַוווסטן יידישן געלערנטן, ד״ר שמעון בערנשטיין, ווי אויך ביים באַוווסטן יידיש־ענגלישן שריפֿטשטעלער מאָריס סעמיועל — די אַלע, וועלכע זענען געווען ד״ר מלמדס נאָענטע פֿריינד — יאָ, זיי זענען זיכער, אַז מלמד האָט אַזאַ בוך. שאַ, זיי האָבן דאָס בוך ביי זיך. ניין, ס׳איז שוין נישטאָ. אין די בוכהאַנדלונגען איז עס אויך נישטאָ. אין דער שטאָט־ביבליאָטעק — יאָ.

ד״ר מלמדס בוך, וואָס הייסט: „בודהאַ ענד ספּינאָזאַ״, איז אַרויס אין 1933 דורך דער „יוניווערסיטי אָוו שיקאַגאָ פּרעס״ (שיקאַגאָר אוניווערסיטעט־דרוקעריי). פֿאַרוואָס ד״ר מלמד האָט פֿאַר מיר — און מסתמא פֿאַר אַנדערע — פֿאַרשוויגן בודאַן, איז מיר פֿאַרשטיילעך. קיינער וויל נישט אַרויסגעבן אַן אַנטדעקונג, איידער זי איז פֿאַרזיכערט; אָבער פֿאַרוואָס זיין בוך האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי איך בין דערנאָך געוווּיר געוואָרן, פֿאַרוואָס ס׳איז פֿאַר־

שוויגן געוואָרן און פאַרוואָס ס׳איז נישט רעגיסטרירט אין דער ספּינאָזאַ־ביבליאָגראַפיע, דאָס איז מיר נישט קלאָר.

*

הייסט עס, אַז ד״ר ש. מ. מלמד ע״ה, דער הויך־געבילדעטער שריפטשטעלער, וואָס האָט געשריבן פליסיק אין ייִדיש, העברעיִש, דייטש און ענגליש, איז געווען דער ערשטער צו אַנטדעקן די אידענטישקייט פון בודיזם און ספּינאָזיזם. ער האָט דערמיט זיך פאַרדינט די העכסטע אָנערקענונג, אָבער ער האָט אַזאַ אָנערקענונג נישט געקריגן. אפשר וועט מען ווען־ס׳איז אַנטדעקן מלמדס פאַרשוויגן בוך און דעם מחבר צוטיילן, זאָל זיין יאָרן און יאָרן נאָך זיין טויט, דעם געהעריקן שכר.

ס׳דאַרף אָבער דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז מלמדס ווערק ליידט פון אַ סך וויכטיקע חסרונות. דער ערשטער, אָבער נישט דער גרעסטער, חסרון איז, וואָס אַ ווערק וועגן בודאַ און ספּינאָזאַ הייבט ער אָן מיט — לענין, איוואַן דער גרויזאַמער, ביסמאַרק — און וויל דווקא האָבן, אַז אָט־די דריי זענען געווען ספּינאָזיסטן, „פּאַקטישע, אָדער טעאָרעטישע״... כאָטש דאָס איז נישט, ווי געזאָגט, דער גרעסטער חסרון פון דעם בוך, איז אַזאַ אָנהייב עלול צו פאַרטרייבן דעם אינטעלעקטועלן לעזער, און אפשר האָט דאָס טאַקע גורם געווען דאָס פאַרשווייגן מלמדס ווערק.

דער גרעסטער חסרון פון דעם בוך איז, וואָס ד״ר מלמד האָט לכתחילה אַוועקגעשטעלט אַ טעזע, אַז ספּינאָזאַ איז נישט קיין מערבדיקער פילאָסאָף, נאָר אַ מזרחדיקער רעליגיאָניסט, אַ רעליגיעזער אַנטפּלעקער, ווי בודאַ און אַנדערע נביאים און אַפּאָסטאָלן פון מזרח — דערפאַר זאָל ספּינאָזאַ זיין אַ פרעמדע פלאַנץ אין גאָרטן פון דער אָקצידענטאַלישער פילאָסאָפיע, אַ רעטעניש. איינמאָל אַרויסגערוקט אַזאַ טעזע, מסתמא כדי נאָך שאַרפער אונטערצושטרייכן די אידענטישקייט פון בודאַס און ספּינאָזאַס לערעס, מוז זיך שוין דער מחבר האַלטן ביי איר ביזן סוף און אָנווענדן אַלע סאָפיסטישע פּלפּולים, כדי זי צו באַרעכטיקן, הגם די טאַנדעט־שטעך פון אַזאַ טעזע וואַרפן זיך אין די אויגן אַפילו פון דעם נישט־צוגעגרייטן פילאָסאָפישן לייענער.

כאָטש די אידענטישקייט פון בודאַס און ספּינאָזאַס לערעס איז אַזוי בולט, זענען אָבערביידע געקומען צו זייערע אויספירן אויף צוויי פאַרשיידענע וועגן, דורך צוויי אַנדערשדיקע מעטאָדן: ביי בודאַן: רעליגיעזע מעדיטאַציע, דרשות, ווי ביי אַלע אַפּאָסטאָלן, און משלים; און ביי ספּינאָזאַן: פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעכע דעדוקציע און לאָגישע אַרגומענטאַציע, אין אַ געאָמעטרישן סדר, וואָס

מאַכט דעם וועג טאַקע שווער, אָבער דערשטוינט מיט זיין אויפטו — אַן אייגנ־אַרטיקע דערגרייכונג ספינאָזאַס: אַ מאַטעמאַטיק פון געדאַנקען, אויסגעדריקט אין ווערטער, אַנשטאָט אין ציפער־סימבאָלן.

דער צווייטער גרויסער חסרון פון ד״ר מלמדס ווערק איז, וואָס דער מחבר שאַפט דעם איינדרוק, הגם ער זאָגט נישט אַזוי בפירוש, אַז ספינאָזאַ האָט ממש קאָפּירט בודאַן, אָבער אויף אַן אייגנאַרטיקן, אָריגינעלן אופן. דאָס איז דורכויס פאַלש. ספינאָזאַ האָט כסדר אַנגעוויזן אויף די דענקערס, יידישע און נישט־יידישע, וועלכע האָבן אים משפיע געווען. ער גיט־אָן מיט גענויקייט אַלע מקורות, און אויב בודיזם וואָלט געהאַט וועלכע נישט־איז דירעקטע, אָדער אומדירעקטע השפעה אויף זיין געדאַנקענגאַנג, וואָלטן מיר דאָס זיכער זיך דער־ווּסט פון אים אַליין. שנית איז אין ספינאָזאַס צייט אינדיע מיט אירע רעליגיעס נאָך געווען פאַרהילט אין אַ געדיכטן שלייער פון מיסטעריע. די פאָרשונג פון די אינדישע לערעס איז נאָך געווען אין די וויקעלעך. הענרי אָלדענבורג, ספינאָ־זאַס ענגלישער פריינד און פאַרערער, איז געווען צווישן די ערשטע פאָרשערס פון די אינדישע רעליגיעס און ווען ער וואָלט געהעריק באַקאַנט געווען מיטן בודיזם, וואָלט ער זיכער אָנגעוויזן אויף דער ענלעכקייט צו ספינאָזאַס לערע. ספינאָזאַ אַליין דערמאָנט בלויז איינמאָל, אַגבֿ־אורחאדיק, „אינדישע רעליגיעס״, אין אַ בריוו צו זיין געוועזענעם תלמיד אלבערט בורג. קאָנטיק, אַז ער האָט ווייניק געוווּסט וועגן זיי.

די קלענערע חסרונות פון ד״ר מלמדס בוך (וואָס זיי באַווייזן אָבער, אַז דער מחבר איז נישט געווען צו שטאַרק געניט אין בודיזם) געפינען זיך אין די טייטשן פון בודיסטישע טערמינען: „אַטמאַן איז ביי אים סובסטאַנץ (ז׳ 241). אין אמתן איז אַטמאַן — „איך״, עגאָ. קאַרמאַ פאַרטייטשט ער: גלוסטונג, ווי אויך מעשה, טואונג (ז׳ 255). פאַלש. קאַרמאַ איז — גורל, קאַוזאַליטעט, דאָס געזעץ פון סיבה און פּועל־יוצא: שלעכטע מעשים שאַפן שלעכטע רעזולטאַטן; גוטע מעשים — גוטע רעזולטאַטן. אויך איז נישט ריכטיק מלמדס באַהויפּטונג, אַז „ביידע (בודאַ און ספינאָזאַ) האָבן באַטראַכט דאָס לעבן ווי אַ דרוק־פּעלער״ (ז׳ 275). נישט אמת. נישט בודאַ, נישט ספינאָזאַ האָבן נעגירט דאָס לעבן. זיי האָבן נאָר נעגירט די אילוזיעס, די פאַלשע באַגריפן און איינרעדענישן, וואָס קלעפּן זיך צום לעבן. אדרבא, אין לעבן, וואָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פון גאָט, האָבן זיי געזען שלמות.

אָבער נישט געקוקט אויף אָט־די און אַנדערע חסרונות, איז ד״ר מלמדס בוך אין אַלגעמיין אַ ווערטפול ווערק, אַ גרויסער אויפטו אין אָרויסברענגען, צום ערשטן מאָל, די אידענטישקייט צווישן בודאַס און ספינאָזאַס לערעס. איך

א. אַלמי

האָב צוליב דעם דאָזיקן בוך צעריסן די עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס איך האָב שוין געהאַט אָנגעשריבן, אָבער נאָכן איבערלייענען מלמדס ווערק, האָב איך איינגעזען, אַז מיין פאַרשטאָרבענער פריינד האָט ווייט נישט אויסגעשעפּט די טעמע. עס איז נאָך געבליבן גענוג וואָס מוסיף צו זיין...

*

נאָכדעם ווי מיין ספּינאָזאַ־בראָשור איז דערשינען, האָט זיך ביי אַ סך, אויב נישט ביי אַלע ,וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע ענינים, געשאַפן דער איינדרוק, אַז איך בין אַ ספּינאָזיסט, בפרט, אַז מיט אַ פּאָר יאָר פריִער האָט דער ספּינאָזאַ־אינסטיטוט פון אַמעריקע אַרויסגעגעבן מיינס אַ ביכל „מאַי קרעדאָ״ („מיין אני מאמין״), אָבער דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק. איך קען נישט אָננעמען קיין שום פילאָסאָפישע, רעליגיעזע, אָדער סאָציאַל־פּאָליטישע שיטה ווי זי שטייט און גייט. באַגרייפנדיק מיט מיין גאַנץ וועזן דעם אמת, אַז עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת — און אויב עס איז יאָ דאָ, איז דער מענטשלעכער שכל נישט ביכולת אים משיג צו זיין — איז מיר שווער צו פאַר־שטיין ווי אַ זוכנדיקער, פאָרשנדיקער גייסט קען זיך אַריינגלויבן אין דער, אָדער יענער לערע, ווי אַ פרומער ייִד אין תורת משה. איך בין אַ פאַרפאַלענער עקלעקטיקער!

וואָס ס׳איז שייך ספּינאָזאַן, האָט ער מיך אַלעמאָל אימפּאָנירט מיט זיין קאָלאָסאַלן געדאַנק און מיט זיין קרישטאָל־ריינער פערזענלעכקייט, מיט זיין מוסטערהאַפטן לעבן, וואָס הלוואי האָב איך דעם קוראַזש און ווילן צו קאָפּירן עס... קיין אַנדער פילאָסאָף האָט, דאַכט זיך מיר, נישט דערגרייכט אַזעלכע הויכן און טיפן, ווי ספּינאָזאַ.

אין אַנדערע ווערטער: ספּינאָזאַ האָט מיך מער פאַראינטריגירט — מער אַפּעלירט צו מיין גוסט, געדאַנק, געפיל און פאַנטאַזיע, — ווי וועלכער אַנדערער פילאָסאָף. דערמיט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיין ספּינאָזיזם!

אַנרי בערגסאָנס טעות

קאָלומבוס האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ קפיצת־הדרך קיין אינדיע און אָנגעקומען איז ער אין אַ נייער וועלט. אויף די עקסקורסיעס פון מענטשלעכן געדאַנק טרעפט אויך אַמאָל אַזאַ טעות. דער געדאַנק פאַרפירט דעם דענקער, אויף די וועגן און אומוועגן פון פאָרשונג און מעדיטאַציע, צו אַ פועל־יוצא, וואָס צו אים האָט ער לכתחילה נישט געצילט. ווי קאָלומבוס האָט איינגעזען זיין טעות, ווען דער קענער פון אינדישע דיאַלעקטן, וואָס איז מיט אים מיטגעפאָרן, איז נישט ביכולת געווען זיך צונויפצורעדן מיט די איינוווינער, אַזוי כאַפּט זיך אַזאַ דענקער, אַז ער איז אָנגעקומען נישט ווו ער האָט געמיינט, נאָר ערגעץ אַנדערש — מחמת עפּעס שטימט דאָ נישט. עפּעס רעדט זיך דאָ נישט צונויף...

ס׳טרעפט אויך, אַז אַ פאַרבלאָנדזשעטער דענקער לעבט אָפּ זיין גאַנץ לעבן אין טעות, נישט כאַפּנדיק זיך, אַז דער פּונקט, צו וועלכן זיין געדאַנק האָט דערגרייכט, איז אַ פרעמדער, נישט־געמיינטער ברעג; אָדער אַז דער הויפּט־שטראָם פון דעם קוואַל, וואָס ער האָט אַנטדעקט ערגעץ אין דער ווייט, געפינט זיך זייער נאָענט צו אים. וואַרפנדיק זיין בליק אין די מרחקים, האָט ער פאַר־זען, אַריבערגעקוקט, אַזוי צו זאָגן, דאָס, וואָס ליגט ממש ביי זיינע פיס, אויב נישט אין זיין אייגענער נשמה.

אין אַזאַ טעות האָט אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן אַנרי בערגסאָן, דער ייִדיש־פּוילישער פראַנצויזישער פילאָסאָף, וועלכער האָט אַוועקגעזעצט אויפן טראָן פון לעבן די אינטויציע, אויפן אָרט פון אינטעלעקט און וועלכער האָט געשעפּט פון פרעמדע קוואַלן, נישט חושד זייענדיק, אַז דער הויפּט־שטראָם איז אַ ייִדישער — דער שטראָם, וואָס האָט אָפּגעפרישט די נשמות פון זיינע פרומע ייִדישע זיידעס אין פוילן און האָט אַריבערגעקוואַלט אין זיין אייגענער נשמה אַריין.

בערגסאָן איז ביי זיך אַזוי זיכער געווען, אַז ער איז לכל הדעות העט־ווייט אַוועק פון ייִדנטום, פון זיין עלטער־זיידן ר׳ שמואל זביטקאָווער, ווי פון ייִדישן גייסט בכלל, אַז ווען זיינע אָפּאָנענטן האָבן אים אַמאָל פאָרגעוואָרפן, אַז זיין פילאָסאָפיע איז אַ ייִדישע, האָט ער סאַרקאַסטיש געענטפערט: איך בין אַ ייִד און מיינע אידייען ווערן פאַרמשפט פאַר זייער ייִדישקייט. איך וואָלט גערן גע־דאַרפט מודה זיין דערויף. די צרה איז אָבער, וואָס איך בין לחלוטין נישט זיכער אין דעם. ס׳וועט ריכטיקער זיין צו זאָגן, אַז איך בין זיכער אין אַ טיף התחייבות צו צוויי, אָדער דריי פילאָסאָפן, וואָס קיין איינער פון זיי איז נישט קיין ייִד... פון די דריי פילאָסאָפן, וואָס ער רעכנט אויס, פאַרנעמט דער גריך פּלאָטינוס דאָס ערשטע אָרט. פלאָטינוס, אַ מעטאַפיזיקער, וואָס מאַטעריע איז ביי אים געווען בלויז אַן אימאַזש, אַ שוואַכער רעפלעקס פון דער אומענדלעכער גייסטי־קייט, האָט געפּרעדיקט דעם איינס, די איינסקייט און איינהייט פון באַשעפער — אַ לערע, וואָס איז נאָענט דעם ייִדישן גייסט און הימל־ווייט פון דעם קריסט־לעכן באַגריף פון דער דריי־איניקייט.

דאָס איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון בערגסאָנס רום. שפּעטער פאַלט ער אַרונטער אונטער דער השפּעה פון די קאַטוילישע מיסטיקער, דער עיקר פון טאָמאַס אַקווינאַס און פון די נעאָ־טאָמיסטן. דער הייליקער טאָמאַס איז, ווי מיר ווייסן, געווען נישט בלויז אונטער דער השפּעה פון רמב״ם, נאָר אויך זיך באַ־נוצט מיט זיינע ראיות צו באַווייזן די געטלעכקייט, בעת די פאָרעם פון זיין ווערק האָט ער געבאָרגט ביים אַראַבישן פילאָסאָף אַוועראָעס (אבן איל וואַליד איבן רושד), אַ מוסולמאַנער פון ייִדישן אָפּשטאַם (געבוירן אין 1112 אין קאָר־דאָוואַ). זיינע ווערק זענען פאַרברענט געוואָרן צוליב אַפּיקורסות און ווען נישט געוויסע ייִדישע געלערנטע פון שפּאַניע, וואָס האָבן זיינע ווערק איבערגעזעצט אויף העברעיִש (פון וואַנען זיי זענען שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין), וואָלט מען פון אַוועראָעסן אַפילו נישט געוווסט.

ס׳וואָלט זיך געפאָדערט אַ גרעסערע אַרבעט, כדי נאָכצוגייין בערגסאָנען טריט־ביי־טריט און אויספונקטירן די ייִדישע השפּעות — אַפילו קבלה און חסידיזם — וואָס זענען צו אים דערגאַנגען דורך פרעמדע קוואַלן און שמואל זביטקאָווערס אור־איניקל האָט אַפילו דאָס נישט חושד געווען. הגם, דאָ און דאָרט, פילן מיר בפירוש בערגסאָנס ראַנגלעניש קעגן דעם ייִד אין זיך, ווי מיר ווען דאָס ווייטער זען. ווייזט אויס, אַז זיינע נישט־איבעריק ייִדנפריינטלעכע אָפּאָנענטן, וואָס האָבן אים פאָרגעוואָרפן ייִדישקייט, האָבן אים בעסער פאַר־שטאַנען ווי ער זיך אַליין... ער אַליין איז, ווי געזאָגט, איבערצייגט געווען, אַז ער איז ווייט־ווייט אַוועק פון זיין ייִדישן יחוס און ירושה. ווי ווייט איז ער באמת

אַוועק — פּאַרמעל? ווען שלמה סוסקאָוויטש, דער רעדאַקטאָר פון דער דריי־חדשימדיקער שריפט „דווקא" אין בוענאָס־איירעס, האָט זיך גענומען צוגרייטן אַ ספּעציעלן בערגסאָן־נומער, ווי ער האָט פריער אַרויסגעגעבן אַ ספּינאָזאַ־נומער, האָט ער דערהערט פּראָטעסטן, ווי ער האָט מיר געשריבן, הלמאי ער ווידמעט אַ נומער פון זיין זשורנאַל — אַ משומד...

נו, בערגסאָן איז פּאַרמעל קיינמאָל נישט אַרויס פון יידישן גדר, הגם ער האָט געהאַט אַזאַ כוונה. זשאַק מאַריטען, דער קאַטוילישער־פּאַרשיכורטער פילאָסאָף און בערגסאָנס אַ נאָכגייער, ציטירט בערגסאָנס צוואה, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1937, ווען היטלערס מלחמה קעגן יידישן פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפלאַקערן. אין דער צוואה שרייבט בערגסאָן: „מיינע נאָכטראַכטענישן האָבן מיך דערפירט נענטער צום קאַטוילציזם, אין וועלכן איך זע די פולע דערפילונג פון יידנטום. איך וואָלט זיך געשמדט, ווען איך וואָלט נישט געזען ווי יאָרן שוין גרייט זיך אַ שרעקלעכע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האַלט ביים פאַרפלייצן די וועלט. איך האָב געוואָלט פאַרבלייבן צווישן די, וועלכע וועלן מאָרגן פאַרפאָלגט ווערן. אָבער איך האָף, אַז אַ קאַטוילישער גלח וועט מסכים זיין, אויב דער קאַרדינאַל־אַרציבישאָף פון פּאַריז אויטאָריזירט דאָס, צו קומען מתפלל זיין אויף מיין לויה". מיר ווייסן אויך, אַז ווען די היטלער־האָרדעס האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין פּאַריז, האָט ער זיך פרייוויליק רעגיסטרירט פאַר אַ ייִד, כאָטש דער זקן האָט געהאַט די מעגלעכקייט, צוליב זיין באַליבטקייט ביים פראַנצויזישן פאָלק און וועלט־רום, צו זיין פריווילעגירט, אָדער עוקר זיין פון פראַנקרייך.

דער ייִד אין אים, דער גייסט פון זיין פרומען וואַרשעווער עלטער־זיידן, ר' שמואל זביטקאָווער, האָט בערגסאָנען נישט געלאָזט אַרויסטרעטן פון דער יידישער עדה. דער פילאָסאָף פון אינטויציע ראַנגלט זיך כסדר, סיי אינטויטיוו, סיי באַוווסטזיניק, קעגן דעם עלטער־זיידן. אַמאָל איז מנצח דער ערשטער און אַמאָל דער אַנדערער. אַן אייביקער קאַמף אין דעם ווען פון דעם דענקער, וואָס זיין לערע צייכנט זיך אויס מיט מער ווידערשפּרוכן ווי וועלכע אַנדערע פילאָסאָפיע, אפשר טאַקע צוליב דער מלחמה אין אים צווישן יידישקייט און קאַטוילישקייט, אָדער פשוט — נישט־יידישקייט... אים ציט צו קאַטוילציזם, מחמת ער זעט דערין די פולע דערפילונג פון יידנטום. דאָס הייסט, אין אַנדערע ווערטער, אַז נישט דער קאַטוילציזם, נאָר דאָס שלימותדיקע יידנטום, ווי ער פאַרשטייט עס, לאָקט אים אַזוי... איז פאַרוואָס גייט ער טאַקע נישט פאַרמעל איבער צום קאַטוילציזם, — פּאַרדאָן! צום העכסטן פונקט פון יידנטום? — מחמת מיטגעפיל צו יידן, כדי צו בלייבן צווישן זיי אין עת־צרה... בקיצור, אַלע־

מאָל און אומעטום — ייִדן און ייִדישקייט. דער אַלטער ויתרוצצו צווישן יעקב און עשו: איז רבקה פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ בית־המדרש, האָט זי יעקב געשטויסן; איז זי פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ קלויסטער, האָט זי עשו געשטויסן...

און אין וואָס באַשטייט, אייגנטלעך, בערגסאָנס קאַטוילישקייט, זיין קאַטויליִשער מיסטיציזם? אויף דעם איז נישט גרינג צו ענטפערן. אַפילו בערגסאָן האָט דערויף נישט קיין קלאָרן און באַשטימטן ענטפער. ס'זאָל הייסן, אַז זיין דערנענטערן זיך צום קאַטויליציזם איז צוליב דעם, וואָס דורך די קריסטלעכע מיסטיקערס קומט צום אמתן — און העכסטן אויסדרוק די אינטויִציע. אָבער אַז מען באַצייכנט אים פאַר אַ מיסטיקער, וואַרפט זיך דער פילאָסאָף אָפּ דערפון, ממש אַ באַליידיקטער, ווי בינעי, איינער פון בערגסאָנס אויסטייטשער, דער־ציילט. ס'איז יאָ מיסטיציזם און נישט מיסטיציזם. ס'איז עפּעס אַנדערש... וואָס איז דאָ כלל שייך קאַטוילישע אמונה? דער סאַמע עיקר, דער יסוד פון קאַטויליציזם, ווי פון קריסטנטום בכלל, איז די הייליקע טריניטעט — פאָטער, זון און הייליקער גייסט. אָבער אין בערגסאָנס פילאָסאָפיע איז נישט נאָר נישטאָ קיין דריי, נאָר אַפילו קיין איינס. דער פילאָסאָף גלויבט פשוט נישט אין קיין טראַנסצעדענטאַלן גאָט, נאָר אין אַן „איבערבאַוווסטזיין"... דערצו באַזירט זיך זיין לערע אויף פרייען ווילן און נאָך פון אַזאַ עקסטרעמען מין, וואָס קיין אַנדער דענקער ביז אים איז קיינמאָל צו אַזוינס נישט דערגאַנגען — בעת דער קאַטויליציזם איז, ווי מיר ווייסן, דורכויס דעטערמיניסטיש. טאָ צו וואָס דאַרף בערגסאָן אַ קאַטוילישן גלח, וואָס זאָל מתפלל זיין אויף זיין לויה? מתפלל זיין — צו וועמען? צום „איבער־באַוווסטזיין"?...

די מעשה איז, וואָס בערגסאָן איז אַ שטימונגס־מענטש. דאָס, וואָס זעט ביי אים אויס ווי אידייע, איז גאַנץ אָפט נישט מער ווי שטימונג. ער מאַכט כסדר אַ טריט פאָרויס און אַ טריט צוריק. זיין „מאַטעריע און זכרון" (1896) איז אין טאָן, אין שטימונג אַ סך קאַטוילישער ווי זיין „קרעאַטיווע עוואָלוציע" (1907). דאָס ערשטע ווערק האָט קאַטויליש משפיע געווען זשאַק מאַריטענען (צווישן אַ סך אַנדערע), בעת דאָס צווייטע ווערק האָט באַוויגן דעם קאַטויליש־באַזויפענעם מאַריטען, זיך אָפּצורוקן, אויב נישט אַן אַנטוישטער, איז אַ דערשטוינטער, פון זיין רבין... בערגסאָן האָט בכלל אַ טבע זיך צו וואַרפן מיט הנחות, נישט אַריינ־טראַכטנדיק זיך אין זייער לאָגיק און פאַרלאָזנדיק זיך צופיל אויף אינטויִציע.

אַזוי, למשל, קומט ער צום אויספיר (אין „מאַטעריע און זכרון"), אַז דאָס גייסטיקע (דערין דער שכל) איז דורכויס אָפּגעזונדערט פון מאַטעריע, כאָטש זיי מישן זיך אין לעבן. אַזוי ווי די מוח־צעלן, ווי די אַנדערע צעלן אין קערפּער, שטאַרבן כסדר און אַנדערע ווערן אויף זייער אָרט געבוירן, איז, בכן, אוממעגלעך,

אַז אונדזערע דערפאַרונגען, זכרון וכו׳, זאָלן רעקאָרדירט ווערן אין די מוח־צעלן, ווי פסיכאָלאָגן האַלטן. פאַרוואָס אוממעגלעך? אויב ס׳איז מעגלעך אַז פאַרעם, אייגנשאַפטן, כאַראַקטער און קאָליר זאָלן גענעטיש אַריבערגיין פון פאָטער צו קינד אין לויף פון דורות — פאַרוואָס זאָל זיין אוממעגלעך, אַז די „אוועקגייענדיקע״ צעלן זאָלן איבערגעבן זייערע אייגנשאַפטן — דערפאַרונגען, זכרון — די נייע צעלן?

ממש קינדיש איז בערגסאָנס ביישפיל, אין דעמזעלביקן ווערק, צו באַווייזן, אַז קיין זאַך, וואָס עקסיסטירט, הערט קיינמאָל נישט אויף צו עקסיסטירן, „וואָס דאָס ווערט, — שרייבט ער, — אויף אַ דראַמאַטישן אופן באַשטעטיקט אין דעם פאַל, ווען פאַר אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, שוועבט האַסטיק פאַרביי אין זכרון זיין גאַנץ לעבן, אַפילו אין די קלענסטע פּרטים״. פון וואַנען וויים דאָס בערגסאָן? וועלכער דערטרונקענער האָט דאָס אים דערציילט? דער אמת איז, אַז דאָס איז אַ ווייט־פאַרשפּרייטער פאָלקס־אַבערגלויבן, צו וועלכן דער פילאָסאָף האָט נאָך מוסיף געווען אַ גוזמא, אַז מען געדענקט אַפילו די קלענסטע דעטאַלן. ער באַנוצט דאָס ווי אַ פאַקט, בעת דער פאַקט איז, אַז מענטשן, וואָס מען האָט אָפּגעראַטעוועט פון דערטרונקען ווערן, האָבן דערציילט, אַז אַלץ, וואָס זיי האָבן געפילט בעתן טרינקען זיך, איז פאַרצווייפלונג און אַלץ, וואָס זיי האָבן געטראַכט, איז ווי צו ראַטעווען זיך, ביז — זיי האָבן פאַרלוירן זייער באַוווסטזיין. מער געדענקען זיי נישט. זייער נישט־געדענקען לייקנט, נאַטירלעך, נישט אָפּ דעם געדאַנק פון אייביקייט, ווי בערגסאָנס קינדערשער, און אין אַלע פאַלן אומוויסנשאַפטלעכער ביישפיל — באַשטעטיקט נישט די אייביקייט. אָבער אַזוי איז בערגסאָן כסדר אין זיינע באַהויפּטונגען און גאָר באַזונדערס אין שייכות צום יידנטום און קריסטנטום.

שוין אַזוי פרי ווי אין 1911 האָט אַרטור דזשיימס באַלפור, וועלכער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע בריטישע פילאָסאָפן, אָנגעוויזן דערויף, אַז אין זיין „קרעאַטיווע עוואָלוציע״ איז בערגסאָן נישט דערגאַנגען צו טעלעאָלאָגיע, צום מקור המקורות, צו דער סיבה פון אַלע סיבות. און לאָרד באַלפור פרעגט אַפילו מיט חידוש: „פאַרוואָס האָט ער נישט צוגעלאָזט גאָט,״ אָנווייזנדיק אויף די צעשוומענע באַגריפן פון פרייען ווילן און איבערבאַוווסטזיין ביי בערגסאָנען, באַטאָנט באַלפור, אַז „אין זיין פילאָסאָפיע איז דאָס איבער־באַוווסטזיין אַזוי אינדעטערמינירט, אַז עס טאָר נישט פאַרנעמען זיך מיט וועלכן עס איז צוועק״ *)... „דעם איבער־באַוווסטזיין איז נישט נאָר אומבאַקאַנט זיין קורס, זיין

*) *Arthur James Balfour*: Essays, Speculative and Political. London-New York, 1911.

וועג, נאָר אויך זיין ציל (וווהין ער זאָל וועלן אָנקומען) און דאָס, איז באַלפור מסביר, איז דערפאַר, וואָס בערגסאָן האַלט, אַז אָט־די זאַכן זענען נישט בלויז אומבאַוווּסט, נאָר מען קען זיי נישט וויסן. „אָבער, — פרעגט ער, — איז דען נישטאָ אַ געוויסער קאָנפליקט צווישן דער סובסטאַנץ פון אַזאַ פילאָסאָפיע און די סענטימענטן, וואָס זענען אַסאָציאירט מיט דעם אויטאָר? קרעאַטיוויטעט, פרייהייט, ווילן — דאָס זענען בלי ספק גרויסע זאַכן, אָבער מיר קענען זיי נישט לאַנג באַוווּנדערן, וויבאַלד מיר ווייסן נישט זייער גאַנג״... אויסדריקנדיק זיין איבערצייגונג, אַז מיר קענען נישט פילן קיין פרייד און נישט קיין באַפרידיקונג פון אָנשטרענגונגען, וואָס זענען כמעט צוועקלאָז, קומט באַלפור צום אויספיר, אַז „אויב מיר זאָלן זיך רעכענען מיט ווערטן, איז זיכער בעסער אָנצונעמען גאָט מיט אַ צוועק, ווי אַן איבער־באַוווּסטזיין אָן אַ צוועק״...

באַלפורס באַמערקונגען וועגן בערגסאָנען זענען אמת היינט, ווי זיי זענען געווען אין 1911, ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן. זינט דעמאָלט איז בערגסאָנס פילאָסאָפיע געוואַקסן אין דער ברייט, אָבער נישט אין דער טיף און נישט אין דער הייך און זי איז נישט שטאַרקער געוואָרן אין אירע הויפּט־טעזיסן. אַזאַ למדן אין בערגסאָנס פילאָסאָפיע און אין פילאָסאָפיע בכלל, ווי פּראָפ׳ אַרטור בערנטסטאָן, כאַראַקטעריזירט בערגסאָנס לערע ווי „אַ פילאָסאָפיע, וואָס איז באַזונדערס רייך אין סוגעסטיע, אָבער קימערט זיך נישט פאַר פאַקטישן באַווייז *). אַפילו וועגדעל טאָמאַס, וואָס האָט אָנגעלייגט אַ סך מי צו געפינען גאָט ביי וויסנשאַפטלער און פילאָסאָפן, האָט אים נישט געקענט געפינען ביי בערגסאָנען. אַלץ, וואָס ער קען אין דעם פּרט זאָגן, איז — אַז „מיט בערגסאָנען, וואָס זיין אינטויציע פירט צוריק צו דעם דירעקטן און אוממיטלבאַרן וויסן פון פּלאָטינוס און פּלאַטאָן, קערט זיך דאָס פּראָבלעם (פון גאָט) אום צו די פּאַר־צייטישע״ **).

בערטראַנד ראַסעל, דער גרויסער בריטישער מאַטעמאַטיקער און פילאָסאָף, איז אַזוי דענערווירט פון בערגסאָנס לערע און זיין אָוועקזעצן אויפן טראָן די אינטויציע, אויפן אָרט פון ציל־באַוווּסטן שכל, אַז ער גיט אַזאַ סאַרקאַסטישע כאַראַקטעריסטיק פון דער בערגסאָנישער פילאָסאָפיע: „אין לעצטן סך־הכל, — שרייבט ער, — איז דער אינטעלעקט דעם מענטשנס אומגליק, בעת דעם אינסטינקט זעען מיר אין זיין בעסטן אויסדרוק אין מוראַשקעס, אין בינען און אין — בערגסאָנען״...

---

*) *Arthur Berndtston:* Vitalizm (History of Philosophical Sistems), New York, 1948.
**) *Wendel Thomas:* Science and Faith, New York, 1946.

*

אַז מען טראַכט זיך אַריין אין די ראַנגלענישן אין בערגסאָנען צווישן דעם ייִד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום באַגריף פון ייִדנטום און דעם געבילדעטן אייראָפּייער, פאַר וועמען אַלע קוואַלן פון וויסן זענען געווען אָפן, בלייבט קיין ספק נישט, אַז ווען דער פילאָסאָף, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ ריזן־בנין אויף עלאַן וויטאַל, דעם אייביק־דויערנדיקן לעבנס־פּלוס, וואָס איז אין זיך כולל אַלץ, צייט, רוים, געטלעכקייט; און אינטויִציע, וואָס זי — און נישט דער באַשרענקטער שׂכל — איז דער איינציקער מעדיום, דורך וועלכן תּופס צו זיין וועלט און לעבן, — וואָלט געהאַט אַ צוטריט צו די אָריגינעלע ייִדישע קוואַלן, וואָלט זיין פילאָסאָפיע אַן אַנדער פּנים געהאַט, טיפער געווען אין אינהאַלט און איינהייטלעכער, גאַנצער, נישט צעריסן אין שטענדיקן קאָנפליקט.

פאַר בערגסאָנען, וואָס ער רעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג (אין זיין ווערק „די צוויי מקורות פון מאָראַל״) וועגן דעם מיסטישן און דינאַמישן שטראָם פון וויטאַליטעט, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט דורך דעם אַפּאָסטאַל פּוילוס (שאול פון תּרשיש), דער הייליקער קאַטערינע פון סיענאַ, פראַנציס ד׳אַסיסי, זשאַן ד׳אַרק און אַנדערע קריסטלעכע הייליקע — וואָלט זיך אויפגעראַלט אַזאַ אומגעהייערע גייסטיקע און מיסטישע פּאַנאָראַמע פון ייִדישער קדושה, הייליקע מענטשן און הייליקע באַגריפן, צדיקים, מקובלים, רוח החיים, רוח הקודש, נגלה און נסתר, דבקות, קידוש־השם וכו׳ — אַז די קאַטוילישע מאַניפעסטאַציעס פון דינאַמישן לעבנס־שטראָם וואָלטן בטל געוואָרן בששים אין דעם געוואַלטיקגרעסערן און עלטערן שטראָם פון לעבנס־דינאַמיק.

און דער עיקר: בערגסאָנס פרייער ווילן, וואָס איז, ווי מיר האָבן פריִער געזען, נישט מער ווי שאָפּענהויערס „בלינדע לעבנס־ווילע״, אָן אַ פּלאַן, אָן אַ תּכלית און אָן אַ כּוונה און עס איז דעריבער קיין חילוק נישט, צי דער מענטש גייט פאָראויס, אָדער צוריקוועגס — אָט־דער בערגסאָנישער באַגריף פון בחירה חפשית, וואָס איז נישט ייִדיש, נישט קאַטויליש און נישט לאָגיש, וואָלט באַקומען אַ תּיקון, אַ ייִדישן תּיקון, אויב שמואל זביטקאָווערס אור־אייניקל וואָלט געהאַט ייִדיש וויסן און געטראַכט ווי אַ גאַנצער מענטש — ווי אַ ייִד...

אָבער בערגסאָן איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען, נישט דאָס, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זיין, אָדער וואָס מיר וואָלטן געוווּנטשן, אַז ער זאָל האָבן געווען... עס קענען זיין פאַרשיידענע מיינונגען וועגן בערגסאָן דעם פילאָסאָף און דעם ווערט פון זיינע ווערק, אָבער עס קענען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין וועגן בערגסאָנען דעם שריפטשטעלער, דעם גייסטרייכן און וווּנדערלעכן סטי־

ליסט; די, וואָס האָבן בערגסאָנען נישט נאָר געלייענט — נאָר אויך געהערט — זיינע לעקציעס און רעפעראַטן — פאַרזיכערן, אַז בעל־פה איז ער געווען פונקט אַזאַ וווּנדערלעכער און שפּרודלדיקער סטיליסט, ווי בעל־פּען. זיין השפעה אויף דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — און דורך איר אויף אַנדערע ליטעראַטורן — איז אפשר גרעסער ווי אויף דער פילאָסאָפיע. לפי־דעתי איז ער געווען מער אַ פילאָסאָפישער דיכטער, ווי אַ פילאָסאָף, אָדער אפשר זאָלן מיר פאַראַפראַזירן אַן אַלט ווערטל און זאָגן, אַז בערגסאָנס ווערק זענען מער דיכטונג ווי וואָרע פילאָסאָפיע?...

סאַנטאַיאַנאַ און די גריכישע געטער

מיט דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַס אידייען בין איך באַקאַנט דער עיקר פון זייך „קיצור־געשיכטע פון מײַנע מיינונגען" (אין אַדאַם און מאָנטאַגיוס „קאָנטעמפּאָראַרי אַמעריקען פילאָסאָפי"), בעת אַנדערע פילאָסאָפישע ווערק זײַנע האָב איך בלויז געבלעטערט — אפשר מחמת מײַן אײַנגעבוירענעם ווידערווילן צו מאַטעריאַליזם, אַלצאיינס צי דאָס איז פון מעכאַניסטישן, דיאַלעקטישן, צי פּראַגמאַטישן, אָדער פון נאַטוראַליסטישן מין (צו וועלכן עס געהער סאַנטאַיאַנאַס פילאָסאָפיע). סאַנטאַיאַנאַס מיינונגען, שיין־אַרויסגעזאָגטע, האָבן מיך נישט אַרויסגעהויבן פון בענקל, ווי זײַן ביטול פון ייִדישן מאָנאָטעיִזם און אידעאַליזירונג פון גריכישן פּאָליטעיִזם. — אַ מיינונג זײַנע, וואָס איז מיר באַקאַנט געווען פון פריִער, — האָט מיך נישט איבערגעראַשט. שוין געהערט.

אין דער נישט־ייִדישער באַציִונג צום ייִדנטום זענען געקומען צום אויסדרוק איבערהויפּט דריי מיינונגען, וואָס געוויסע ייִדישע געלערנטע און שרײַבערס האָבן, לײַדער, אָנגענומען פאַר גוטע מטבעות און זיי איבערגעזאָגט אָן וועלכע עס איז רעזערוואַציעס:

1. ייִדן האָבן נישט געשאַפן קיין פילאָסאָפיע. זיי זענען געווען שפּעריש אויפן רעליגיעזן געביט, אָבער אויף זייער שכל האָט זיך נישט געלייגט קיין פילאָסאָפישע ספּעקולאַציע. דער אײַנדרוק, וואָס דידאָזיקע מיינונג רופט אַרויס, איז — אַז די וועלט פאַרגינט אונדז פשוט נישט קיין צוויי קרוינען, סײַ די רעליגיעזע, סײַ די פילאָסאָפישע, און מען האָט צוליב דעם ווי בכיוון פאַרמאַכט די אויגן נישט נאָר אויף די אוניווערסאַלע, עטיש־פילאָסאָפישע אידייען אין תנ"ך, דער עיקר ביי די נביאים און אין משלי, איוב און קהלת, נאָר אויך אויף דער רײַכער מיטלאַלטערלעכער ייִדישער פילאָסאָפיע. עס איז אַלץ רעליגיע! מילא,

זאָל זײַן אַזוי. זאָל זײַן אײַן קרוין, די רעליגיעזע. האָט מען דאָס אויך נישט פאַרגונען.

2. ייִדישער מאָנאָטעיִזם? עס הייבט זיך נישט אָן. ייִדן האָבן אים געלקחנט פון די עגיפּטער. משה קבל תורה מפרעה אכענאַטאָן... (אָט־דאָס האָט אויך נאָכ־געזאָגט „אונדזער" זיגמונד פרויד אין זײַן בוך „משה", קנייטשנדיק וויסנשאַפט־לעך־פרום דעם שטערן). דערבײַ האָט מען זיך געמאַכט פאַרגעסן, ראשית, אַז אכענאַטאָנס מאָנאָטעיִזם איז פאַקטיש געווען פשוטע זון־געצנדינסט; שנית, אַז דער ייִדישער מאָנאָטעיִזם ציט זײַן טראַדיציע נאָך פון אברהמען. אָבער אויך דאָ וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן: מילא, זאָל זײַן געלקחנט, אָבער זעט, אדרבא, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון דעם אַטאָניזם, פון דעם כלומרשטן עגיפּטישן מאָנאָ־טעיִזם — אַן אוניווערסאַלע, גייסטיקע אידייע. אָבער אויך דאָס פאַרגינט מען אונדז נישט*).

3. מאָנאָטעיִזם! — רופט מען אויס — אויך מיר אַ מציאה! דאָס איז סעקטאַנטישקייט, פאַנאַטיזם, וואָס מוז פירן צו אומטאָלעראַנץ. דאָס העכסטע און שענסטע איז פּאָליטעיִזם, פּאַגאַניזם — אָט ווי בײַ די פילאָסאָפישע גריכן!... דאָס איז אויך סאַנטאַיאַנאַס מיינונג, הגם מיט אַן אַנדער כוונה.

למען האמת זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז מען טאָר נישט פאַרמישן אין איין טאָפּ די אַלע, וואָס רוקן אַרויס איינעם, אָדער צוויי, אָדער אַלע דרײַ דערמאָנטע פּונקטן. נישט בײַ אַלע, וואָס דענקען אַזוי, איז דער מאָטיוו, אָדער סענטימענט, אַן אַנטי־ייִדישער. און אַוודאי טאָר מען נישט פאַרמישן סאַנטאַ־יאַנאַס אידעאַליזאַציע פון גריכישן פּאָליטעיִזם מיט פאַלקענהיינס און אַלפרעד ראָ־זענבערגס צוריקרופן די גערמאַנען צו וואָטאַן און טאָר, אַפילו נישט מיטן פּאַגאַ־ניזם פון די „כנענים" אין מדינת ישראל. אויב שוין דווקא צושטעלן צו סאַנטאַ־יאַנאַן אַן אידייען־חבר, וועט זיך גיכער פּאַסן דער העברעיִשער פּאָעט שאול טשער־ניכאָווסקי, הגם בײַם לעצטן איז דער גריכישער און באַבילאָנישער פּאָליטעיִזם מער פּאָעזיע ווי אידייע...

האָב איך, ווי געזאָגט, נישט געחידושט זיך אויף סאַנטאַיאַנאַס מיינונג וועגן ייִדישן מאָנאָטעיִזם און גריכישן פּאַגאַניזם, כאָטש עס לוינט זיך זיכער אַרײַנצו־טראַכטן אין די קרומקייטן פון דער לאָגיק בײַ אַזאַ גראַדדענקענדיקן פילאָסאָף, ווי עס איז דער מחבר פון „לייף אָוו ריזאָן". אָבער עס ווערט יאָ דער אמתער

*) און ס׳איז אַ גוטע סברה, אַז אכענאַטאָן, וועלכער האָט זיך אויפגעפירט „דע־מאָקראַטיש", אַרומגעגאַנגען אינקאָגניטאָ צווישן פאָלק, זאָל האָבן גענאַשט די מאָנאָטע־איסטישע אידייע פון די בני־ישראל, וואָס האָבן געשקלאָפט אין מצרים.

חידוש, ווען דענקענדיקע ייִדישע מענטשן, וואָס דער קאַמף צווישן ירושלים און רוים־אַטען, צווישן דעם ייִדישן און דעם געצנדינערישן וועלט־באַנעם, איז ביי זיי ניט סתם אַ טעמע פאַר אינטעלעקטועלן פלפול, נאָר היסטאָרישע לעבנס־דערפאַרונג, דערשפּירן נישט די קרומקייטן פון אַזאַ לאָגיק, ווי די, וואָס קומט צום אויסדרוק ביי סאַנטאַיאַנאַ אין שייכות מיט דעם איצט־דיסקוטירטן ענין.

איז דאָס נישט סימפּטאָמאַטיש פאַר די שטימונגען, אָדער טענדענצן, ביי אַ געוויסן טייל פון אונדזער אינטעליגענץ, ווען אַזאַ דענקענדיקער און אומאָפּהענגיקער פּובליציסט און עסייאיסט, ווי לייבוש לעהרער, אידענטיפיצירט זיך מיט סאַנטאַיאַנאַס ביטול פון ייִדישן מאָנאָטעיִזם און אידעאַליזאַציע פון געצנדינסט, ווי דאָס אַנטפּלעקט זיך אין לעהרערס אַרטיקל וועגן „סאַנטאַיאַנאַס צוגאַנג צו רעליגיע" („ייִדישער קעמפער", 12טער דעצעמבער, 1952)?

„דורך אַ פאַרגלייך צווישן דעם אַלט־ייִדישן און גריכישן צוגאַנג, — שרייבט לייבוש לעהרער, — ברענגט סאַנטאַיאַנאַ אַרויס זיין פילאָסאָפישן בליק אויף רעליגיעזע איבערלעבענישן". און פריינד לעהרער אילוסטרירט דאָס מיט אַ ציטאַט פון סאַנטאַיאַנאַ: „כדי מיר זאָלן קענען פאַרשטיין דידאָזיקע ענינים, דאַרפן מיר זיי אַרויסנעמען פון דער צעהיצטער און פאַנאַטישער אַטמאָספערע, מיט וועלכער די ייִדישע טראַדיציע האָט זיי אַרומגערינגלט. די ייִדן האָבן קיין פילאָסאָפיע נישט געהאַט און ווען זיי האָבן זי געוואָלט אויפקלערן און באַרעכטיקן, איז ביי זיי אַרויסגעקומען אַ קינדישע סכאָלאַסטיק און אַ מוראדיקע אומטאָלעראַנץ. די פראַגע וועגן מאָנאָטעיִזם, למשל, איז געווען אַ שרעקלעכע פראַגע ביי ייִדן. געצנדינעריי איז נישט באַשטאַנען אין דינען צו אַ גאָט, וואָס פאַרדינט דאָס נישט, ווייל ער איז נישט אידעאַל, נאָר אין אָנערקענען אַנדערע געטער, אַחוץ דעם איינציקן, צו וועלכן מען דינט אין ירושלים".

„אַנדערש, — שרייבט ווייטער סאַנטאַיאַנאַ, — איז געווען ביי די גריכן. זייער פילאָסאָפיע איז געווען אַן אויפגעקלערטע, אַן עכטע, זענען ביי זיי מאָנאָטעיִזם און פּאָליטעיִזם געווען אינגאַנצן אומשולדיק און האַרמאָניש. ביי זיי, צו זאָגן גאָט, אָדער געטער, האָט בלויז געהייסן באַנוצן פאַרשיידענע אויסדרוק; פאַר דעם זעלביקן איינפלוס, וואָס אָט זעט מען זיין איינסקייט אין זיין שייכות צו דער גאַנצער עקסיסטענץ, און אָט זעט מען אים אין זיינע פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס אין מאָראַלן לעבן, אין דער נאַטור, אָדער אין דער געשיכטע. דעריבער איז דאָס, וואָס מיר טרעפן אויף טריט און שריט ביי פּלאַטאָנען, אַריסטאָטלען און ביי די סטאָיִקער — אַ קאָמבינאַציע פון מאָנאָטעיִזם און פּאָליטעיִזם — נישט קיין סתירה, נאָר בלויז אַן אינטעליגענטע פאַרשיידנקייט אין אויסדרוק, צו ווייזן די פאַרשיידענע אַספּעקטן, אָדער פונקציעס אין פיזישע און מאָראַלע

זאָכן, ווען רעליגיע באַווייזט זיך פאַר אונדז אין אַזאַ ליכט, פאַרלירן אירע סתירות און וויכוחים זייער גאַנצע ביטערקייט. יעדער אני־מאמין ווערט פשוט רעפּרעזענטירן די מאָראַלע פלאַך, אויף וועלכער עס לעבן די, וואָס האָבן אים אָנגענומען. אויף אַזאַ אופן וועלן רעליגיעס זיין בעסער, אָדער ערגער, קיינמאָל נישט אמת, אָדער פאַלש. מיר וועלן דעמאָלט זיין פעיק זיך איבערצוגעבן צו יעדער באַזונדער און אַרויסציִען פון איר דעם סוד פון איר אינספּיראַציע".

אויב מיר זאָלן בשום אופן נישט וועלן אַרויסהערן פון די נאַר־וואָס ציטיר־טע שורות אַ געוויסע אַלטע טענה, אַז דער שורש פון אומטאָלעראַנץ איז אין ייִדנטום, און דווקאַ קומען צו אַזאַ אויספיר, צו וועלכן עס קומט לייבוש לעהרער, אַז „אַזאַ בליק אויף דעם ענין שטעלט אַוועק אויף גאָר אַנדערע רעלסן די פראַגע וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ" און אַז „די פראַגע ווערט דאָ מער ווי פאַרענט־פערט, זי ווערט בכלל אָפּגעשאַפט" — זענען מיר אָבער אוממאַכטיק קעגן דעם היסטאָרישן זכרון, וואָס דערמאָנט אונדז, ווי אויף להכעיס, ווי די פּאָליטעיִס־טישע — און טאָלעראַנטע, ווערליק סאַנטאַיאַנאַן, — גריכן, רוימער און אַנדערע געצנדינערישע פעלקער פלעגן מיט פייער און שווערד אַרויפצווינגען זייערע געצן, זייערע אמונות, אויף די שטעט און לענדער, וואָס זיי האָבן דעראָבערט, און דערביי צעשטערן די הייליקייטן פון די באַזיגטע.

די פּאָליטעיִסטישע רוימער, — נישט וויסנדיק פון סאַנטאַיאַנאָס פאַר־זיכערונג, אַז פּאָליטעיִזם גראַמט זיך מיט טאָלעראַנץ, — האָבן געפּייניקט די ערשטע קריסטן, ווי די מאַמינים פון דער דריי־אייניקייט האָבן שפּעטער געפּיי־ניקט ייִדן און אַנדערע אַנדערשגלויביקע. אויב סאַנטאַיאַנאָן האָט געפעלט אומ־מיטלבאַרער היסטאָרישער זכרון, דאַרף אים אַ ייִד, צי אַפילו אַ נישט־ייִד, וואָס געדענקט, דערמאָנען. אָבער ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז סאַנטאַיאַנאַ זאָל טאַקע האָבן פאַרגעסן ווי אייפערזיכטיק די געטער אויפן אָלימפּוס זענען געווען איינע אויף די אַנדערע, ווי זיי האָבן אינטריגירט, קאָנספּירירט און זיך קעגנזייטיק געממיטט... אויב דער פילאָסאָף האָט אַפילו פאַרגעסן די ביטערע מערכה פון דעם געטלעכן פּראָמעטעאוס, וואָלט ער כאָטש געדאַרפט געדענקען דעם סוף פון זיין קאָלעגע־פילאָסאָף סאָקראַטעס, וואָס איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט פאַר דער זינד פון אַראָפּפירן די יוגנט פון דעם (געצנדינערישן) דרך־הישר".

ער וואָלט אויך געמעגט געדענקען דעם גורל פון אַנאַקסאַגאָראַס און שפּע־טער פון אַריסטאָטל, וואָס זענען פאַרפאָלגט געוואָרן פון די „טאָלעראַנטע" פּאָלי־טעיִסטן פאַר זייער אַפּיקורסות לגבי דער שטאַט־רעליגיע. ביידע האָבן געמוזט אַנטלויפן, כדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס...

אויב מיר געדענקען דאָס יאָ, איז שוין, דאַכט זיך, איבעריק צו זאָגן, אַז

די מעלות־טובות, וואָס סאַנטאַיאַנאַ געפינט אין דער גריכישער פיל־געטעריי (פּאָליטעיזם), אַז זיי, די געצן, זענען בלויז פאַרשיידענע אויסדרוקן פאַר דעם זעלביקן איינפלוס, פון איין כוח, איז בלויז זיין אייגענע אינטערפּרעטאַציע, וואָס איז לא היה ולא נברא אין דער פאָלקישער פּראַקטיק פון געצנדינסט, בעת די קאָמבינאַציע פון מאָנאָטעיזם און פּאָליטעיזם ביי פּלאַטאָנען, אַריסטאָטלען און די סטאָיקער, אויף וועלכער סאַנטאַיאַנאַ ווייזט אָן, איז נישט מער ווי אַ סינטעז פון פיגוראַטיווע אויסדרוקן, אין גייסט פון זייער צייט און זייער לשון, ווי עס זענען די אַנטראָפּאָמאָרפישע שילדערונגען פון דער אַבסטראַקטער אוניווערסאַלער געטלעכקייט ביי די נביאים *). מיט דער געצנדינערישער פּראַקטיק האָט די פילאָסאָפישע אויפפאַסונג פון פּאָליטעיזם דעם מינדסטן שייכות נישט געהאַט. אויך קען קיין רייד נישט זיין פון אַן אָנזעעוודיקער פילאָסאָפישער השפּעה אויפן פאָלק און זיין לעבנס־שטייגער אין גריכנלאַנד, ווי אַ שטייגער, די השפּעה פון דת משה און פון די נביאים אויפן פאָלק אין יהודה און ישראל. די „חכמי אתונא" זענען געווען אַן אָפּגעשלאָסענע קאַסטע אין עלפנביינערנעם טורעם פון ספּעקולאַטיוון געדאַנק, אָן שום פאַרבינדונג מיט דעם לעבן און שטרעבן פון פאָלק, מיט דער באַלדיקער רעאַליטעט. אַן אויסנאַם איז אפשר געווען סאָקראַטעס, וועלכער איז (לויט פּלאַטאָנען) „געגאַנגען אין פאָלק", ווי דער יידישער נביא, אָדער ווי קאָנפוציוס אין כינע, אפילו, ווען מיר נעמען אָן, אַז סאָקראַטעס איז מער דיכטונג — פּלאַטאָנס שאַפונג — ווי אמת...

*

וואָס עס איז שייך סאַנטאַיאַנאַס באַהויפּטונג, אַז „יידן האָבן קיין פילאָסאָפיע נישט געהאַט" און ווען עס איז געקומען צו לאָגישער אויפקלערונג, איז „ביי זיי אַרויסגעקומען אַ קינדישע סכאָלאַסטיק", איז דער פילאָסאָף אויך דאָ נישט אָריגינעל. ער זאָגט דאָ בלויז איבער, וואָס אַנדערע האָבן שוין געזאָגט פאַר אים. הגם אין די לעצטע יאָרן האָט מען שוין אויך אין דער נישט־יידישער וועלט אָנגעהויבן מודה זיין, מיט אַ האַלב מויל דערוויילע, אויף אַ יידישער פילאָסאָפיע, נישט נאָר אין מיטלאַלטער, נייערט אויך אין סאַמע תנ"ך.

די יידישע פילאָסאָפיע האָט, אייגנטלעך, געטיילט דעם גורל פון דער

**) טאַטיאַן (אין מיטן פון 2טן יאָרהונדערט, קריסטלעכער צייטרעכענונג) און דערנאָך קלעמענט (פון דער „אַלעקסאַנדריער שולע"), ביידע וויכטיקע פיגורן צווישן די ערשטע „קריסטלעכע פילאָסאָפן", האָבן אַנגעוויזן, אַז די גריכישע פילאָסאָפן האָבן אַ סך גענומען פון יידישן געדאַנק, פון יידישע קוואַלן, אַז פּלאַטאָן האָט „געבאָרגט" פון משהן אאַז"וו.

אָריענטאַלישער פילאָסאָפיע בכלל. דער אָקצידענטאַלישער קולטור־היסטאָריקער און דענקער איז אַזוי פאַרשיכורט געווען פון דער גריכישער פילאָסאָפיע, אַז ער האָט קיין צייט און קיין געדולד ניט געהאַט פאַרן אָריענט. דאָרט איז בלויז רעליגיע! — האָט ער סנאָביש אָפּגעפּטרט די טעכניש־צוריקגעשטאַנענע מזרח־לענדער. ווי לאַנג איז עס ווי מען האָט אַנטדעקט די אומגעהייערע קולטור־אוצרות פון כינע, פון אינדיע? מיטאַמאָל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אינדיע און כינע האָבן געהאַט גרויסע דענקערס „איידער רוים איז געבויט געוואָרן און איידער סאָקראַטעס, אָדער פּלאַטאָן האָבן זיך באַוויזן אין גריכנלאַנד". מאַקס מילער, גראַף קייזערלינג, בערטראַנד ראַסעל און אַנדערע גרויסע אייראָפּעיִשע גייסטער פאַלן כורעים פאַרן קאָלאָס פון דעם אָריענטאַלישן געדאַנק. אמת, אין אָריענט, דער עיקר אין אינדיע, זענען רעליגיע און פילאָסאָפיע איינס, אָדער לאָמיר זאָגן, אַז דאָרט איז די רעליגיע — פילאָסאָפיע און די פילאָסאָפיע — רעליגיע, נו, איז דאָס אַ חסרון? ניין, מען האַלט עס שוין מער נישט פאַר קיין חסרון. מען האָט אָפּנים איינגעזען, אַז די ריינע פילאָסאָפיע פון דער רעליגיע קען גאַנץ גוט הויזן מיט דער ריינער רעליגיע פון דער פילאָסאָפיע...

ל. אַדאַם בעק שרייבט אין איר „געשיכטע פון דער אָריענטאַלישער פילאָ־סאָפיע": „עס איז שווער צו ציִען אַ זיכערע און פעסטע ליניע צווישן פילאָסאָפיע און רעליגיע (ביי די אָריענטאַלער). דאָס איז אַלעמאָל אַזוי געווען, אַפילו אין דער מאָדערנער צייט, און עס איז באַזונדערס שווער אין אינדיע, וווּ רעליגיע איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז זי מאָדעלירט נאָך אַלץ די גאַנצע אויסערלעכע פאָרם פון לעבן, אַפילו נאָך שטאַרקער ווי ביי יידן. דערפאַר... ווען מען שרייבט מכוח אינדישער פילאָסאָפיע, קען מען זי קיינמאָל נישט אָפּשיידן פון רעליגיע". זייער ריכטיק געזאָגט, און די רעוועלאַציע פון אָט־דעם פאַקט, ווי ער ווערט אַרויסגעבראַכט פון אַדאַם בעקן און אַנדערע פאָרשערס פון אָריענטאַלישער חכמה, האָט ממילא אויך געעפנט, מיט אַ סך פאַרשפּעטיקונג, די טיר צו דער יידישער פילאָסאָפיע.

די פאָרשערס פון רעליגיעזן געדאַנק ביי יידן האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז „אויב אין פאַרצייטישן מלכות ישראל איז נישט אויפגעקומען קיין פאָרמאַלע פילאָסאָפיע, איז אָבער פילאָסאָפישע רעפלעקסיע געקומען צום אויסדרוק ווי אַ פונקציע פון רעליגיע", ווי דער יידישער געלערנטער, פּראָפ׳ סעמיועל ס. קאָהאַן, סומירט דעמדאָזיקן אמת אין זיין רעפּרעזענטאַטיווער אַרבעט מכוח „פאַרצייטי־שער יידישער פילאָסאָפיע" (אין פוירמס „געשיכטע פון פילאָסאָפישע סיסטעמען").

פּראָפ׳ קאָהאַן באַטאָנט ווייטער, אַז „די גרעסטע דערגרייכונג פון די נביאים אויפן געביט פון רעליגיע, וואָס איז פון אַ דעפיניטיווער פילאָסאָפישער באַדיי־

טונג, איז די לערע פון עטישן מאָנאָטעיזם. אין היפוך צו די גריכישע פילאָסאָפן, וועלכע זענען געקומען צו זייערע טעיִסטישע אידייען דורך דער ספּעקולאַציע וועגן דער פילזייטיקייט פון דער נאַטור, האָבן זיי (די נביאים) אַנטדעקט גאָטס איינציקייט און איינציקאַרטיקייט דורך זייער אינטויִטיוון אַריינבליק און מאָראַלישער דערפאַרונג... אין די פריִע שילדערונגען פון גאָט ווערן אָן צוריקהאַלט געברויכט אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן. מיט דער וואַקסנדיקער ראַפינירונג פון רעליגיעזן געדאַנק ווערן זיי באַנוצט פאַרזיכטיק ווי אומשעדלעכע פּאָעטישע שפּראַך־מליצות, אָן וועלכע ס'איז קוים מעגלעך איבערצוגעבן די אידייע פון גאָטס פערזענלעכקייט... ישעיה דערקלערט, אַז גאָט איז גייסט און נישט קיין חומר... עטישער מאָנאָטעיִזם האָט געגעבן אַ פילאָסאָפיע פון געשיכטע".

נאָכדעם ווי פּראָפ' קאָהאָן אַנאַליזירט די הויכע מאָראַל־פילאָסאָפיע פון עמוס, ישעיה, ירמיה און אַנדערע נביאים, און שטרייכט אונטער די גרויסע און טיפע פילאָסאָפישע ווערטן פון משלי, איוב און קהלת, גייט ער איבער צו בן־סירא און דער העלעניסטישער עפּאָכע און פאַרענדיקט מיטן רבנישן ייִדנטום — דאָס אַלץ אויפן שטח פון אַ באַשרענקטער עסיי — אַזוי קאָנדענסירט קיצור־דיק, דאָך אַזוי פיל געזאָגט און אַזוי פיל באַוויזן — איבערגענוג צו פאַרשעמען סאַנטאַיאַנאַס לייכטזיניקע באַהויפּטונג מכוח די „אומפילאָסאָפישע ייִדן" און זייער „קינדישע סכאָלאַסטיק", וואָס נישט ווייניק דענקנדיקע און גוט־מיינענדיקע ייִדן, צווישן זיי אונדזער לייבוש לעהרער, אַקצעפּטירן ווי אַן אַקסיאָם, אָן שום באַוואָרענישן.

*

מיר שטייען מיטן גרעסטן יראת־הכבוד פאַר דער ווונדערלעכער דערשיינונג פון דער גריכישער פילאָסאָפיע, אָבער די אַנציקונג פאַר איר טאָר אונדז בשום אופן נישט בלינד מאַכן צום נישט ווייניקער ווונדערלעכן ייִדישן אויפטו.

דיאַגענעס און באָנטשע שוויַיג

ערגעץ אויפֿן ראַנד
פֿון שאָטן־לאַנד,
צווישן אייביקייט און צייט,
באַגעגענען זיך צוויי לייט:
דיאָגענעס, דער גריך,
דער גרויסער טראַכטער און פֿאַראַכטער,
און באָנטשע שוויַיג, דער ייִד —
דער אויסגעטראַכטער.

זאָגט דיאָגענעס: דו, באָנטשע, ביסט געבוירן געוואָרן אין דער שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע, איך — אין אַ מוטערס טראַכט. צווישן אונדז ליגט אַ מהלך פֿון דריטהאַלבן טויזנט יאָר. איצט זענען מיר ביידע דאָ. איז דאָס נישט מאָדנע? פּלאַטאָן, — בין איך, דער גרויסער ציניקער, איצט מודה — איז פֿאָרט גערעכט געווען: אַלץ איז אידייע. די ריינע רעאַליטעט, דער סאַמע עסענץ פֿון עקסיסטענץ, איז — די אידייע. מיר טראַכטן און רעדן אידייען. דיין העכסטער ווונטש, למשל, די בולקע מיט פּוטער, איז אַזאַ אידייע. עמעצער האָט אַמאָל געהאַט אַן אידייע דערפֿון. די אידייע איז פֿאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ פֿאַקטועלער, אַקטועלער בולקע מיט פּוטער. די אידייע, אָדער אור־אידייע, פֿון דער בולקע מיט פּוטער האָט זיך געעיערט אין דיין קאָפּ, אין דיין גאַנץ וועזן — ביז זי האָט אָנגענומען אַ מאַטעריעלע פֿאָרם, אָבער ערשט דאָ אין דער אוממאַטעריעלער וועלט, אין דער אומענדלעכער אימפּעריע פֿון דער ריינסטער — אַבסטראַקטער — אידייע, פֿאַרשטייסט, באָנטשע?

באָנטשע הערט און שוויַיגט.
באָנטשע שוויַיגט און הערט.

זאָגט דיאַגענעס: דערפאַר איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן מיר און דיר — צווישן דעם געבוירענעם אין אַ מוטערס טראַכט און דעם געבוירענעם אין אַ דיכטערס פאַנטאַזיע. איצט זענען מיר ביידע דאָ, צוריקגעקערטע צום מקור. די אידייע פון שעפערישן געדאַנק איז אַזוי רעאַל און אַזוי אייביק, ווי דער געלעבטער מענטש, וואָס איז, ווי געזאָגט, אויך אַן אידייע. שעקספיר, די אידייע, וואָס איז געוואָרן אַ באַרימטער דראַמאַטורג, און האַמלעט, וואָס איז געוואָרן שעקספּירס אידייע, באַגעגענען זיך דאָ.

האָסטו זיך שוין דאָ באַגעגנט מיט דיין באַשאַפער, פּרץ? אויב דו וועסט דאָ זען שלום עליכמען שפּאַצירן מיט טוביה דעם מילכיקן און מנחם מענדלען, זיי נישט איבערגעראַשט, מחמת די לעצטע צוויי זענען פּונקט אַזוי לעבעדיק, אַזוי רעאַל און אַזוי אמת, ווי דער ערשטער — וואָרן אַלע דריי זענען זיי אידייען. און זיי נישט איבערגעראַשט, וואָס איך, אַ פּאַרצייטישער גריך, בין באַהאַוונט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אין דער וועלט פון אַבסטראַקטע אידייען איז נישטאָ דער עלעמענט פון רוים־צייט, נישט קיין לענדער־גרענעצן און נישט קיין שפּראַכן־מחיצה. אָט רעד איך צו דיר. וואָס רעד איך? נישט גריכיש, נישט יידיש, נישט קיין קלאַנג אַפילו — און דאָך פאַרשטייסטו מיך. פאַרשטייסטו מיך טאַקע?

באַנטשע הערט און שווייגט.
באַנטשע שווייגט און הערט.

זאָגט דיאַגענעס: ווייסט, באַנטשע, וואָס מיך האָט צוגעצויגן צו דיר? די אידענטיטעט פון אונדזערע נאַטורן. דו, ווי איך, האָסט גאָרנישט געוואָלט, גאָר־נישט באַדאַרפט. און דאָס איז, באַנטשע, די העכסטע מדרגה. ווי לאַנג דער מענטש דאַרף נישט, ווינטשט נישט, גלוסט נישט — איז ער גליקלעך און די וועלט איז פאַר אים אַ גן־עדן, אָט ווי אין דער מעשה מיט אדם און חוה אין אייער חומש. אַלע צרות, פּלאָנטערנישן, פאַלשקייטן און אומגליקן הייבן זיך אָן מיטן וועלן, מיטן חשק.

ווייסטו, באַנטשע, אַז איך האָב נאָך ווייניקער געדאַרפט, נאָך ווייניקער געוואָלט, ווי דו? דו האָסט געטראָגן עפּעס אַ מלבוש, שיך, געהאַט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. אָבער איך? איך האָב אַ נאַקעטער געוווינט אין אַ פאַס אויף אַן אַטענער גאַס. האָב אַפילו אַוועקגעוואָרפן מיין איינציקן באַזיץ, אַ שעפּ — און געשעפּט וואַסער צום טרינקען מיט די הענט. ס'איז נאָר דאָ איין אונטער־שייד צווישן דיין נישט דאַרפן און מיין נישט דאַרפן. דו האָסט נישט געדאַרפט, ווייל — דו האָסט נישט געדאַרפט, און איך האָב נישט געדאַרפט, כאָטש איך

וואָלט יאָ געדאַרפט, נאָר איך האָב אויסגעפילאָסאָפירט, אַז מען דאַרף נישט דאַרפן... פאַרשטייסט?

באַנטשע הערט און שווייגט.

באַנטשע שווייגט און הערט.

זאָגט דיאָגענעס: דו, באַנטשע, האָסט געוואָלט אַ בולקע מיט פּוטער און איך? — האָסט אפשר געהערט דעם ענטפער, וואָס איך האָב געגעבן דעם מעכּטיקן מלך, אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע, ווען ער איז געקומען קיין אַטען זיך באַקענען מיט מיר.

— זאָג מיר, דיאָגענעס, וואָס דיין ווונטש איז, — רעדט ער צו מיר אין פאַס אַריין, — און אַלץ, וואָס דו וועסט ווינטשן, וועט דיר געגעבן ווערן — אויף מיין קיניגלעך ערן־וואָרט!

— איך וויל דאָס ליכט פון דער זון! — האָב איך אים געענטפערט, — רוק זיך אָפּ פון מיין פאַס, פאַרשטעל מיר נישט די זון!

כאַ־כאַ־כאַ! איז ער דאָס געבליבן שטיין אַ דערשטווינטער, אַ פאַרגאַפטער, ווי אַ גולם — דער מאַכטיקער באַצווינגער פון לענדער און אימפּעריעס! ער האָט דערוואַרט, אַלעקסאַנדער, אַז איך וועל פאַרלאַנגען אַ קיניגרייך, אָדער כאָטש, אַז ער זאָל מיין פאַס אָנפילן מיט גאָלדענע אימפּעריאַלן... און דאָ גאָר — דאָס ליכט פון דער זון! כאַ־כאַ־כאַ!

נאָר... ווייסטו, באַנטשע? ס'האָט מיר דערנאָך באַנג געטון. כ'האָב געדאַרפט עפּעס בעסערס פאַרלאַנגען. כ'וואָלט אים געדאַרפט זאָגן — ווייסט וואָס? אָט־וואָס, באַנטשע:

— אדוני מלך, אַלעקסאַנדער דער גרויסער! אויף דיין קיניגלעך ערן־וואָרט ביסטו מיר מבטיח צו דערפילן מיין יעדן ווונטש! נו, גוט — און זאָל גאַנץ אַטען הערן! — מיין ווונטש איז, אַז דו, גרויסער מלך, זאָלסט זיך אויסטאָן נאַקעט און אַריינקריכן אָט־דאָ, אין מיין פאַס אַריין!

דו פאַרשטייסט עפּעס, באַנטשע, אין וואָס פאַראַ פאַרלעגנהייט איך וואָלט אַוועקגעשטעלט זיין גרויסן מאַיעסטעט, פאַר וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געציטערט? זאָגט ער זיך אָפּ צו דערפילן מיין ווונטש, ברעכט ער דאָך דערמיט זיין קיניגלעך ערן־וואָרט און ער ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט. איז ער יאָ מקיים מיין ווונטש און ער קריכט טאַקע אַריין אַ נאַקעטער אין מיין פאַס אַריין — שטעל דיר פאַר ווי דער גרויסער קריגס־העלד און באַצווינגער, וואָלט אויסגעזען אַ נאַקעטער אין פאַס!

ס'וואָלט זיך, באַנטשע, צעקראַכט אַזאַ געלעכטער, וואָס וואָלט ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן פון הודו ביז כוש, פון אַטען ביז אינדיע און ביז פּערסיע און ביז

די הרי־חושך. פעלקער און לענדער וואָלטן געקייכט פון געלעכטער — און פון געלעכטער וואָלט אַלעקסאַנדערס גאַנצע אימפעריע געפּלאַצט!

יאָ, באַנטשע, געלעכטער — דאָס איז דאָס שטאַרקסטע געווער צו פאַר־טיליקן הערשער, טיראַנען, דיקטאַטאָרן. פאַרשטייסטו, באַנטשע? און וואָס וואָלסט דו, באַנטשע, פאַרלאַנגט ווען מען פרעגט דיך איצט נאָכאַמאָל וואָס דיין ווונטש איז?

און באַנטשע שעפּטשעט שטיל,
זייט דורך קוים דורך די ציין:
מיין ווונטש וואָלט איצט געווען —
צו קענען אייך פאַרשטיין...

סאָקראַטעס — אַ היסטאָרישע פיגור, אָדער אַ לעגענדע?

איז סאָקראַטעס אַ היסטאָרישע פיגור, אָדער ער איז ווי איוב — לא היה ולא נברא? פאַר דעם, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור וועגן דער גריכישער פילאָסאָפיע, דער עיקר אין שייכות צו סאָקראַטעסן, וועט די קשיא קלינגען ווילד: וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע, צי סאָקראַטעס, דער גרויסער פילאָסאָף, דער „גרעסטער גריכישער פילאָסאָף", ווי טייל באַצייכענען אים, האָט עקסיסטירט?

דער פאַקט איז, אַז ביז מיט אַ יאָר פופציק צוריק האָט צווישן די פאָרשערס פון גריכישער פילאָסאָפיע ווייט אַריבערגעוויגן די מיינונג — מער ווי אַ מיינונג: די זיכערקייט — אַז סאָקראַטעס איז מער דיכטונג, ווי וואָר. ס'הייסט, אַז ס'איז געווען אַזאַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען און ער איז געווען באַקאַנט אין אַטען, אָבער ער איז געווען אַ פשוטער, דורכשניטלעכער מענטש, איינער פון פאָלק. די פילאָסאָפן פלאַטאָן און קסענאָפאָן — און איבערהויפּט דער ערשטער — האָבן אים גענומען פאַר אַ טעמע, פאַר אַ „כאַראַקטער", אָדער גאָר פאַר אַ מאַסקע אין זייערע ווערק און אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין זייערע ווערטער און אידייען.

ווען נישט פלאַטאָן וואָלט מען כלל נישט געוווּסט פון סאָקראַטעסן, וואָרן פון סאָקראַטעסן אַליין איז נישטאָ קיין איין געשריבן וואָרט, קיין איין דאָקומענטאַלער באַווייז פון זיין פילאָסאָפישער עקסיסטענץ. עס קען זיין, אַז אין אָנהייב האָט פלאַטאָן באַנוצט סאָקראַטעסן טאַקע בלויז ווי אַ מאַסקע. פלאַטאָנען, דעם אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט געמוזט „האַלטן שטאַט", זיין „שטייף אויסגעפרעסט", האָט נישט געפּאַסט, אָדער ער האָט מורא געהאַט — אָדער ביידע צוזאַמען —

אַרויסצוקומען עפנטלעך מיט אידייען, וואָס וואָלטן שאָקירט די פיינע געזעל־שאַפט, דער עיקר די פּאָליטיקער, די שטאַטסלייט, די רעגירער (ווי אויך דעם קלער), וואָס זענען געווען זיינע נאָענטע פריינד — האָט ער אויסגעקליבן דעם אַלטן סאָקראַטעסן, וואָס האָט זיך אַ באָרוועסער אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און געמאַרקן פון אַטען, אָפּגעשטעלט ווילד־פרעמדע מענטשן און מיט זיי פאַר־פירט שמועסן. פאַר אַזאַ פאַרשוין, אַן אָרימען שלעפער, אַ לץ — איינער פון די, וואָס מיר באַגעגענען גאַנץ אָפט אויף די סקווערן און פאַרזאַמלונגס־פּלעצער פון די גרויסע שטעט — פאַסט זיך צו רעדן פראַנק און פריי וואָס נאָר עס קומט אים אויף דער צונג און ער קען זיך אַפילו פאַרגינען חוזק צו מאַכן — דורך הומאָר און סאַטירע — פון איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס...

פּלאַטאָן, דער רייכער אַלטער בחור, מיט אַ פערציק יאָר יינגער פון סאָקראַטעסן, האָט אפשר באמת ליב געקריגן דעם פרייען „לונג־און־לעבער״, דעם הפקרדיקן לידיקגייער, וואָס ער איז נישט געבונדן פון צירלעכע מאַניערן, געבאָטן און פאַרבאָטן. אַזוי איז סאָקראַטעס ביסלעכווייז געוואָרן פּלאַטאָנס „אַלטער עגאָ״ און דורך אים האָט דער אַריסטאָקראַט זיך באַפרייט פון זיין אייגענער שטייפקייט און פון די געזעלשאַפטלעכע צוימען. מיט דער צייט האָט זיך פּלאַטאָן אַזוי אַריינגעלעבט אין זיין אויסגעדיכטעטער, אָדער אויסגעפילאָסאָפירטער געשטאַלט, אַז דער באַשאַפער און זיין באַשאַף זענען געוואָרן ממש איינס.

וואָס ס׳איז שייך קסענאָפאָנען, איז זיין ראָל אין אויפבויען סאָקראַטעסן אַ נישטיקע. קודם ווייזן אַן די געלערנטע פאָרשערס פון דער פּלאַטאָנישער תקופה אין דער גריכישער פילאָסאָפיע, האָט קסענאָפאָן, וועלכער איז נאָך יינגער געווען פון פּלאַטאָנען, כמעט נישט געקענט סאָקראַטעסן. ער זאָל אים האָבן בלויז איין מאָל באַגעגנט. צווייטנס איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט פּלאַטאָנס דיאַלאָגן, ווו סאָקראַט איז די הויפּט־פיגור. מיר וועלן ווייטער זיך אָפּשטעלן באריכות אויף דער ראָל פון די צוויי פילאָסאָפן אין דעם אויפבוי פון סאָקראַטעס דעם פילאָסאָף.

*

ווי פריִער געזאָגט, זענען ביז מיט אַ פופציק יאָר צוריק די מייסטע פאָרשערס פון גריכישער פילאָסאָפיע געווען איבערגעצייגט, אַז דער פילאָסאָף סאָקראַטעס איז לא היה ולא נברא. אין די לעצטע פופציק יאָר האָט צווישן די געלערנטע גראָד זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון פּראָ־סאָקראַטן, דאָס הייסט: פון די, וואָס גלויבן, אַז סאָקראַטעס דער פילאָסאָף איז נישט קיין פיקציע. נו, איז כדאי

זיך אָפּצושטעלן דווקא אויף דער עווידענץ פון די לעצטע און אַנאַליזירן זייערע ראיות, כדי צו זען וויפל האָפּט און קראַפט זי האָט.

דערביי מוז אָבער גלייך געזאָגט ווערן, אַז אַפילו די „מאַמינים" אין דער רעאַליטעט פון דעם פילאָסאָף סאָקראַטעס וועלן פונדעסטוועגן נישט שווערן ביי זייערע רעפּוטאַציעס, אַז זייער שטאַנדפּונקט איז געבויט אויף פעסטע יסודות. זיי לייגן בלויז פאַר זייערע אַרגומענטן — און דאָס איבעריקע לאָזן זיי צום קריטישן שכל פון דעם אינטעליגענטן לעזער. אַפילו אַזאַ „נייטראַלער" געלערנטער, ווי ד״ר דזשיי. ד. קאַפּלאַן, באַמערקט אין זיין אַריינפיר צו אַ נייער ענגלישער אויסגאַבע פון „פּלאַטאָנס דיאַלאָגן", אַז „כאָטש די הויפּט־פיגור אין די מיינסטע דיאַלאָגן איז סאָקראַטעס, איז שווער צו באַשטימען אויף וויפל די דאָזיקע פיגור איז היסטאָריש און אויף וויפל זי איז די שאַפונג פון פּלאַטאָן — פאַר דער עקספּאָזיציע פון זיין אייגענער פילאָסאָפיע".

דאָס איז אַ זייער מילדע, ממש שעמעוודיקע באַמערקונג פון אַ נייטראַלן געלערנטן, ווען מען שטעלט זי אַוועק קעגנאיבער די באַמערקונגען פון אַ נישט־נייטראַלן געלערנטן — גראַד פון איינעם, וואָס האָט זיך אונטערגענומען ממש צו „דאָקומענטירן" די עקסיסטענץ פון דעם פילאָסאָף סאָקראַטעס: דאָס איז פּראָפ׳ א. ע. טיילאָר, דער גרויסער בריטישער געלערנטער און מחבר פון וויכטיקע פילאָסאָפישע ווערק. דאָס פאָרוואָרט צו זיין בוך וועגן סאָקראַטעס*) הייבט זיך אָן אַזוי:

„דאָס לעבן פון אַ גרויסן מענטש, באַזונדערס אין אַ גראָ־וויטער צייט, קען קיינמאָל נישט זיין קיין רעקאָרד פון אומבאַשטרייטלעכע פאַקטן. אַפילו ווען עס זענען דאָ איבערגעגעבן אַזעלכע פאַקטן, באַשטייט דעם ביאָגראַפס אמתע עבודה אין אינטערפּרעטירן זיי. ער מוז אַריינדרינגען אין די נאַקעטע געשעענישן און דערגרייכן צום צוועק און כאַראַקטער, וואָס זיי אַנטפּלעקן — און ער קען דאָס דערגרייכן דורך אָנשטרענגען זיין קאָנסטרוקטיווע פאַנטאַזיע. אין דעם פאַל פון די צוויי היסטאָרישע פיגורן, וועמענס השפּעה אויפן לעבן פון דער מענטשהייט איז געווען די גרעסטע — יעזוס און סאָקראַטעס — זענען אומבאַשטרייטלעכע פאַקטן אויסערגעוויינלעך ווייניק. אפשר איז דאָ פאַראַן בלויז איין פּונקט וועגן יעדן פון די צוויי, וואָס מיטן נישט־לייקענען אים שטעלט מען זיך נישט אין דער געפאַר פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַ חסר־דעה. עס איז זיכער, אַז יעזוס האָט געליטן אונטער פּאָנטיוס פּילאַטוס׳. און נישט ווייניקער זיכער איז, אַז סאָקראַטעס איז געטייט געוואָרן אין אַטען אויף דער באַשולדיקונג פון

*) *A. E. Taylor*: Sócrates. Doubleday Anchor Books, New York, 1952.

אַטעיזם (399 פאַר דער קריסטלעכער ערא). איטלעכע באַשרייבונג מכוח וועלכן פון זיי, וואָס גייט וויטער פון אָט־דעם פונקט, איז אומפאַרמיידלעך אַ פערזענ־לעכע קאָנסטרוקציע״.

אַזוי שרייבט אַ געלערנטער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן די היסטאָרישקייט און פילאָסאָפישקייט פון סאָקראַטעסן — איז דערפון זיך שוין לייכט פאַרצושטעלן וואָס עס זאָגן יענע געלערנטע, וועלכע לייקענען די גאַנצע מעשה... אָבער לאָמיר אַנאַליזירן דעם איינציקן „זיכערן פונקט״, וואָס פּראָפ׳ טיילאָר רוקט אַרויס ווי עווידענץ פון סאָקראַטעס אידענטיטעט. ער הייבט אָן מיט „אפשר״ — אפשר איז פאַראַן איין פונקט, וואָס מיטן אָננעמען אים שטעלט מען זיך נישט אין געפאַר באַטראַכט צו ווערן פאַר אַ מטורף — און ער פאַרענדיקט מיט „זיכער״ — עס איז זיכער, אַז יעזוס האָט געליטן אונטער פּאָנטיוס פּילאַטוס און נישט ווייניקער זיכער איז, אַז סאָקראַטעס איז געטייט געוואָרן אין אַטען... ווי גראַמט זיך אפשר מיט זיכער? עס קומט דערביי אויפן רעיון אַן אַנדער אפשר — אפשר האָט דער געלערנטער אונדז געוואָלט אינדי־רעקט זאָגן, אַז פונקט ווי דאָס ערשטע איז אמת, אַזוי איז דאָס צווייטע אמת?... אָבער פּראָפ׳ טיילאָר, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1941, איז געווען אַ זייער ערנסטער געלערנטער, ווייט פון הומאָר, דערצו באַמיט ער זיך דאָך צו באַ־קרעפטיקן, נישט אָפּצושוואַכן — דורך הלצה, אָדער אויף וועלכן אַנדערן שטיי־גער — דעם סאָקראַטישן קיום. דער ערנסטער פאָרשער האָט אָפּנים זיך נישט געכאַפּט אויף דער סתירה. דאָס באַווייזט אונדז, אַז אפילו דער גרעסטער גע־לערנטער הינקט אַמאָל אונטער אין לאָגיק, וויבאַלד ער האָט זיך איינגעעקשנט צו באַווייזן עפּעס אַזוינס, וואָס קען בשום אופן נישט באַוויזן ווערן.

אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז אָט־דער איינציקער פונקט איז אַן אייזן־שטאַר־קער היסטאָרישער פאַקט, אויסער יעדן ספק. וואָס לערנען מיר פון אים? מיר לערנען פון אים, אַז סאָקראַטעס האָט ווירקלעך עקסיסטירט, אַז איבער אים איז פאָרגעקומען אַ משפט און אַז ער איז געטייט געוואָרן. דאָס לייקנט דאָך כמעט קיינער נישט. די פראַגע איז דאָ, צי דערדאָזיקער מענטש מיט דעם דאָזיקן נאָמען איז געווען אַ פילאָסאָף, אַ גרויסער פילאָסאָף, אָדער ער איז געווען אַ פשוטער, דורכשניטלעכער מענטש, אַ „באַהעמיער״, ווי מיר וואָלטן אים איצט גערופן, וועמען פּלאַטאָן האָט, מיט זיין גרויסן דראַמאַטישן טאַלאַנט, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין זיינע „דיאַלאָגן״, אַריינגעדיכטעט אין דער אייביקייט אַריין?

דאָס, וואָס מען האָט סאָקראַטעסן געמשפט און פאַרמשפט (אויב אויך דער משפט איז נישט קיין דראַמאַטישע דיכטונג), איז בשום אופן קיין ראיה נישט פאַר זיין וויכטיקייט, אָדער גרויסקייט. מען פאַרמשפט אויך פשוטע פאָלקס־

מענטשן — אָפּט אויף פאַלשע באַשולדיקונגען — אויך אין אונדזער צייט. און מיר ווייסן אויך, אַז דורך אַ צונויפֿמענגפאַל פון אומשטענדן ווערן אַמאָל דורכשניט־מענטשן — צי זיי זענען קרבנות פון אַן עלילת־דם, אָדער פון אַ מיליטערישער פאַרשווערונג, ווי דרייפוס, למשל, דערהויבן, דורך זייער מאַרטירערשאַפט, איבער דורות און צייטן. דער סאַמע עיקר אין שייכות צו סאָקראַטעסן איז, צי ער איז געווען דאָס, וואָס ער איז אין פּלאַטאָנס דיאַלאָגן און אין קסענאָפאָנס „מעמאָראַביליאַ“. איז אויב פּראָפ׳ טיילאָר, וואָס ער וויל דווקא רעהאַביליטירן די היסטאָריש־פילאָסאָפישע אידענטיטעט פון סאָקראַטעסן (קעגן די, וואָס האָבן אים אַראָפּגעוואָרפן פון פילאָסאָפישן פּעדעסטאַל), איז אַליין מודה וועגן זיין פּריזער־דערמאָנטן „זיכערן פּונקט“, אַז „יעדע באַשרייבונג וועגן וועלכן פון די צוויי (יעזוס און סאָקראַטעס), וואָס גייט ווייטער פון אָט־דעם פּונקט, איז אומפאַרמיידלעך פּערזענלעכע קאָנסטרוקציע — ווי קען ער אַליין פונדעסטוועגן גיין ווייטער?

אָבער ער גייט! דאָ קומט קענטיק פאָר אַ ויתרוצצו אין פּראָפ׳ טיילאָר צווישן דעם ערלעכן געלערנטן און דעם פאַרליבטן אין דער סאָקראַטעס־געשטאַלט — גייט ער, אָבער ביי יעדן טריט וואָרנט ער אונדז, אַז די בריק, איבער וועלכער ער שפּאַנט, שאָקלט זיך... און דאָ געשעען מאָדנע זאַכן: אַנשטאָט צו באַקרעפטיקן סאָקראַטעס פילאָסאָפישע עקסיסטענץ, מינעוועט ער זי אומגערן אונטער — דורך אונטערשטרייכן אַלע פּונקטן, וואָס פאַרלייקענען אַזאַ עקסיסטענץ, אָדער דורך „לאָגישע“ ראיות, וואָס האַלטן נישט אויס קיין לאָגישן אַנאַליז.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז פּראָפ׳ טיילאָרס אופן פון פאַרענטפערן די קשיא פאַרוואָס סאָקראַטעס אַליין האָט נישט פאַרשריבן זיינע אייגענע געדאַנקען, נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שום „תורה שבכתב“. דאָס, — שרייבט פּראָפ׳ טיילאָר (און זיין אַרגומענטאַציע איז אידענטיש מיט דער אַרגומענטאַציע פון אַנדערע געלערנטע פון דערזעלביקער שולע), — איז אין הסכם מיטן כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער האָט געהערט... „כאָטש דער טייל פון זיין לעבן, וועלכער איז אונדז צום בעסטן באַוווּסט (די עלטער) האָט זיך פאַרצויגן אין אַן אַנדער און ווייניקער גליקלעכער צייט אַריין, איז סאָקראַטעס דאָך געווען, דורך זיין געבורט און דערציִונג, אַ מענטש פון דער גרויסער פּעריקלעס־תקופה; דער פאַקט איז, אַז ער איז געווען אַ מאַן פון איבער פערציק ווען דער־דאָזיקער גרויסער מלוכה־מאַן (פּעריקלעס) איז געשטאָרבן“. די אָטענער פון אָט־דער תקופה, — פאַרזיכערט אונדז דער געלערנטער, — האָבן נישט געשריבן קיין ביכער; ס׳איז געווען די תקופה פון גרויסע טראַגעדיעס, נישט פון פּראָזע־ליטעראַטור.

ס'איז, הייסט עס, אין יענער תקופה, ווען סאָקראַטעס איז געווען אין זיינע בעסטע יאָרן, נישט געווען אין דער מאָדע צו שרייבן פילאָסאָפישע ביכער, נו, ווער דאָך סאָקראַטעס (וואָס לויט פּלאַטאָנען איז ער געווען ווייט פון קאָנווענציאַליזם, דערצו אַ מענטש מיט אַ סך קוראַזש און אַ שטאַרקן ווילן) נישט עובר זיין אויף דער מאָדע... אָבער פון וואַנען דרינגט פּראָפ' טיילאָר, אַז מען האָט אין דער פּעריקלעס־תקופה נישט געשריבן קיין „פּראָזע־ביכער"? מען האָט געשריבן אַזעלכע ביכער אין גריכנלאַנד פאַר סאָקראַטעסן. ס'זענען געבליבן די ווערק פון טהאלעס, קסענאָפאַנעס, פּאַרמענידעס, צענא, פּיטאַגאָראַס, העראַקליטוס, דעמאָקריטוס און פון פיל אַנדערע גריכישע חכמים; מען האָט געשריבן אַזעלכע ווערק נאָך סאָקראַטעסן — נאָר גראָד אין יענער קורצער עפּאָכע האָט מען געמאַכט אַ הפסקה אין שרייבן פילאָסאָפישע ווערק — ווי דורך עפּעס אַן אָפּשטימונג — ביז ס'זענען געקומען פּלאַטאָן, קסענאָפאָן און די אַנדערע פילאָסאָפן, ווען סאָקראַטעס איז שוין געווען אויף דער עלטער...

פּראָפ' טיילאָרס תירוץ פאַר סאָקראַטס נישט־שרייבן, צעשפּרינגט ווי שפּינוועבס באַלד ווי מיר גיבן אַ פרעג: נו, זאָל זיין אַזוי! איז פאַרוואָס האָט סאָקראַטעס נישט גענומען שרייבן נאָך דער פּעריקלעס־תקופה, ווען ס'איז שוין געוואָרן „אויס מאָדע" נישט צו שרייבן פּראָזע־ביכער, אָדער אויף די עלטערע יאָרן — לאָמיר זאָגן צווישן 55 און 70 — בעת ער האָט זיך, על־פּי פּלאַטאָן, געדרייט אין דער געזעלשאַפט פון פילאָסאָפן, וואָס זיי אַלע האָבן געשריבן? און ווי קומט עס, וואָס דער שטאַרק־באַרעדעוודיקער סאָקראַטעס, מאַכט אַפילו די מינדסטע באַמערקונג נישט (אין פּלאַטאָנס, אָדער קסענאָפאָנס ווערק) וועגן זיין נישט־שרייבן? פאַרוואָס האָבן די ביידע פילאָסאָפן אַפילו נישט פּראָבירט מיט עפּעס אויפקלערן, פאַרוואָס דער מענטש, וועלכער האָט ביי זיי אַזוי פיל — און וועגן אַלץ — גערעדט, האָט אַזוי פאַרעקשנט געשוויגן מיט דער פעדער, אויב ער האָט טאַקע געהאַט וואָס צו שרייבן און איז נישט געווען בלויז אַן אויסגעדיכטעטע פילאָסאָפישע געשטאַלט?

וואָס ס'איז שייך דער פּעריקלעס־תקופה, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז דאָס נישט שרייבן קיין פילאָסאָפישע ווערק איז נישט געווען קיין מאָדע, נאָר אין יענעם קורצן צייט־אָפּשניט איז פּשוט נישט געווען ווער עס זאָל שרייבן אַזעלכע ווערק — און דערפאַר האָט דעמאָלט סאָקראַטעס נישט געשריבן, ווי ער האָט נישט געשריבן שפּעטער...

*

ווען מיר ווילן זיך אויסמאָלן סאָקראַטעסן דעם פילאָסאָף, ווערן מיר מבולבל. פאַר אונדז וואַקסן־אויס דריי סאָקראַטעס־געשטאַלטן, וואָס איינע איז דער סאַמע

היפּוך פון דער אַנדערער. דער סאָקראַטעס, ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אין דער קאָמעדיע פון דעם הומאָריסטישן פּאָעט אַריסטאָפאַנעס, איז אַ לץ, אַ ליידיק־גייער, וואָס האַלט־אויס עפּעס אַ שולע, ווו ער לערנט גימנאַסטיק און — ספּירי־טואַליזם... דער סאָקראַטעס, ווי קסענאָפאָן שילדערט אים, איז אַ טרוקענע פּראָ־זאַישע פיגור, אַ פּרעדיקער פון אַ גוטער באַלעבאַטישער מאָראַל, מיט אַ ווידער־ווילן צו אומפּראַקטישע ספּעקולאַציעס און „אומנוציקער וויסנשאַפט". דערביי איז ער פאַרליבט אין דאָרפישער ווירטשאַפט. פּלאַטאָנס סאָקראַטעס איז אַ גרויסער פילאָסאָף, אַ הומאָריסטיש־געשטימטער, גוטמוטיקער מענטש, מיט טיפע מע־טאַפיזישע איבערצייגונגען און מיט אַ ברייטער ידיעה אין דער וויסנשאַפט פון זיין צייט, דערביי איז ער פאַרליבט אין שטאָטישן לעבן...

פּראָפ' טיילאָר איז מודה, אַז די אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונג איז געווען און איז נאָך איצט זייער שטאַרק פאַרשפּרייט, אַז „זיין (פּלאַטאָנס) ציל איז געווען נישט דער פון אַ פּאָרטרעטן־מאָלער. זיין סאָקראַטעס איז געמיינט געווען אָדער ווי אַ שיין בילד פון אַ פילאָסאָף — ווי ער דאַרף צו זיין, אָדער ווי אַ מאַסקע פאַר זיך אַליין". טיילאָר באַמיט זיך אָפּצושוואַכן די פּונקטן, וואָס זענען נישט גינציק פאַר סאָקראַטעסן. וואָס ס'איז שייך אַריסטאָפאַנעסן, איז עס דאָך נאַטיר־לעך פאַר אַ קאָמעדיען־שרייבער איבערצוטרייבן, צו קאַריקאַטוריזירן; קסענאָפאָן ווידער האָט נישט געהאַט, ווי שוין פריער געזאָגט, קיין געהעריק באַקאַנטשאַפט מיט סאָקראַטעסן און ווען ער האָט געשריבן זיין „מעמאָראַביליאַ", האָט ער שוין געהאַט געלייענט פּלאַטאָנס „דיאַלאָגן", ווי „פעדאָן". פרעגט זיך דאָ: אויב ער האָט שוין געהאַט געלייענט פּלאַטאָנס ערשטע דיאַלאָגן, האָט דאָך, אַדרבא, זיין פּאָרטרעט פון סאָקראַטעסן געדאַרפט שטימען מיט פּלאַטאָנס — פאַרוואָס איז ער אינגאַנצן אַנדערש?

דעם סאָקראַטעס־פאַרשער איז אָפּנים אַזאַ קשיא נישט איינגעפאַלן און מען קען דעריבער נישט דערוואַרטן קיין ענטפער אויף איר. הגם ער אַליין איז מודה, אַז צוליב די סתירות אין די פּאָרטרעטן פון סאָקראַטעסן, זענען די וויכטיקסטע געלערנטע אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט דערגאַנגען צו אַ פולשטענדיקן סקעפּטיציזם אין דעם פּרט — פון וויסן וואָס־ניט־איז וועגן „היסטאָרישן סאָק־ראַטעס". דיעלס, דער פּראָמינענטסטער פון די דאָזיקע געלערנטע, האָט גערעדט פון סאָקראַטעסן, ווי פון אַן „אומבאַוווּסטן". מכוח אַריסטאָטלס צופעליקע באַמער־קונגען וועגן די געדאַנקען פון סאָקראַטעסן, זאָגט טיילאָר אָפּנהאַרציק, אַז זיי קענען נישט דינען ווי אַ קאָנטראָל פון קסענאָפאָנס, אָדער פּלאַטאָנס שילדערונ־גען. סאָקראַטעס איז שוין געווען טויט איבער דרייסיק יאָר ווען אַריסטאָטל איז געקומען קיין אַטען: „איך גלויב, אַז סיי איך, סיי אַנדערע האָבן באַוויזן, אַז ער

(אַריסטאָטל) זאָגט גאָרנישט פון וועלכער־ס׳איז וויכטיקייט וועגן דעם עלטערן פילאָסאָף״.

נאָכדעם ווי פּראָפ׳ טיילאָר אַליין באַטאָנט די גרויסע אונטערשיידן צווישן די סאָקראַטעס־בילדער ביי פּלאַטאָנען און קסענאָפאָנען (שוין נישט צו רעדן פון אַריסטאָפאַנעסן), פאַרזיכערט ער פּלוצלינג, — ווידער מחמת זיין פאַרליבט־קייט אין דער סאָקראַטעס־געשטאַלט, אַז... סוף־כל־סוף זענען די אונטערשיידן נישט קיין גאָר וויכטיקע און זיי האָט גורם געווען נישט אַזוי דאָס, וואָס קסענאָפאָן זאָגט וועגן אים, ווי דאָס, וואָס ער האָט אויסגעלאָזט, נישט דערזאָגט... אָבער תיכף פאַר־כאַפּט זיך ווידער דער אחריותדיקער געלערנטער — ביי וועמען דער אמת איז פאָרט טייערער ווי ליבע — און ער איז מוסיף: „נו, ס׳איז נאַטירלעך דאָ אַ מעגלעכע דערקלערונג פאַר דעם — פאַר די סתירות אין די צוויי בילדער (און אין בילד, וואָס אַריסטאָפאַנעס מאָלט פון אים אין זיין קאָמעדיע „וואָלקנס״) — און דאָס איז, אַז סאָקראַטעס איז געווען אַ געוויינלעכער מענטש, וואָס פּלאַטאָן האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַן ערשט־קלאַסיקער פיגור, קרעדיטירנדיק אים מיט אַ פּער־זענלעכקייט, וואָס איז באמת פּלאַטאָנס אַליין״... „אָבער, — פאַרכאַפּט זיך ווידער דער סאָקראַטעס־פאַרליבטער אויף צוריק, — ס׳איז... מעגלעך די היפּאָטעזע, אַז דער פאַקטישער מענטש סאָקראַטעס האָט באַזעסן די אַלע גרויסע מעלות, וואָס פּלאַטאָן שרייבט אים צו און זייער פעלן אין קסענאָפאָנס לייכטערער שילדערונג איז מחמת דעם צווייטנס נישט געהעריקן אַריינבליק, אָדער צוליב דעם מחברס מאַנגל אין דראַמאַטישער קראַפט״.

אַזוי גייט דער בריטישער געלערנטער אַהין און צוריק, געשטויסן פון דעם געראַנגל אין אים צווישן דעם געטרייען פאָרשער און דעם געטרייען פאַרליבטן, טאָמער איז דאָס נאָך וויניק, שטעלט ער צו אַ פּוס־נאָטיץ, ווו ער זאָגט, אַז מער ווי אַיין אויסגעצייכנט ווערק וועגן פּלאַטאָנען ליידט פון דער באַהויפּטונג, אַז דאָס וווּנדערלעכע בילד, וואָס פּלאַטאָן מאָלט פון סאָקראַטעסן, איז אַ זעלבסט־אַנטפּלעקונג פון פּלאַטאָנען גופא...

*

דער געלערנטער, וואָס זיין אַרבעט וועגן סאָקראַטעסן מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר דעם „פירשפּרעכער״ פאַר אַלע פּראָ־סאָקראַטן (ווי גרויס, אָדער ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זיין), פילט נאָך אַלץ, אַז זיין ביזאַהער אַנאַליזירט מאַטע־ריאַל איז ניט גענוג, ניט נומעריש, ניט אין קראַפט פון עווידענץ, פון איבער־צייגונג, און ער נישטערט ווייטער, אין אַ ממש פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג צו ראַטעווען סאָקראַטעסן פאַר דער פילאָסאָפיע... „פאַר אונדז שטייט נאָך אַלץ, —

שרייבט ער, — די הויפּט־טענה קעגן פּלאַטאָנס דיאַלאָגן ווי אַ געטרייע רעפּרע־זענטאַציע פון דעם לעבן און דענקען פון אַ וואָרער היסטאָרישער פּערזענלעכ־קייט. ס׳איז קלאָר, אַז אַן פּלאַטאָנען האָבן מיר נישט קיין מאַטעריאַל פאַר אַ געקייטלטער סאָקראַטעס־ביאָגראַפיע, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו וואַרפן וויפל־נישט־איז ליכט אויף זיין פּערזענלעכקייט. ס׳איז אויך אמת, אַז פּלאַטאָן לייגט אונדז פאָר אַ זייער פול, דייטלעך און אינערלעך־אויסגעהאַלטן בילד פון דער צענטראַלער פיגור אין זיינע דיאַלאָגן״.

אָבער דאָס אַליין באַוויזט נישט, — איז ער ווידער אָפנהאַרציק מודה, — אַז פּלאַטאָנס סאָקראַטעס איז נישט — פון אָנהייב ביזן סוף — אַ פּראָדוקט פון דער שאַפערישער פאַנטאַזיע, ווי אָטעלאָ, אָדער פאַלסטאַף, און מען האַלט נאָך אַלץ אין אַ סך קרייזן, הגם נישט אַזוי שטאַרק ווי מיט פופציק יאָר צוריק, אַז אַזוי איז עס טאַקע. קענען מיר אַרויסשטעלן וועלכע־ס׳איז געהעריקע אורזאַך — אויף אָפּוואַרפן אָט־דעם אַמאָל אַלגעמיין־אָנגענומענעם גלויבן? און פּראָפ׳ טיילאָר פּראָבירט אַרויסצורוקן אַזאַ אורזאַך, אָדער אורזאַכן:

גענויע אונטערזוכונגען מצד געלערנטע אין די לעצטע פופציק יאָר, ווי לואיס קאַמפּל, ק. ריטער, לוטאָסלאַווסקי און אַנדערע, האָבן דעפיניטיוו באַוויזן, אַז אַ געוויסע צאָל וויכטיקע פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן (סאָפיסטעס, פּאָליטיקוס, פי־לעבוס, טימעאוס, געזעצן) מוזן שטאַמען פון אַ שפּעטערדיקער פּעריאָדע אין פּלאַטאָנס לעבן און שאַפן, ווען ער איז שוין געווען דער ראש פון אַן אָרגאַני־זירטער שולע (די אַקאַדעמיע) מיט אַן אייגענער זייער־דעפיניטיווער לערע. ס׳איז קלאָר, אַז דידאַקטיקע ווערק זענען געשריבן געוואָרן אַ סך שפּעטער ווי די גרויסע מאַסע פון פּלאַטאָנס דיאַלאָגן, דערין „רעפּובליק״, „פעדרוס״, „טהעטעטוס״, וואָס זעען אויס, לויט זייער סטיל, ווי שאַפונגען פון אַן איבערגאַנג־צייט. די געלערנטע זענען אַלע מסכים, אַז די גרעסערע צאָל דיאַלאָגן זענען פאַרפאַסט געוואָרן איידער פּלאַטאָן האָט דעפיניטיוו אַוועקגעשטעלט די אַקאַדעמיע ווי אַן אָרגאַניזירטע אינס־טיטוציע. פּראָפ׳ טיילאָר חזרט דאָס איבער עטלעכע מאָל, ווי איינער, וואָס איז נישט אינגאַנצן זיכער מיט זיך, איידער ער מאַכט קלאָר זיין פּונקט — און דער פּונקט איז, אַז בעת אין די פריִערדיקע דיאַלאָגן איז סאָקראַטעס תמיד די הויפּט־פיגור און דער ראש־המדברים אין דער דיסקוסיע, קומט־פאָר אין די שפּעטער־דיקע דיאַלאָגן, וועלכע הייבן זיך אָן מיט „סאָפיסטעס״, אַ פולשטענדיקע ענדערונג.

בלויז אין איינעם פון די שפּעטערדיקע דיאַלאָגן — אין „פילעבוס״, וווּ ס׳ווערן דיסקוטירט פּראָבלעמען פון עטיק און מאָראַל־פּסיכאָלאָגיע — איז סאָקראַטעס אַ פירנדיקע פּערזאָן. אין „סאָפיסטעס״, „פּאָליטיקוס״, „טימעאוס״ איז ער דאָ, אָבער ער באַטייליקט זיך נישט אין דער דעבאַטע, און אין „געזעצן״

איז ער אינגאַנצן נישטאָ. אין „סאָפיסטעס“ און אין „פּאָליטיקוס“ איז דער ראָש־המדברים אַ באַזוכער פון עלאַ; אין „טימעאוס“ — אַן איטאַליענישער פּיטאַגאָריער און אין „געזעצן“ — אַן אַטענער. ביי קיינעם פון די דריי ווערט נישט אָנגעגעבן קיין נאָמען...

וואָס איז דערפון געדרונגען? פּראָפ׳ טיילאָר דרינגט דערפון די ריכטיקייט פון דער השערה, וואָס אַן אַנדער געלערנטער, פּראָפ׳ בוירנעט, גיט־אָן: אַז פּלאַטאָנס היסטאָרישער חוש האָט אים נישט דערלאָזט אַרויסצושטעלן סאָקראַטעסן ווי דעם דערקלערער פון פילאָסאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ענינים און דאָקטרינען, וואָס זענען געווען, „ווי פּלאַטאָן האָט גוט געוווּסט“, זיינע אייגענע און פון אַנדערע פילאָסאָפן אין זיין צייט. דאָ האָבן מיר, גלויב איך, — רופט־אויס פּראָפ׳ טיילאָר מיט נצחון, — אַ זיכערן באַווייז, אַז פּלאַטאָן האָט נישט געניצט די פיגור פון סאָקראַטעסן ווי אַ מאַסקע, אָדער ווי אַן אימאַגינערן אידעאַל דערפון וואָס אַ פילאָסאָף דאַרף זיין. אויב דאָס וואָלט יאָ אַזוי געווען, איז נישטאָ קיין סיבה פאַרוואָס ער האָט נישט אָנגעהאַלטן די שפּיל ביזן סוף“...

ווי איז צו דער לאָגיק אין מוח פון אַ פאַרליבטן! ווען מיר אַנאַליזירן די נאָר־וואָס ציטירטע אַרגומענטן פון פּראָפ׳ טיילאָר — אין נאָמען פון פּראָפ׳ בוירנעט — מוזן מיר שטוינען ווי ווייט די פאַרליבטקייט אין דער סאָקראַטעס־געשטאַלט האָט פאַרבלענדט זייער קריטישן חוש. אַנדערש וואָלטן זיי איינגעזען, אַז ערשטנס איז נישטאָ קיין שום גוטע סיבה פאַרוואָס דער כאַראַקטער אין די דיאַלאָגן, אָדער אין וועלכער אַנדערער ריי ווערק פון איין מחבר מוז אַקוראַט זיין דער אייגענער אויף אייביק; צווייטנס איז נישט פעסטגעשטעלט — און קען נישט פעסטגעשטעלט ווערן — קיין גענויע דאַטע פון די פריערדיקע, אָדער שפּעטערדיקע דיאַלאָגן און ס׳קען גריילעך זיין, אַז די שפּעטערדיקע דיאַלאָגן זענען געשריבן געוואָרן אַזוי שפּעט נאָך סאָקראַטעס טויט, אַז ווייטער לאָזן סאָקראַטעסן אָנפירן די דיסקוסיעס, אָדער אָנטייל נעמען אין זיי, וואָלט געווען אַן אומזין. די מאַסקע וואָלט דעמאָלט סיי־ווי נישט געווען קיין מאַסקע. און אפשר האָט פּלאַטאָן — אין יענער שפּעטערדיקער פּעריאָדע — כלל נישט געדאַרפט מער אַזאַ מאַסקע.

אָבער ס׳קען דאָ זיין נאָך אַ דערקלערונג פאַר פּלאַטאָנס באַזייטיקן סאָקראַטעסן פון די שפּעטערדיקע דיאַלאָגן. מעגלעך, אַז פּלאַטאָן האָט איינגעזען, אַז סאָקראַטעס, וואָס איז ביי אים געווען דיכטונג, ווערט ביסלעכווייז — וואָר, דאָס הייסט: מען הייבט־אָן גלויבן — און זיכער וועט דער גלויבן וואַקסן מיט דער צייט און באַזונדערס אין די שפּעטערדיקע דורות — אַז סאָקראַטעס „דער גרויסער פילאָסאָף“ איז אַ רעאַלע, היסטאָרישע פיגור און אַלע אידייען פּלאַטאָנס וועלן

צוגעשריבן ווערן צו זיין „מאַסקע". דערפאַר האָט ער אין די שפּעטערדיקע דיאַלאָגן אַריינגעפירט — אָנשטאָט איין רעאַלע פּערזאָן — דריי דורכאויס־אויסגעטראַכטע, נאָמענלאָזע כאַראַקטאָרן: אַ באַזוכער פון עלאַ; אַן איטאַליעני־שער פּיטאַגאָריער און אַן אַטענער *).

אַזאַ האַנדלונג מיצד פּלאַטאָנען וואָלט געווען פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיילעך און מענטשלעך — און אַפילו דער גרעסטער פילאָסאָף איז קודם־כּל אַ מענטש און ס׳איז נאַטירלעך, אַז ער זאָל נישט וועלן דערלאָזן, אַז די אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט, פאַר זיין לאַנג און שאַפעריש לעבן, זאָל געגעבן ווערן אַן אַנדערן און נישט אים, דעם אייגנטימער און מייסטער — ווי דאָס טוען טאַקע פּראָפ׳ טיילאָר, פּראָפ׳ בוירנעט און די אַנדערע, וואָס ווילן רעסטאַווירן סאָקראַטעסן אויפן חשבון פון פּלאַטאָנען. זיי באַגרייפן גאַנץ גוט די אימפּליקאַציע פון זייער באַהויפּטונג מכּוח פּלאַטאָנס אויסלאָזן סאָקראַטעסן פון זיינע שפּעטערדיקע דיאַ־לאָגן, מחמת אין זיי ווערט פּרעזענטירט און רעפּרעזענטירט פּלאַטאָנס אייגענע פילאָסאָפיע, ווי די געדאַנקען פון אַנדערע מיטצייטלערס זיינע. דאָס מיינט דאָך, אַז אין די פריערדיקע דיאַלאָגן, וווּ סאָקראַטעס איז דער ראָש־המדברים, אָדער דער נאַראַטאָר, ווערט אַרויסגעבראַכט אויסשליסלעך סאָקראַטעס אייגענע פילאָ־סאָפיע. דאָס ווידער מיינט, אַז „די רעפּובליק" פון פּלאַטאָן דאַרף מען רופן „די רעפּובליק" פון סאָקראַטעס און פּלאַטאָנס פילאָסאָפיע פון אידייען, זיין וויכטיקס־טער ביישטייער צום פילאָסאָפישן געדאַנק, איז גאַר סאָקראַטעס פילאָסאָפיע פון אידייען...

פּראָפ׳ טיילאָר באַנוגנט זיך נישט מיט אַ ווונק, מיט דער אימפּליקאַציע. ער זאָגט אַזוינס בפירוש מכּוח דער אידייען־טעאָריע, אַז זי איז סאָקראַטעס אויפטו. און דאָס אַלץ אויפן יסוד פון זיינע „באַווייזן", וואָס פאַלן־פאַנאַנדער ווי אַ קאָרטן־שטיבל ווי נאָר דער קריטישער שכל רירט זיך צו זיי צו. וואָס בלייבט דאַן פון פּלאַטאָנען? אין זייער פאַרצווייפלטער אונטערנעמונג צו גרונטפעסטיקן די היס־טאָרישקייט און פילאָסאָפישקייט פון סאָקראַטעסן, וואָס וועגן זיין עקסיסטענץ וויסט מען דער עיקר פון פּלאַטאָנען, דערמאָרדן די דאָזיקע פּראָפעסאָרן פּלאַ־טאָנען, וואָס וועגן זיין היסטאָרישקייט און פילאָסאָפישקייט איז נישטאָ דער

*) מען קען אפשר אַרגומענטירן, אַז אויב פּלאַטאָן איז בלויז אויסן געווען צו באַוואָרענען די אויטאָרשאַפט פון זיינע אידייען, וואָלט ער דאָס צום בעסטן דערגרייכט דורך אַ פּשוטער באַמערקונג וועגן דער אמתער ראָל פון סאָקראַטעסן. דאָס קלינגט לאָגיש, אָבער אויב פּלאַטאָנען וואָלט איינגעפאַלן אַזאַ מחשבה, וואָלט ער זי תּיכּף פאַרטריבן פון זיך, באַגרייפנדיק, אַז אַזאַ דערקלערונג, פאַרעפנטלעכט ווייט נאָך סאָק־ראַטעסעס טויט, וואָלט מיסאינטערפּרעטירט געוואָרן.

מינדסטער ספק. די ליבע צו דער סאָקראַטעס־געשטאַלט טריומפירט ביי זיי איבערן שכל־הישר, איבער זייערע אייגענע ספקות און איבער דער וויסנשאַפט־לעכער פאָרשונג.

*

ס׳איז דעריבער נייטיק — לשם אָביעקטיוון אמת — ווייטער צו אַנאַליזירן די ראיות פון די פּראָ־סאָקראַטן און איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף נאָך אַ וויכטיקן פּרט, וואָס די פּראָפעסאָרן טיילאָר און בוירנעט און די אַנד. געלערנטע, וואָס האָבן געשריבן מכוח דעם סאָקראַטעס־פּראָבלעם — פּראָ און קאָנטראָ — האָבן אים באַרירט, אָבער ווי מיר דאַכט זיך, נישט געהעריק באַהאַנדלט. איך האָב דאָ אין זינען די פאָרם פון פּלאַטאָנס דיאַלאָגן און וואָס מיר קענען פון איר לערנען.

די פּראָ־סאָקראַטן שטעלן אַ פראַגע: אויב פּלאַטאָן איז בלויז אויסן געווען אַרויסצוברענגען זיין א ײ ג ע נ ע פילאָסאָפיע — נאָך וואָס האָט ער זיך געדאַרפט באַנוצן מיט דער דיאַלאָגן־פאָרם, מיט די אַלע פּערסאָנאַזשן, אַנשטאָט דירעקט צו באַשרייבן זיינע געדאַנקען און אידייען?

זייער ענטפער איז, אַז די פאָרם, אין וועלכער פּלאַטאָן האָט געשריבן, זאָגט עדות, אַז ער האָט מיט זיינע דיאַלאָגן באַצוועקט צו פאַראייביקן סאָקראַטעסן און די אַנדערע חכמים (וואָס פיגורירן ביי אים) פון אַ צייט, ווען דער גלאַנץ פון אַטען האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרבלאַסן. זיי נעמען, הייסט עס, אָן, אַז פּלאַטאָנס דיאַלאָגן זענען בדרך־כלל באַזירט אויף פאַקטישע פּראָטאָקאָלן (אויב אַפילו נישט־געטרייע) פון פילאָסאָפישע דיסקוסיעס און רעדעס.

די באַהויפּטונג, אַז פּלאַטאָנס גאַנצער ציל איז געווען צו פאַראייביקן יענע חכמים דורך פאַרשרייבן זייערע רייד, כאָטש זיי האָבן דאָך, ווי מיר ווייסן, אַליין געשריבן (אַ חוץ סאָקראַטן), איז באמת קאָמיש. וואָס ס׳איז שייך סאָקראַטעסן, האָט זיין „תלמיד און הייסער פאַרערער״ פּלאַטאָן פּשוט געדאַרפט פּועלן ביי אים, אַז ער זאָל טון וואָס די אַנדערע טוען — פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען, אויב סאָקראַט איז באמת געווען דער דענקער ווי ער קומט אַרויס פון אונטער פּלאַטאָנס פעדער.

דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז אין די דיאַלאָגן טרעטן־אַרויס נישט נאָר פילאָסאָפן, נאָר אויך אַנדערע אָנגעזעענע פיגורן, ווי אַריסטאָפאַנעס, דער הומאָריסטישער פּאָעט, וועלכער האָט, ווי מיר ווייסן, חוזק געמאַכט פון סאָק־ראַטעסן; דער מיליטער־מאַן אַלקיביאַדעס, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן צו אָקופּירן סיציליע און אַנדערע. צוליב וואָס האָט פּלאַטאָן ז י י געדאַרפט, אויב זיין צוועק איז בלויז געווען צו פאַראייביקן די חכמי אתונא?

דאָ פרעגט זיך נאָך עפּעס: ווי קומט עס, וואָס די פילאָסאָפן, וועלכע זאָלן זיך האָבן באַטייליקט אין די דיספּוטן מיט סאָקראַטעסן, דערמאָנען אים נישט מיט קיין איין וואָרט אין זייערע ווערק און דווקא קסענאָפאָן, וועלכער האָט זיך אין זיי נישט באַטייליקט, רעדט וועגן אים ברייט און לאַנג אין זיין „מעמאָראַביליאַ“?

די קשיא גופא פון די פּראָ־סאָקראַטן (פאַרוואָס פּלאַטאָן האָט אויסגעקליבן די דיאַלאָגן־פאָרם, אויב ער איז בלויז אויסן געווען זיין אייגענע פילאָסאָפיע), איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע געלערנטע, וואָס ק ו נ ס ט איז פאַר זיי אַ ווילד־פרעמדער באַגריף. זיי פאַלט גאָרנישט איין, אַז דיזעלביקע קשיא קענען זיי דאָך פרעגן אַריסטאָפאַנעסן, שעקספּירן, איבסענען און אַנדערע דראַמאַטורגן — פאַרוואָס זיי האָבן געשריבן דראַמעס און נישט, למשל, קיין ראָמאַנען...

אַלע פאָרשערס פון דער גריכישער פילאָסאָפיע זענען מודה, אַז פּלאַטאָן איז געווען אַ דראַמאַטורג פון אויסערגעוויינלעכער קראַפט. די דיאַלאָגן־פאָרם איז פאַר אים געווען דער בעסטער און דער באַקוועמסטער מעדיום אויף אַרויסברענגען זיינע אידייען. דאָס איז דער פשוטסטער ענטפער אויף דער מאָדנער קשיא פון יענע געלערנטע, וואָס זוכן ממש אונטער די נעגל עפּעס אַ פּינטעלע, וואָס זאָל גינציק זיין פאַר סאָקראַטעסן. ווייזט אויס, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס דער ענטפער איז אַזוי פשוט און פון אויבנאויף, לייגט ער זיך זיי נישט אויפן שכל...

איצט לאָמיר, אַדרבא, אָוועקשטעלן די דיסקוסיעס און רעדעס, וואָס פּלאַטאָן ברענגט אַרויס אין זיינע דיאַלאָגן — און וואָס די פּראָ־סאָקראַטן ווילן דווקא אָננעמען פאַר באַריכטן (ווען אַפילו נישט אַקוראַטע) פון ווירקלעכע פאָרקומענישן — און זען וואָס פון זיי ווערט אין ליכט פון קריטישן אַנאַליז.

די דיאַלאָגן זענען, ווי געזאָגט, געשריבן געוואָרן ווי זיי וואָלטן געווען סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן, אַראָפּגעכאַפּט כהרף־עין באַלד אויפן אָרט, ווו די דיסקוסיעס — און פאַרהאַנדלונגען — זענען פאָרגעקומען. נו, אַז דעמאָלט איז נאָך אַזאַ זאַך ווי סטענאָגראַפיע נישט געווען, איז איבעריק צו זאָגן... אין אמתן זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פה, ווי ס׳ווערט אַרויסגעבראַכט — נישט אַלעמאָל פון אַ גבית־עדות, נאָר פון איינעם, וואָס זאָל עס האָבן געהערט פון אַזעלכע, טיילמאָל מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

וועגן „אַפּאָלאָגיע“, ווו ס׳ווערן איבערגעגעבן די דריי רעדעס, וואָס סאָקראַטעס האָט געהאַלטן אויפן משפט, באַמערקט דער פּריזער־דערמאָנטער ד״ר דזשיי. ד. קאַפּלאַן, אַז „דאָס איז אַ באַריכט, געשריבן יאָרן שפּעטער... כאָטש מען דאַרף עס נישט אָננעמען פאַר אַ דירעקטער טראַנסקריפּציע פון משפט, רעפּרעזענטירט די

'אַפּאָלאָגיע' מסתמא די אַלגעמיינע ליניע פֿון דעם אַרגומענט"... עס הייסט אויך, אַז פּלאַטאָן אַליין איז געווען אין געריכט־זאַל בעתן פּראָצעס.

אין „פעדאָן" גיט פעדאָן איבער דעם דיאַלאָג (וואָס איז געפּירט געוואָרן אין תפיסה, ווו סאָקראַטעס האָט געוואַרט אויפן טויט) — צו זיין פריינט עכעקראַטעס.

עכעקראַטעס: ביסטו, פעדאָן, אַליין געווען אין תפיסה מיט סאָקראַטעסן, בעת ער האָט געטרונקען דעם סם?

פעדאָן: יאָ, עכעקראַטעס — איך בין געווען.

עכעקראַטעס: איך וואָלט וועלן הערן וועגן זיין טויט. וואָס האָט ער געזאָגט? און אַזוי ווייטער.

און פעדאָן גיט אים אַ גענויע, פּרטימדיקע שילדערונג פֿון די שמועסן, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע באַזוכערס. פּלאַטאָן איז דאָרט נישט געווען, צוליב קראַנקייט. דאָך גיט פּלאַטאָן אַלץ איבער אין דיאַלאָג, ווי פעדאָן זאָל עס האָבן שפּעטער דערציילט זיין פריינד — פֿון זכרון...

אין „סימפּאָזיום" באַטייליקן זיך זיבן פּערזאָן, צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, סאָקראַטעס. „אַפּאָלאָדאָרוס חזרט־איבער פאַר זיינעם אַ פריינד דעם דיאַלאָג, וואָס ער האָט געהאַט געהערט פֿון אַריסטאָדעמוס און וואָס ער האָט שוין איינמאָל איבערגעגעבן צו גלאַוקאָן". דער איבערדערציילער באַמיט זיך דערביי צו באַווייזן ווי אַזוי ס'איז מעגלעך, אַז ער זאָל דאָס אַלץ געדענקען אַזוי גענוי. אייערנעכטן — דערציילט ער — האָט ער אויפן וועג אַהיים באַגעגנט אַ באַקאַנטן. יענער האָט אים געפרעגט וועגן די רעדעס, וואָס סאָקראַטעס, אַלקיביאַדעס און אַנדערע האָבן געהאַלטן אויף דער אַגאַטהאָן־סעודה — אין לויב צו דער ליבע.

דער באַקאַנטער זאָגט אים, אַז ער האָט שוין, אייגנטלעך, געהערט אַ באַריכט וועגן דעם פֿון אַן אַנדערן און דער אַנדערער האָט עס געהערט פֿון פעניקסן, דער זון פֿון פּיליפּ, אָבער וואָס יענער האָט אים דערציילט, איז געווען זייער אומקלאָר.

— ביסטו געווען אויף דער סעודה? — פרעגט אים דער באַקאַנטער.

— דיין אינפאָרמאַטאָר (גלאַוקאָן), — ענטפערט אים אַפּאָלאָדאָרוס, — האָט באמת געמוזט זיין זייער אומקלאָר, אויב דו שטעלסט זיך פאָר, אַז דאָס איז פאָר־געקומען נישט לאַנג צוריק, אָדער אַז איך האָב געקענט זיין אויף דער סעודה.

— נו, שפּאַס אַן אַ זייט! זאָג מיר ווען די אסיפה איז פאָרגעקומען.

— אין אונדזער יינגלצייט, — זאָגט אַפּאָלאָדאָרוס, — דעמאָלט ווען אַגאַטהאָן האָט געוווּנען די פּרעמיע פאַר זיין ערשטער טראַגעדיע...

— אויב אַזוי, איז דאָך דאָס געווען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. און ווער האָט דיר וועגן דעם דערציילט — סאָקראַטעס?

— ניין, ס׳איז דער אייגענער מענטש, וואָס האָט דאָס דערציילט פעניקסן אַאַז״וו. נאָך מער: איך האָב איבערגעפרעגט סאָקראַטעסן מכוח דעם אמת פון געוויסע טיילן אין דער שילדערונג און ער האָט זיי באַשטעטיקט.

און אַט־אַזוי, אויפן יסוד פון גערעדט און געזאָגט און איבערגערעדט און איבערדערציילט — איז געבויט „סימפּאָזיום״, ווו אפּאָלאָדאָרוס דערציילט, אויף דער בקשה פון זיינעם אַ פריינד, אַ גאַנץ ווערק, וואָס ער זאָל האָבן געהערט פון אַן אַנדערן, פון אַריסטאָמעדוסן — וועגן אַ פאַרזאַמלונג (מיט וויכטיקע דיסקוסיעס, רעדעס און פילאָסאָפישע געדאַנקען), וואָס איז פאָרגעקומען בעת ער, דער עלטערער מענטש, איז נאָך געווען אַ יינגל...

נו, אדרבא, קען זיך לייגן אויפן שכל, אַז אַזעלכע סאָרטן געהערט־געזאָגטע פאַטשטן זאָל פּלאַטאָן באַנוצן ווי פאַרלאָזלעכע פּראָטאָקאָלן פאַר זיינע ווערק? דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון נישט־אָננעמען דאָס דערציילטע פאַר אַ דירעקטער טראַנסקריפּציע, — ווי ס׳וואָרנט אונדז דער געלערנטער, וועלכער פאַרזיכערט דערביי (בשייכות צו „אַפּאָלאָגיע״), אַז „עס רעפּרעזענטירט מסתמא די אַלגעמיינע ליניע פון דעם אַרגומענט״. דאָ שטעלט זיך אַ פיל־האַרבערע קשיא: אויב פּלאַטאָן האָט זיינע דיאַלאָגן קאָנסטרויִרט פוןווירקלעכע פּאַסירונגען און דיסקוסיעס, פאַר־וואָס זענען זיי תיכף נישט פּראָטאָקאָלירט געוואָרן דורך, לאָמיר זאָגן, אַ ספּעציעל־באַשטימטן פאַרשרייבער, וועלכער זאָל זיין באַריכט דערנאָך פאַרלייענען פאַר די באַטייליקטע און נאָכקאָנטראָלירן זייער פּינקטלעכקייט?

דאָ גייט עס דאָך נישט אין סתם אַ טעמע, אַ סיפּור־המעשה, ווי אין פאַל פון שעקספּירן, וואָס ער האָט גענומען פאַרטיקע סיוזשעטן ביי אומבאַוווּסטע מחברים און אויף זיי געבויט זיינע דראַמעס. אין די דיאַלאָגן זענען פאַרצייכנט לאַנגע, קאָמפּליצירטע דיספּוטן, דברים עומדים ברומו של עולם, און פון זיי — בלויז פון זיי — וואַקסט־אַרויס דער פילאָסאָף, דער גרויסער פילאָסאָף, דער „גרעס־טער גריכישער פילאָסאָף״ סאָקראַטעס, זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע און זיינע מעטאַ־פיזישע אידייען. ווי איז מעגלעך, אַז צו אַזעלכע אומגעהייער־וויכטיקע געשעע־נישן זאָל זיין אַזאַ נאָכלאָזיקע באַציִונג, בפרט, אַז די מייִנסטע באַטייליקטע זענען געווען פען־מענטשן — פילאָסאָפן, פּאָעטן, דראַמאַטורגן?

אין איין פאַל, ווי מיר האָבן פריִער געזען, ווענדט זיך אַן איבערדערציילער פון אַן איבערדערציילער צו סאָקראַטעסן גופא וועגן דעם אמת פון געוויסע טיילן אין אַ „באַריכט״, וואָס ער האָט געהערט פון אַן אַנדערן, און סאָקראַטעס

באַשטעטיקט זיי. סאָקראַטעס זעצט זיך אַלץ נישט אַנידער צו פאַרשרייבן זיינע אייגענע געדאַנקען און אידייען... פאַר אַ מענטש, ווי סאָקראַטעס, וואָס ער איז (אין בילד פון פלאַטאָנען) שטאַרק פאַראינטערעסירט געווען צו פאַרשפרייטן זיינע אידייען, אויפקלערן, מדריך זיין דעם עולם, איבערהויפּט די יוגנט, איז דאָס זייער מאָדנע. אַזאַ מענטש וואָלט דאָך זיכער פאַרשטאַנען, אַז דאָס געשריבענע וואָרט גרייכט ווייטער און אַן אומגעהייער־גרעסערן עולם, ווי דאָס גערעדטע וואָרט, דאָס, וואָס ער זאָגט אַריין אין די אויערן פון זיינע שטאָט־לייט.

דער איינציקער לאָגישער ענטפער אויף די אַלע האַרבע קשיות איז, אַז סיי די באַריכטן, סיי די געשעענישן, וואָס זיי באַהאַנדלען, זענען — הוילע פאַנטאַזיע, ווי די „פילאָסאָפיע פון סאָקראַטעסן״ איז אַ ריינער פּראָדוקט פון פלאַטאָנס אינטעלעקט. וועגן „סימפּאָזיום״ זאָגן די פאָרשערס פון דער גריכישער פילאָסאָפיע, אַז דאָ האָט „פלאַטאָנס דראַמאַטישער געניוס געפונען זיין פולסטן אויסדרוק״. יאָ, פלאַטאָן איז אויסער אַ גרויסער דענקער אויך געווען אַ גרויסער פּאָעט און דראַמאַטורג, ווי מיר זעען דאָס פון זיינע דיאַלאָגן. ס׳לייגט זיך דערייבער אויפן שכל, אַז ער האָט געשעפּט זיין מאַטעריאַל נישט פון ווירקלעכע געשעענישן (אפשר־אפשר מיטן אויסנאַם פון דעם סאָקראַטעס־משפּט), נאָר פון זיין רייכער שאַפערישער פאַנטאַזיע. די דיסקוסיעס, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין די דיאַלאָגן, זענען גאָלע בעלעטריסטיק, פלאַטאָנס קינסטלערישע מיטלען אויף אַרויסצוברענגען זיינע פילאָסאָפישע אידייען *).

*

אין ליכט פון קריטישע אַנאַליזן בלייבט, דאַכט זיך, קיין ספק נישט, אַז סאָקראַטעס דער פילאָסאָף איז אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן אין כוח־הדמיון, ווי האַמלעט, פאַלסטאַף, דאָן־קיכאָט און טוביה דער מילכיקער. נאָך ריכטיקער וועט זיין אַן אַנאַלאָגיע צווישן פלאַטאָנס אויסגעחלומטן פילאָסאָף און ניטשעס „זאַראַטוסטראַ״.

---

*) דאָ איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין אַ צאָל פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס באַהאַנדלען גריכישע פילאָסאָפיע, ווערט סאָקראַטעס אַפילו נישט דערמאָנט, אַזוי איבערצייגט געווען זענען די מחברים, אַז סאָקראַטעס איז בלויז פלאַטאָנס אַן אויסטראַכטעניש. אַזעלכע ווערק זענען — צו דערמאָנען בלויז צוויי: „אַן אינטראָדאַקשאָן טו פילאָסאָפי״ פון פּראָפ׳ ה. ע. קאָנינגהעם און „סייענס ענד פעיט״ פון פּראָפ וועגדעל טהאָמאַס. אין ביידע ווערק ווערן אויספירלעך אַרומגערעדט די אידייען פון פלאַטאָן (ווי אויך פון אַנדערע גריכישע פילאָסאָפן), אָבער דערביי ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט דער נאָמען סאָקראַטעס.

ניטשע האָט אויסגעקליבן פאַר דעם רעפּרעזענטאַנט און פּרעדיקער פון זיין איבערמענטש־פילאָסאָפיע — זאַראַטוסטראַן, וואָס זיין נאָמען דערמאָנט אָן פאַר־צייטישן זאַראַטוסטראַ, אָדער זאָראָאַסטער (אויך זאַראַדושט), גרינדער פון דער דואַליסטישער רעליגיע אין אַנטיקן פּערסיע; אָבער אויסער אין נאָמען איז נישטאָ דער מינדסטער שייכות צווישן די צוויי זאַראַטוסטראַס. וואָלט ניטשע געלעבט אין אור־אַלטער, אָנשטאָט אין אַ צייט פון טעלעגראַף און צייטונגען, וואָלט אפשר אויסגעוואָקסן אַ לעגענדע וועגן אַ היסטאָריש־רעאַלן זאַראַטוסטראַ, אָדער זאַראַ־טוסטרא דעם צווייטן, וועלכער האָט געלערנט די לערע פון איבערמענטש.

דער אונטערשייד צווישן פלאַטאָנס אויסגעדיכטעטן סאָקראַטעס און דעם סאָקראַטעס ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, איז נישט קיין קלענערער ווי דער אונטערשייד צווישן ניטשעס אויסגעחלומטן זאַראַטוסטראַ און דעם זאַראַטוסטראַ פון דער „זענד־אַוועסטאַ״. אָבערביידע אויסגעפאַנטאַזירטע פאַרשוינען רעפּרע־זענטירן די פילאָסאָפיעס פון צוויי גרויסע דענקערס (אומאָפּהענגיק פון אונדזער באַציִונג צו זייערע אידייען)...

א. אַלמי׳ס ווערק:

די צווייטע עקסיסטענץ (וועגן השארת הנפש), פאַרל. „קאָסמאָס", ניו־יאָרק־מאָנטרעאַל, 1921.

ביי די ראַנדן (לידער), פאַרל. „עכאָ", ניו־יאָרק, 1923.

אין עליאַשס קיניגרייך (יוגנט־לידער), פאַרל. פנחס גראַבאַרד, וואַרשע, 1924.

די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע, פאַרל. מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 1925.

פאַר די ליכט (לידער), וואַרשע, 1927.

די רייד פון בודאַ, פאַרל. ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.

יידישע פּאָוסטאַניע־מעשיות, פאַרל. ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1928.

מענטש און וועלט (עסייען), פאַרל. ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1928.

הומאָריסטישע שריפטן — אין צוויי בענד, פאַרל. א. גיטלין, וואַרשע, 1928.
באַנד 1 — פּאַראַדיעס (אויף יידישע שרייבערס).
באַנד 2 — הומאָרעסקעס און שאַרזשן.

אויפן וועג פון די געטער (די פילאָסאָפישע און רעליגיעזע סיסטעמען פון מצרים, אינדיע און יאַפּאַן, ווי אויך וועגן די אַמעריקאַנער אינדיאַנער) — פאַרל. א. גיטלין, וואַרשע, 1929.

ווען ס׳גלוסט מיך צו לאַכן (פעליעטאָנען און שאַרזשן), פאַרל. מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1930.

ליטעראַרישע נסיעות (עסייען), פאַרל. מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1931.

מיט זיך און מיט אַנדערע (עפּיזאָדן און דערציילונגען), פאַרל. מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1932.

מענטשן און אידייען (עסייען), פאַרל. מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1933.

געקליבענע לידער, פאַרל. מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1933.

קריטיק און פּאָלעמיק (אַ העלפט פון בוך באַשטייט פון אַ פּאָלעמיק מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אין שייכות צו זיין שטעלונג צום היטלעריזם און סטאַליניזם), פאַרל. ש. צוקער ,וואַרשע, 1939.

געזאַנג און געוויין (געטאָ און חורבן־לידער), שרייבער־פאַרלאַג, נ. י., 1943.

מאָמענטן פון אַ לעבן (זכרונות פון קינדהייט און יוגנט־יאָרן), צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1948.

לעצטע געזאַנגען (לידער) אַרויסג. ביי דער מיטהילף פון פאַרבאַנד פון וואַרשעווער יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1954.

אין געראַנגל פון אידייען (עסייען), פאַרל. בוכגעמיינשאַפט ביי דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, בוענאָס־איירעס, 1957.

אויף פויליש:

LEGENDY ZYDOWSKIE O POWSTANIU

איבערזעצט פון ש. הירשהאָרן, וואַרשע, 1929.

אויף ענגליש:

ETERNAL FRONTIERS

(עסייען), פאַרל. אינטערנייישאָנעל פרעס, ניו־יאָרק, 1939.

OUR UNFINISHED WORLD

(עסייען), פאַרל. „ארקאָ", ניו־יאָרק, 1947.

*

בראָשורן:

ANTI-SEMITISM — WHY?

איגל פּאָבלישינג, מאָנטרעאַל, 1937.

פּאַן־אָריענטאַליזם (וועגן אַ נייער אָריענטאַציע אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק), פאַרל. בידערמאַן, ניו־יאָרק, 1939.

די יידישע קאָמענוועלט (שריפטלעכע סימפּאָזיע: א. אַלמי, ד״ר ש. בערנשטיין און דניאל פריש), אַרויסגעגעבן דורך דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואַשינגטאָן ד. ק., 1944.

די גרעסטע יידישע אויפגאַבע (אַרויסג. אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואַשינגטאָן ד. ק., 1945.

אונטערגאַנג אָדער אויפלעבונג? (פּאָלעמיק מיט פּראָפ. לוי פינקעלשטיין). אַרויסג. אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ניו־יאָרק, 1946.

MY CREDO

ספּינאָזאַ־אינסטיטוט פון אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.

THE STRANGE DEATH OF BARUCH SPINOZA

סי־ארט פּאָבלישערס, קיימברידזש, מאסס., 1952.

תעלומת מותו של שפינוזה (סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „הדואר"), ניו־יאָרק, 1952.

ס׳גייט אַריין אין דרוק אַ נייער באַנד זכרונות

פון א. אַלמי:

אין געראַנגל מיט זיך אַליין

זכרונות און מחשבות, חשבון און סך־הכל,

אני־מאמין און וידוי.

אין דריי חלקים

חלק א.

כאַאָס און געשטאַלטונג

ביאָגראַפישער סקיץ
מיין לעצט בוך (אַ וואָרט צו שרייבער און לעזער)
די האַנט (אַריינפיר)
אין אַ פרומער צייטונג
סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קריטיקערס
עכטער און פראָפעסיאָנעלער אידעאַליזם
קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קאָמוניזם
צווישן מוט און פחדנות
עטיק און עסטעטיק, רחמנות און אכזריות
די פאַרלוירענע שלאַכט
מיין ווייב — פראַדל וויסמאַן
פעליאַ
פלאָרענס
אַדעלאַ
לאַורא פערקינס
אַאידאַ מאַריני

די פיר כחות
ווען איך בין ניט איך
די אומדאַנקבאַרע
משפטים מיט ד״ר שאַצקי
דער מענטש, וואָס האָט ניט געוואָלט ווערן גאָט
דער ייד, וואָס האַלט זיך פאַר גאָט
מיינע ספּיריטואַליסטישע דערפאַרונגען
נחת און צער צו 60
וועגן ליטעראַטור־קריטיק
נאָכוואָרט.

חלק ב.

פּופּציק יאַר יידישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע

באַגעגענישן מיט יידישע שרייבערס, כאַראַקטעריזאַציעס, איינדרוקן, אָפּשאַצונגען.

חלק ג.

מגילת הפקר

אין דעם דאָזיקן באַנד זכרונות, וואָס נעמט אַרום איבער פּערציק יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, גייט אַריין אַ צאָל בילדער — אינדיווידועלע און גרופּעס.

אַרויסגעבערס: אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EN EL MES DE MAYO DE 1957, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149. BUENOS AIRES, R. A.

A. ALMI

PUGNA DE IDEAS

OBSEQUIO PARA USO PARTICULAR
SIN FINES COMERCIALES.

*

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1957